STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01879

KONTRASTN

Rosa Kremer

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רָאזע קרעמער

קאָנטראַסטן

ראָזע קרעמער

קאָנטראַסטן

בראַזיליאַנער מאָטיוון

הויפּט־פאַרקויף י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק

תל-אביב, תשל"ז — 1977

ROSA KREMER

KONTRASTN

ראָזע קרעמער / קאָנטראַסטן

ROSA KREMER
R. XV de Novembro 63
S. J. Dos Campos
S. Paulo — Sp. Brasil

נדפס בישראל תשל״ז
Printed in Israel 1977

דפוס „אור״ בע״מ, תל־אביב, שד׳ הר־ציון 104, טעל. 822481

ביאָ־ביבליאָגראַפיע פון ראָזע קרעמער

געבוירן 1905 אין וואַרשע. אירע עלטערן — יידיש־וועלטלעכע פאָלקס־מענטשן פון מיטלקלאַס. זי איז געווען די יינגסטע פון די ניין קינדער. פיר זענען יונג געשטאָרבן, די אַנדערע פיר זענען צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע, דריי ברידער, דריי שוועגערינס. צען קינדער, (יעדער פון זיי, האָט געהאַט צו דריי און פיר קינדער) און צוויי אייניקלעך אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין פוילן, אין דער לעצטער וועלט־מלחמה.

געקומען קיין בראַזיל סוף 1930. געוווינט אַ צייט אין סאַן־פּאַולאָ, חתונה געהאַט סוף 1931. מיט אַ יאָר שפּעטער זיך באַזעצט אין סאַן זשאָזשע דאָס קאַמפּאָס, ווו איר מאַן האָט געהאַט אַ געשעפט.

אָנגעהויבן דרוקן דערציילונגען אין 1953 : אין „אונזער שטימע", סאַן־פּאַולאָ ; אין „די פּרעסע", בוענאָס־איירעס ; אין „דער נייער מאָמענט", סאַן־פּאַולאָ; „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער", בוענאָס־איירעס ; „דער טריקאָ־פאַבריקאַנט", פּאַריז ; „יום־טוב־בלעטער", יאָהאַנעסבורג ; אין „היינט", מאָנטעווידעאָ.

געהייליקט דעם אָנדענק פון:

מיין מאַן משה קרעמער
מיין טאַטע יעקב־שיע
מיין מאַמע אסתר־באַשע
מיינע ברידער הערש שלמה און אברהם
מיין שוועסטער מרים
מיין פעטער דוד
מיינע קוזינען הערש, משה, אברהם, יצחק, זכריה,
און הערשעלע
צען פלימעניקעס און פלימעניצעס

אומגעבראַכט על קידוש־השם
אין די חורבן־יאָרן
פון הריגות און שחיטות אין פוילן
הי״ד

מיין האַרציקן דאַנק דריק איך אויס דעם פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ פֿאַרן דערמעגלעכן דאָס דערשיינען פֿון דאָזיקן בוך.

אויך אַ גרויסן דאַנק דעם עסייִסט און דיכטער משה קנאַפּהייס — און זיין פֿרוי רות קרוין — פֿאַר זייער דערמוטיקן מיך און פֿאַר זייער מיטווירקונג, מי, און אָנשטרענג, אַז דאָס בוך זאָל דערזען די ליכטיקע שיין.

מיין בעסטן דאַנק מיין פֿריינד —

דעם שרייבער אברהם ברענער פֿאַר זיין הילף און מי.

אויך אַ דאַנק דער ליבער פֿרומעלן (פּירמינע) פֿאַר איר אומענדלעכער גוטסקייט.

ראָזע קרעמער

אינהאַלט:

11 פאָרוואָרט פון מחבר

דערציילונגען

15 אין לאַבירינטן פון טירן
31 סאַטאַנאַקי
49 זיין דורכפאַל
73 געמישטע בלוטן
83 מערי און באָריס
103 צו אַ פוסטער היים
121 לאַנדסלייט
137 דער ברודער מיט די געלאַטעטע הויזן
147 מזל און שלימזל
159 מיין פעטער דוד
163 איינזאַם

לידער

171 דער פאָרשער
173 מיסטעריעזע הענט
174 באַריר נישט
175 תפילה
176 מיר האָט זיך געחלומט
177 אייל זיך, מיין חלום
178 אויפן באַרג
179 מעפיסטאָ
180 סענטענץ
182 איך זע דיך, מאַמע
184 אַרויסגעלויכט
186 זאָג מיר נאָר
188 אַז עס וועט אויספעלן רייז אין שטוב ?
190 סירעיעמאָ

בילדער — זייטן 5 און 169

פאָרוואָרט פון מחבר

איך ווייס נישט צי אַט דאָס פאָרוואָרט האָט אַ דירעקטן שייכות צום עצם ענין, צו דער טעמאַטיק, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין די דערציילונגען. ווי אַ הקדמה צום בוך וואָלט דער מחבר, ווי ס'פּירט זיך, געדאַרפט באַהאַנדלען אויסשליסלעך די פּערסאָנאַזשן, סביבה, אָרט און צייט פון די האַנדלונגען און דעם ווירקונגקרייז פונעם טיפּאַזש, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט אינעם בוך. אין דעם זין דינט זיכער נישט דאָס אַריינפיר־וואָרט ווי אַן אינוואָקאַציע צום אינהאַלט, צו די באַהאַנדלונג־טעמעס. — דער מחבר געהער אויך נישט צו די, וועלכע האָבן זיך געפונען נאָענט פון דער חורבן־וועלט, וואָס דאָס וואָלט גיכער געקאָנט באַרעכטיקן זיין אינדיווידועלן צוגאַנג און לייגן דעם חותם איצט — דורכן ווענדן זיין בליק אויף צוריק — צום סכנה־קרייז פון וואַנען ער שטאַמט, און וואָס פאַרפאַלגט די אַלע, וועלכע האָבן איבערגעלעבט דאָס גיהנום זייט דער צווייטער וועלט־מלחמה ביזן הייניטיקן טאָג.

אויב אָבער דער מחבר האָט פאָרט געהאַלטן פאַר נייטיק מיט זיין ווענדוואָרט צום לייענער צו ציען זיין אויפמערק רעטראָספּעקטיוו צו אַ צייטאָפּשניט און שטח, וואָס ליגט נישט אויף דער דירעקטער ליניע פון זיינע דערפאַרונגען און איבערלעבענישן, און איז אַ דיגרעסיע, אַ קער אין אַ זייט. זאָגט עס נאָר עדות, אַז ער האָט זיך גערייכט פון

אַ ריין־־הומאַניטאַרן שטאַנדפּונקט, דאָס הייסט, אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען פון אַ ריין־יידיש־מענטשלעכן צוגאַנג, וואָס האָט אים געמאַטערט די גאַנצע צייט זייט דעם טראַגישן אומברענגען פון זיין היים, פון וואַנען ער האָט געצויגן זיין יניקה אין דער ווייט און אין דער פרעמד, אויפן באָדן וועלכן ער האָט זיך פאַראייגנט און געמאַכט פאַר זיין צווייטער היים, אָבער מיטן מהות און באַנעם איז ער געבליבן שטעקן אין דער וועלט פון זיין יוגנט און קינדהייט, אַ וועלט, וואָס איז געוואָרן אונטערגעשניטן און אויסגעריסן מיטן וואָרצל דורך אַ מטורף און מאַניאַק, וועמען ס'האָט זיך איינגעגעבן אַ גאַנץ פאָלק צו מאַכן פאַר די זעלבע מאַניאַקן און מענטשן־פרעסערס, פשוטע פאַרברעכערס.

גאַנצע דורות וועלן נאָך פאַרביי און די וועלט וועט זיך נאָך אַלץ נישט אויפהערן צו באַשעפטיקן מיטן אויסטערלישן מאַקאַברישן פּראָבלעם פון אונדזער צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט; מיטן ספינקס־פּראָבלעם פונעם דייטשן מאַסנמאָרד־פּסיכאָז, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ גאַנץ פאָלק מיט זיינע וואָרטזאָגערס און געלערנטע, אינטעלעקטואַלן און פּאָליטיקער, גייסטלעכע און פילאָסאָפן, פּראָפעסאָרן, שרייבערס און דיכטערס. אַ גאַנץ פאָלק וואָס האָט אָנגעהויבן לעבן פון מאָרד און רויב, רציחה און גזילה; וואָס האָט אויסגעשטעלט אויף דעם וואָס די טאַטעס, זין, חתנים וועלן אַהיימשיקן פון פראָנט, פון די אָקופּירטע געביטן, פון פאַרכאַפּטע שטעט און לענדער פאַר זייערע כלה'ס, טעכטער און מאַמעס דאָס אָנגעראַבעוועטע האָב און גוטס פון אַנדערע טאַטעס, זין, התנים, מאַמעס, טעכטער און כלה'ס. ווי אַזוי האָבן דייטשע מאַמעס, וואָס האָבן געבוירן זייערע קינדער מיט ווייען, ווי אַלע מאַמעס, געקאָנט אָננעמען די פאַרבלוטיקטע מתנות פאַר זייערע קינדער, די קליידלעך, הייזעלעך און שיכעלעך, וואָס זענען

אַראָפּגעצויגן געוואָרן פון קינדער, וואָס זענען דורך די מתנה־שיקערס געוואָרן בעסטיאַליש דערהרגעט? ווי אַזוי האָט אַ גאַנץ פאָלק — נישט איין אויסוואורף אַ יחיד, נאָר אַ גאַנץ פאָלק — געקאָנט פועלן ביי זיך אָנצוהייבן לעבן אויפן חשבון פונעם אומגליק און אומקום פון אַן אַנדער פאָלק, פון אַנדערע פעלקער; לעבן אַ לעבן פון חיות־רעות, היענעס און שאַקאַלן, טיגערס און שלאַנגען?

ווי אַזוי האָט אַ גאַנץ פאָלק פאַרלוירן איבער נאַכט דאָס געוויסן, דעם קולטור־באַגאַזש פון דורות און זיך אַרויסגעלאָזט מיט מעסערס און העק, צעיושעטע ווי די חיות פון דזשונגל, צו שפּאַלטן קעפּ פון רואיקע, פרידלעכע, אומבאַוואָפנטע, שוצלאָזע און הילפסלאָזע מענטשן, און ווען? — אין מאָדערנעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און נישט אין מיטל־עלטער, און ווו? — אין הויכקולטורעלן דייטשלאַנד, נישט אין קיין מדבר.

לאַנג נאָך וועלן זיך מענטשלעכע מוחות באַשעפטיקן צו דערגיין דעם סוד ווי אַזוי אַזאַ קולטורפאָלק, ווי דאָס דייטשע, האָט איבער נאַכט געקאָנט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מערדערפאָלק.

צווישן יידישן פאָלק און דעם דייטשן מערדערפאָלק איז אויסגעוואַקסן אַ וואַנט, וואָס די נאַציס האָבן אַליין אַוועקגעשטעלט אויף די פונדאַמענטן פון דער געטאָ־מויער, אַ וואַנט פון יידישעביינער. צווישן אָט די איינגעמויערטע ביינער אינעם טויטנטורעם, וואָס גרייכט מיט זיין שפּיץ אין די הימלען, געפינען זיך אויך די ביינער פון דער גאַנצער משפחה פונעם מחבר, די פאַמיליע־מיטגלידער פון איר מאַן, איר לעבנס־באַגלייטער, משה קרעמער, און אויך די קרובים פונעם רוב יידישע העלדן פון די דערציילונגען, וואָס קומען אַריין אין דאָזיקן בוך — די אָפּשטאַמיקע און געקומענע אַהער פון דער אַלטער היים, פון דער היים, וואָס איז

אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער וועלטמאַפּע, פונעם יידישן וועלטפאָלק.

ביי יעדער פייערלעכער געלעגנהייט — און אַזאַ פייער־לעכער מאָמענט איז אויך דאָס דערשיינען פון אַ יידיש בוך נאָכן חורבן — דאַרף געזאָגט ווערן יזכור־קדיש נאָך אונד־זערע קדושים — די פאַרגאַזטע, פאַראַשטע און פאַרביינערטע — וואָס האָבן געשטערקט זייער לעבן על קידוש־השם.

ראָזע קרעמער

סאַן זשאָזשע דאָס קאמפּאָס, בראַזיל.

אין לאַבירינטן פון טירן

אַ פעסטע דונערדיקע נעגערשטים האָט אָפּגעהילכט אין וואַלד. דער שטאַרקער עכאָ האָט זיך געטראָגן פון בוים צו בוים, אַוועק־געלאָפן ווייט צום ראַנד, זיך אָנגעשלאָגן אָן ראַקיס אויערן און זיך אַוועקגעקליוועט העט ווייט צו דער בערגקייט און נאָך אַ לענגערער ווייל אויסגעגאַנגען אין דער קלאָרער דורכזיכטיקער לופט.

דער וואַלד האָט אויפגעציטערט פונעם געשריי, זיך אויפגעכאַפּט פונעם אידילישן פאַרטאָגיקן שלאָף. די אויסגעטשוכעטע פייגל האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון דיביימער, איבערגעשראָקענע זענען זיי מיט אַ געסוויטשעריי זיך צעפלויגן איבערן חלל פונעם בלייכן פרימאָרגן־הימל, וואָס איז געלעגן נידעריק איבערן ראַנד פונעם טונקעלן וואַלד. די געדיכטע צווייגן האָבן אויפגעציטערט פונעם לייכטן ווינטל צוזאַמען מיט די בלעטער, פונקט ווי ראַקי מיט זיין מאַמען, וואָס האָט זיך באַוויזן אין פעלד ביים ראַנד פונעם וואַלד.

— פאַרע! שטיין! נישט אַנטלויפן — האָט זיך ווידער אַ מאָל דערהערט די זעלבע מענערישע שטים, וואָס האָט שוין איצט גע־קלונגען באַפעלעריש, חוצפהדיק און שטרענג.

ראַקי מיט זיין מאַמען זענען געבליבן שטיין ווי צווויי אויפגע־שויבערטע פייגל, וואָס ווערן באַפאַלן פון אַן אָדלער. מאַמע און זון האָבן גלייך אַראָפּגעוואָרפן פון זייערע אַקסלען די צוויי בינטן צווייגן און זיך געטרייסלט פון שרעק ווי אַ פיש אויף דער יבשה. וואָס וועט איצט זיין? דער גוטבאַזיצער, דער שטרענגער ניקאָ, וועט איצט ווידער צונעמען ביי זיי דאָס האָלץ און זיי וועלן נישט האָבן מיט

וואָס צו פאַרשאַרן קוקורוזע — האָט ראַקיס מאַמע גענומען קלאָגן פאַר זיך:

— זאָלסט אים נישט אָפּענטפערן, ראַקי — האָט זיך געווענדעט צו אים איר בעטנדיקער בליק — ער קאָן דיך נאָך, זון מיינער, דערהרגענען, און אפשר מיך אויך... פאַר גנבנען דאָס האָלץ פון זיין וועלדל קומט אַ גרויסע שטראָף...

דער דאַרער ביינערדיקער פאַרמער האָט זיך דערנענטערט צו זיי אויף זיין גלאַנציקן ברוינעם פערד און שוין צוקומענדיק גאָר נאָענט זיך פאַרהאַלטן און גוטמוטיק אַ שמייכל געטאָן:

— קום אַהער, ראַקי, האָב נישט מורא... כ׳וועל איך נישט טאָן קיין שלעכטס... כ׳וויל רעדן מיט דיר... נישט מער... זאָג מיר נאָר, ראַקי, וואָלסט אפשר געוואָלט אָנקומען אַרבעטן צו מיר אין גוט? וואָס וועסטו זיך אַזוי אַרומדרייען פוסט און פּאַס, לעבן פון לקחנען עפּעס דאָ און דאָרט, בּרעכן צווייגן פון מיין וועלדל... מ׳עט דיך איינ־זעצן אין טורמע און דאָרט וועסטו נאָך פוילן לאַנגע יאָרן... ביי מיר וועסטו נישט עסן קיין קוקורוזע־מעל מיט הוילע בעבלעך. וועסט האָבן מילך מיט ברויט געבאַקן אין מיין פאַזענדע און געבראָטן פלייש צו דער זעט. דיין מאַמע וועט אויך נישט צולייגן דערצו. אויף שבת־זונטיק וועסטו איר קאָנען יעדעס מאָל ברענגען עפּעס וואָס אין שטוב אַריין, זי זאָל האָבן פאַר זיך און פאַר די קלענערע קינדער... נו: וואָס שווייגסטו, רעד אַ וואָרט, זאָג, יאָ צי ניין? ענטפער!

ראַקי איז געשטאַנען אַ צעטומלטער און נישט געגלייבט זיינע אייגענע אויערן, גלייך ווי דאָס אַלץ וואָלט געווען אַ חלום, און די אַלע גוטע צוזאָגן — אַן אומגלייבלעכקייט, אַן אויסטראַכטעניש פון אַ קראַנקער פאַנטאַזיע. ערשט דעם פאַרמערס אויסגעשריי ער זאָל געבן אַן ענטפער האָט אים אויפגעוועקט פון זיין צערוישטקייט. ער האָט פּלוצים פאַרהויבן דעם בליק וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד און אויסגעשריגן אַ דערפרייטער:

— סי, סעניאָר ניקאָ! אַוודאי וויל איך! — האָט ער זיך אַוועק־

געשטעלט מיט אַן אַרויסגעשפּאַרטער ברוסט, שוין גרייט אויסצופּילן יעדן באַפעל פון זיין געביטער.

— מיין זון, סעניאָר, וועט אַרבעטן געטריי, איבערגעגעבן, נישט גנבענען, נישט נעמען גאָרנישט. אַ גוט קינד, סעניאָר, איז מיין ראַקי, אַ גוטער זון. ער וועט אַלץ פאָלגן וואָס דער סעניאָר וועט אים זאָגן.

— קאָנסט נעמען דאָס האַלץ — האָט דער פאַרמער אַ וויז געטאָן מיטן בייטשל אויפן בינט צווייגן און אַוועקגעריטן אין פעלד אויף זיין פולן אויסגעפּאַשעטן פערד, מיט אַ רויט צעפּלאָמטער מעכטיקער גריווע.

ראַקי אַזאַר איז אויסגעוואַקסן אַ געזונט פאַרברוינט ייִנגל כאָטש ער האָט זיך דערנערט מיט בלויזע שוואַרצע בעבלעך, אַן רייז — דאָס סאַמע אָרעמסטע מאכל פון אָרעמסטן בראַזיליאַנער, וואָס קאָן אויסקומען אָן ברויט, אָן יעדער זאַך, נאָר נישט אָן „פּיזשאַן אראזש"; אָן רייז מיט באָבעלעך איז זיין עסן קיין עסן נישט, איז עס שוין הונגער, נאָר אויסצוגיין. ביי ראַקיס מאַמע איז „פּיזשאַן אראזש" געווען אַ יום־טובדיק מאכל. נישט יעדן טאָג האָט זי זיך געקאָנט פאַרגינען צו קאָכן, נאָר אַ מאָל אין אַ גרויסן פּיעסטאַ־טאָג, אַ יום־טוב.

ווי אַלע קינדער אין דאָרף פלעגט ראַקי קריגן עסן בלויז שוואַר־צע בעבלעך, פאַרמישט מיט אַ ביסל מאַנדיאָקע־מעל פון געטרוקנטע צעריבענע קאַרטאָפל. פון דעם איז באַשטאַנען דאָס גאַנצע מיטאָג. און אין דער פרי פלעגט ער טרינקען די שיטערע קאַווע מיטן קוקורוזע־מעל, ווי אַלע דאָ ביים ברעג טייך פלעגן זיך מיט דעם דערנערן.

ער איז אַלט געווען זעקס יאָר, ראַקי, ווען ער איז אַוועק אַרבעטן ביי די בעבלעך־שויטן אין פעלד וווּ זיין מאַמע האָט געאַרבעט. ער פלעגט מיט די קליינע הענטלעך אַרויסרייסן די ווילדע געוויקסן פון דער פאַרטריקנטער ערד, אָפּצופּן די שטענגלעך, עפענען די גרינע שויטן און אָנשיטן אַרום זיך פול בעבלעך, וואָס האָבן זיך געטרוקנט אויף דער זון.

ווען ראַקי איז אַביסל עלטער געוואָרן, איז ער אַריבערגעגאַנגען

אַרבעטן אויף די רייז־פּלאַנטאַציעס, ווו ער פלעגט שטיין צוגלייך מיט זיין מאַמען פון גאַנץ פרי ביז זונפאַרגאַנג אין די אַנגעלאָפענע וואַסערן ביז די קני־ען. דאָ אויף די רייז־פּלאַנטאַציעס, ווו ראַקי איז אויסגעוואַקסן ביי דער זייט פון זיין מאַמען, האָט דער פאַר־ברוינטער יונגער בחור באַקענט אויך אַזאַ פאַרברוינט שיין יונג מיידל, שאַנדיקע, וואָס האָט געאַרבעט גלייך מיט אַלע אויף די רייזפעלדער פונעם בייזן ניקאָ.

ווי אַ פרי רייף־געוואָרענע איז זי געווען גוט אַנטוויקלט און דורכן צעריסענעם אַרבעטקליידל האָבן זיך געצייכנט אירע יונגע פרויי־שע פאָרמען פון איר טונקל פאַרברוינט לייב, וואָס האָט צו־געצויגן צו זיך ראַקיס בליק פון זיינע גרויסע ברוינע אויגן. אַלע ווייל פלעגן זיי זיך איבערקוקן און בלייבן פאַרשעמט ווען זייערע בליקן האָבן זיך צונויפגעטראָפן. ראַקיס גיריקער בליק איז אויף אַ ווייל, ווי אין אַ בליץ, פאַרבלענדט געוואָרן פון שאַנדיקעס העלע בלאָע אויגן. פון דאָזיקן איבערקוקן זיך און נאָכפאָלגן איינער דעם צווייטן מיט די בליקן האָט זיך אָנגעהויבן וועבן, ווי מיט אומגעזעענע זיידפעדעם, אַ שטילע שעמעוודיקע ליבע פון צוויי דאָרפסקינדער אונטערן הייסן בראַזיליאַנער הימל, ביי די קאַלטע וואַסערשטראָמען פון די רייזפעלדער אונטער זייערע פיס.

שפּעטער אַ ביסל האָט דער ביינערדיקער פאַרמער, ניקאָ, אַוועק־גענומען ראַקין פון דער רייז־פּלאַנטאַציע, ער זאָל אַרבעטן ביי אים אין הויף, אַרום זיין שטוב און אים אַריבערפירן אויפן שיפל איבערן טייך אויף יענעם זייט ברעג.

ראַקי איז יענע נאַכט שוין נישט געשלאָפן. ענדלעך פּטור געוואָרן פון די וואַסערן אויף די רייזפעלדער. זיין פוס וועט ערשט טרעטן אויף האַרטן באָדן און נישט אין די ליימיקע ערדן פון די רייז־פּלאַנטאַציעס. איידער ס׳האָט נאָך גענומען בלאָען אין דרויסן איז ער שוין געווען אויף די פיס און אין איין אָטעם געקומען צו לויפן אין דער פאַרם זיך צו פאַרנעמען מיט דער ווירטשאַפט פון הויף פון זיין באַלעבאָס.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען שאַנדיקע איז אָנגעקומען אַרבעטן, ווי ער, אין דער פאַרם, האָט ראַקי מיט איר חתונה געהאַט און שוין געפירט אין איינעם אַן אייגן באַלעבאַטישקייט נישט ווייט פון זייער באַלעבאָס הויף. נאָך איידער דאָס יאָר איז אַריבער איז שוין געקומען אַ קינד אויף דער וועלט און שפּעטער נאָך איינס. ווי אַ מוראַשקע האָט שאַנדיקע געאַרבעט טאָג און נאַכט. זי האָט באַדאַרפט באַוויייזן אי אויסצופירן אַלע אַרבעטן אין דער הויזווירט־שאַפט פון אַלטן פאַרמער אי ביי זיך אין דער היים און רעכט קיין צייט נישט געהאַט צו זיך אַליין, זיך אַרומזען, צי זי איז אַ שיינע אָדער אַ מיאוסע. ס׳איז אויך נישט געווען נייטיק. ס׳האָט נישט געשפּילט קיין ראָל. דער אייגענער אויסזען האָט נישט פאַרנומען קיין באַזונדער אָרט נישט ביי איר און אַוודאי נישט ביי ראַקין.

דעם סעניאָר ניקאָס פאַרם איז געלעגן האַרט ביים טייך „פּאַראַנאַי״ וואָס האָט געשראָקן די מענטשן פון דער אַרומיקער געגנט פוןביידע זייטן טייך, וואָס האָבן אים גערופן דער „מיסטעריעזער טייך״ צוליב דעם וואָס עטלעכע מענטשן זענען שוין אין אים דערטרונקען געוואָרן אויף אַ מאָדנעם אומפאַרשטענדלעכן אופן, נישט בעת אַ שטורעם, נאָר גראָד פאַרקערט, ווען די וואַסערן זענען געווען רויק און די אויבערפלאַך שטיל און גלאַט ווי אַ שפּיגל.

צו מיינסט זומערצייט פלעגט ראַקי אַריבערפירן זיין באַלעבאָס מיטן שיפל אויפן אַנדערן ברעג, וואָס האָט געפירט צום שטעטל פון „הייליקן זשאָזשע פון די פעלדער״. דער פאַרמער ניקאָ האָט דאָרט געפלעגט פאַרברענגען אַ גאַנצע נאַכט און זיך אומקערן פאַר טאָג אַהיים צוריק אין דער פאַרם.

אין אַ נאַכט האָט ראַקיס ברויטגעבער אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר און אַ רוף געטאָן מיט זיין שאַרפער שניידיקער פאַרהייזעריקלעכער שטים:

— ראַקי! שטיי אויף! וועסט מיך אַריבערפירן מיט מיין קוזין אויף יענעם זייט ברעג! גיכער, די נאַכט שטייט נישט... ס׳וועט שוין באַלד נישט זיין ווען צו פאַרברענגען...

ראַקי פלעגט זיך לייגן מיט די הינער גלייך, ווען ס׳האָט נאָר אָנגעהויבן ווערן נאַכט. ווען דער דאַרער מענטש, זיין באַלעבאָס, וואָס אַלע האָבן געציטערט פאַר זיין גרילצנדיק קול, האָט אים געררופן הינטער דער טיר, איז שוין ראַקי געהאַט גוט איינגעשלאָפן.

נישט וואַרטנדיק אויף ראַקיס אָפּרוף איז דער פאַרמער אַריין צו אים אין שטוב און אים גענומען טרייסלען פאַרן אַקסל.

ראַקי האָט זיך אַ דערשראָקענער אויפגעכאַפּט און דערזען דעם גוטבאַזיצער ביי זיין געלעגער. ער איז גלייך אויפגעשפּרונגען אַן אויסגעטשוכעטער און מיט גרויס רעספּעקט גענומען זיך בייגן פאַר זיין באַלעבאָס. געווען איז עס סך־הכל אַכט אַזייגער אין אָוונט. אין דאָרף האָט עס שוין געהייסן נאַכט. דאָ איז די מיטאָג־שעה צען אַזייגער, און אָוונטברויט עסט מען אַזייגער פיר, גלייך נאָכן זונפאַרגאַנג ווען ס׳נעמט גיך צופאַלן דער אָוונט.

אין געציילטע מינוטן אַרום האָט ראַקי שוין געשפּאַנט ביי דער זייט פונעם פריץ אויפן וועג צום טייך, ווו ס׳האָט אויף זיי געוואַרט אַ דיקלעכער יונגערמאַן מיט אַ דין צוגעשניטן וואָנסע־פּאַסיקל איבער דער אויבערשטער פולער ליפּ. דער קוזין פונעם באַלעבאָס איז געשטאַנען מיט אַ קליין רענצל און שוין געוואַרט אַן אומגעדולדיקער אויף זייער אָנקום. ביידע מענער זענען אַריין אין שיפל. ראַקי האָט גענומען רודערן מיט די וויאָסלעס איבער דער גלאַטער פלאַך פונעם טונקעלן וואַסער, וואָס האָט געווייעט מיט רעטעניש און סוד.

אין אַ קאַרגער האַלבער שעה זענען זיי אַלע דריי געווען אויפן אַנדערן זייט ברעג. ביידע מענער זענען מיטן שמאָלן שטעגל אַוועק אין שטאָט און ראַקי איז געבליבן אויפן ברעג לעבן פאַראַנקערטן שיפל, און נאָכגעקוקט ווי די צוויי מענער זענען פאַרשווונדן אין ערשטן זייטיקן געסל. ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט האָט ער דערזען אָנקומען אַ פּראָצעסיע, וואָס איז געווען באַלויכטן פון וואַקסענע געלע ליכט. פון ביידע זייטן אַרום אים האָבן זיך גענומען באַוועגן מענטשן ווי שאָטנס, שטומע, אָן רייד, מיט אָנגעצונדענע ליכט אין די הענט. זיי זענען געגאַנגען מיט פּאַמעלעכע טריט, אין דער פייער־

לעבער שטילקייט האָט מען צו מאָל קיין שאַרף נישט געהערט אין אַרום. רייענווייז האָבן מענער און פרויען זיך געצויגן אפשר אויף אַ קילאָמעטער די לענג. ראַקין האָט זיך אויסגעוויזן אַז די פּראָצעסיע וועט זיך אַזוי ציִען ביז אין דער אייביקייט אַריין.

אַ פאַרכישופטער איז ראַקי געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צום אויסטערלישן ספּעקטאַקל גלייך ווי ער וואָלט צוגעשמידט געוואָרן צום אָרט, אַזוי פאַרכאַפּט איז ער געווען פון דאָזיקן נאָכטבילד אויפן פאָן פון פאַרלאָשענעם הימל און טונקעלן טייך. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער געזען אַזאַ ריזיקן עולם, וואָס האָט זיך געצויגן לענגאויס דעם ברעג און זיך גענומען אַריינדרייען אין זעלבן שמאָלן געסל, ווו די צוויי מענער זענען פריִער אַ ביסל פאַרשוואונדן. ער האָט נישט געפילט ווי אַזוי ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם שטראָם פון די רייען און אָנגעהויבן מיטגיין מיט די פּראָצעסיע־גייער. ער איז געגאַנגען סטיכיש מיטן זעלבן טריטעלע, וואָס די עולי־רגל, ווי באַוויגן פון אַן אינערלעכן דראַנג.

וואָס מער די פּראָצעסיִע האָט זיך דערנענטערט צום צענטער שטאָט אַלץ מער איז זי געוואַקסן און געוואָרן גרעסער. מענער אין רויטע געהאַפטענע טראַכטן מיט פאַרשידנקאָליריקע פענער און גרויסע ליכט אין די הענט; די פרויען פון איין זייט גאַס אָנגעטאָן אין שוואַרצן מיט שוואַרצע שאַלן אויף די קעפּ, און די פרויען פון דער צווייטער זייט גאַס, ווייסגעקליידעטע מיט ווייסע כלה־שלייערן אויף די קעפּ — די טעכטער פון דער הייליקער מאַריע — אַלע האָבן זיי געשטראָמט אין דער ענגשאַפט פון דער שמאָלער הויפּט־גאַס וואָס האָט געפירט צום קלויסטער אויפן באַרגאַרויף אַנטקעגן דעם אָפענעם נאַקעטן טאָל פון דער צווייטער זייט שטאָט. אין אַלע־מענס הענט האָבן זיך געוויגט די פאַפירענע קאָלירטע לאַמטערנס. יעדע וויִל, האָט זיך געדאַכט, וועלן זיי זיך אָנצינדן און אַרומכאַפּן מיט די פלאַמען די מאַריעס מיט זייערע ווייסע דורכזיכטיקע וועלאָנען.

די פּראָצעסיע האָט זיך פּאַמעלעך באַוועגן איבער דער שטאָט און אַזוי מיטגעצויגן מיט זיך ראַקין איבער אַלע גאַסן. ער האָט נישט געוווסט ווו ער געפינט זיך און וויפיל ס'קאָן שוין האַלטן דער זייגער. ער איז מיט אַלעמען צוגעקומען צום הויכן פּאַרשפּיצטן קלויסטער און פּאַרכאַפּט געוואָרן פון דער פּאַרשווּנדערישער רייכ־קייט. ער האָט עס קיין מאָל נישט געזען אין זיין לעבן, געבליבן ווי פּאַרכישופט פון דער אַרומיקער פּראַכט, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פונעם צעעפנטן און צעליכטענעם קלויסטער און נישט אויפגעהערט צו גאַפן און שטוינען.

ראַקין איז פּלוצים באַפאַלן אַן אימה, אַ שרעק. ער האָט פּאַר־געפילט עפּעס אויסטערלישס, עפּעס פּאַטאַלס. די פּראָצעסיע האָט אים אי פּאַרכישופט, אי געשראָקן. ער האָט שנעל זיך אויסגעדרייט און אַוועקגעלאָפן מיט גיכע טריט.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט צום טייך איז שוין געווען גוט שפּעט, ווי פּאַרשיכורט האָט ער זיך אויסגעשיילט פון די הינטער־געסלעך וואָס זענען איצט געווען פּוסט און פינצטערלעך. ער איז געגאַנגען מיט וואַקלדיקע טריט איבערן ברעג און פּאַרנומען דעם אָפּהילך פון זיינע אייגענע טריט ווי זיי וואָלטן נישט געהערט צו אים נאָר צו עפּעס אַ צווייטן.

פּלוצים האָט ער דערהערט ווי עמעצער האָט אויסגערופן:

— גיי אַהיים! ס'איז שוין שפּעט! שוין נאָך האַלבער נאַכט! מע וואַרט דאָך אויף דיר! וואָס שלעפּסטו זיך דאָ אַרום ?..

דאָס קול האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי ס'וואָלט געקומען אי פון גאָר נאָענט פון הינטער זיינע פּלייצעס, אי פון וויַיט, פון דער טייך־טיפעניש אַרויס. אַ שוידער האָט אים אַרומגענומען:

— זשעזוס! מעיא נויטע! שוין האַלבע נאַכט! — האָט ראַקי זיך געגומען אַרומקוקן און דערזען פּאַר זיך אַ פינצטערן הימל און אַ נאָך מער חושכדיקן טייך. ער האָט זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און

אַרויף אויפן שיפל, וואָס האָט זיך אָן איינזאַמס געוויגט ביים ברעג. דער שוואַרצער אויבערפלאַך האָט קוים אַ פּאַליע געטון מיט אַ כוואַליע. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט מיט צענומענע פיס אין צענטער פון שיפל און גענומען רודערן מיט די וויאָסלעס. ער האָט גוט געקאָנט דעם פאַראַנאָיע־טייך מיט אַלע זיינע קאַפּריזן און שטיפעריייען, צו־להכעיסן און ברוגזן. ער האָט געוווסט ווי אַזוי אים איינצונעמען ווען ער צעבייזערט זיך און ווען אים נאָכצוגעבן בעת ער גיט זיך אַ קאָך אויף אַ דערצאָרנטער פון כעס. דאָך האָט אים איצט אַרומ־געכאַפּט אַן אומבאַוווסטער פחד, ווי איינער וואָס דערשפּירט, אַז ס׳לויערט אויף אים אַ חיה און מע קאָן קיין מאָל נישט וויסן ווען ס׳וועט איר געבן אַ פאַל איין צו געבן אַ שפּרונג אויף צום צערייסן און פאַרצוקן.

ראַקי האָט שטענדיק געפלעגט אַריבערשיפן דעם טייך ביי טאָג און קיין מאָל נישט ביי נאַכט. אַזוי פירנדיק דאָס שיפל אינעם שטילן געפּליעסק פון די אויפגערודערטע פאַליעס איז ווידער אויפגעגאַנגען הינטער אים דאָס קול, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין אים און נישט אויפגעהערט מאָנען און יאָגן:

— נו, גיכער, פחדן איינער וואָס דו ביסט! שעמסט זיך נישט פאַר זיך אַליין צו פירן דאָס שיפל אַזוי פאַרזיכטיק ווי אַ גנב! אייל זיך, גיכער, וועסטו איבערקומען אַלע געפאַרן! אָט באַלד וועסטו זיין ביי דיין ווייב און קינדער, אייל זיך, נאָך שנעלער! זיי וואַרטן דאָרט אויף דיר! זיי קוקן דיך אויס ווי מיט ליכט, טרייב! יאָג!

ראַקי האָט פעסט געהאַלטן דעם איינעם רודער אין די הענט. דעם אַנדערן האָט ער געלאָזט אין שיפל. שטייענדיקערהייט דאַרף מען נישט מער ווי איין וויאָסלע. ער האָט לייכט געפירט דאָס שיפל איבער דער טונקעלער גלאַטער פלאַך פונעם פאַרטייעטן טייך, און צו זיך אַליין געזאָגט: פירמע, ראַקי! פעסטער, מיט קוראַזש; לאָך זיך אויס פון דער שרעק! אָט נאָך אַ ווייל און דו וועסט זיין אויף דער אַנדערער זייט...

ער איז שוין געהאַט אָפּגעפאָרן ביז אין דער העלפט טייך, ווו

ס׳האָט זיך געפונען דאָס טיפסטע אָרט. ראַפּטום האָט זיך דאָס שיפל אַ קער געטון אין אַ זייט, ווי עמעצער, אַן אומגעזעענער, וואָלט עס אַ שטויס געטאָן מיט אַ פוס. ראַקי האָט זיך געגעבן אַ וואַקל, איינ־צוהאַלטן די גלייכגעוויכט און ווען ער האָט זיך שוין געהאַט אויס־געגלייכט האָט עס אים אַ צי געגעבן אויף צוריק. אין אויגנבליק האָט זיך דאָס שיפל געגעבן אַ טיפן בייג און זיך איבערגעקערט מיט אַ הילכיקן געפּליעסק, ווי ס׳וואָלט עס עמעצער געצויגן אַראָפּ ווי מיט שטריק, און צוזאַמען מיטן שיפל איז ראַקי אַרונטער אונטער דער אויבערפלאַך מיט אַ ווייסער שוים.

אין דער פרי ווען ראַקיס ווייב, שאַנדיקע, האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט זי געזען אַז ראַקיס געלעגער איז ליידיק. ער איז נישט אַהיימגעקומען נעכטיקן. אין איר מוח האָט גלייך אויפגעבליצט אַ געדאַנק, ווי די שאַרף פון אַ מעסער, וואָס האָט איר אַ שניט געגעבן איבער די געהירן.

— ראַקי! איינער אַליין! ביי נאַכט! אויפן פאַרשאָלטענעם טייך. ר־אַ־ק־י!! — מיט אַ באַנומען געשריי איז זי ווי אַ ווינט אַרויס פון שטוב און פאַרצווייפלט גענומען רופן איבער דער גאַס:

— ראַקי איז נישטאָ! דערטרונקען געוואָרן! סאַקאַראַ! ראַטע־וועט!..

אַרום שאַנדיקען איז געוואָרן אַן אויפגעלויף פון מענטשן, וואָס האָבן געטומלט און גערעשט, געשריגן און געשאָלטן. שאַנדיקע האָט זיך אַרויסגעקריגן פונעם געזעמל און זיך געלאָזט לויפן צום טייך און נאָך איר איז געלאָפן דער גאַנצער עולם אַלט און יונג. זיי זענען אַלע געלאָפן לענגאויס דעם ברעג און געשריגן ראַקי! ראַקי! — נאָר פון ערגעץ איז נישט געקומען קיין ענטפער. דער הוילער עכאָ האָט זיך בלויז געטראָגן איבער אַלע זייטן און נישט צוריקגעטראָגן קיין ענטפער. פון ראַקין איז נישט געווען צו געפינען קיין שום שפור. בלויז דאָס שיפל איז אַ טרויעריקס און עלנטס געשוווּמען אַן איבער־געקערטס ביים צווייטן ברעג טייך, זיך געוויגט אַן אויסגעליידיקטס

אַרויף און אַראָפּ אויף די שטילע קוים מערקבאַרע כוואַליעס. באַלד האָט מען דערזען איין רודער, וואָס האָט זיך געהאַט פאַרטשעפּעט אין אַ צווייג ביים ברעג, און באַזונדער אין אַ זייט האָט זיך די צווייטע וויאָסלע געהאַלטן אויפן וואַסער ווי אַ נישטנייטיקע און איבעריקע.

☆

דאָס עלטסטע זונעלע, ראַקיס, האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען נאָכן טאַטן. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם טאַטן זיינעם, וואָס האָט אים שטענדיק, ווען ער איז געקומען פון דער אַרבעט, גענומען אויף די קני און זיך געשפּילט מיט אים און גערעדט צו אים ווי צו אַ גרויסן. ער איז כסדר געלאָפן צום טייך זען צי דער טאַטע גייט נישט. עטלעכע טעג האָט מען דאָס קינד געזען אַרומבלאָנקען אויפן ברעג, זוכן דעם טאַטן וואָס איז טאַקע פאַרשוווּנדן ווי אין וואַסער אַריין. ערשט אויפן דריטן טאָג, ווען אַלע האָבן זיך שוין געהאַט מייאש געווען האָט דאָס קינד באַמערקט אַרומשווימען אַ קערפּער אויפן טייך. אַן איבערגעשראָקענער און דערשראָקענער האָט זיך דאָס ייִנגעלע געלאָזט לויפן אַהיים מיט דער בשורה, אַז דער טאַטע שווימט אַרום איבערן וואַסער. די טרויעריקע בשורה האָט אויפגעוועקט די צערודערונג און שרעק צוזאַמען מיטן פרישן ווייטיקדיקן צער.

דער גוטבאַזיצער ניקאָ, דער באַלעבאָס פון דער פאַרם, איז דאַמאָלט געזעסן ביים מיטאָג און ווען ער האָט דערהערט די בשורה, אַז ראַקי האָט זיך אָפּגעפונען, איז ער געוואָרן אויסער זיך פון שרעק, גלייך ווי זיין לייבקנעכט וואָלט אַרויס פון וואַסער אַ לעבעדיקער און וועט זיך שטעלן פאַרן געריכט ווי אַן עדות קעגן אים, דעם באַלעבאָס זיינעם, וואָס האָט אים געטריבן צום טויט:

— קאַראַמבאַ! צום טייוול! — האָט ער זיך פאַרגעוואָרפן מיט פאַרדראָס — וואָס איז מיר דאַמאָלט איינגעפאַלן זיך צו לאָזן אין

שטאַט אַריין מיטן שלימזלדיקן קוזין מיינעם? וואָס האָט זיך מיט מיר געטאָן? אַזאַ אַנשיקעניש אויף מיין קאָפּ! — האָט ער געקלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש אַריין — כ'האָב דאָך געוווּסט אַז דער „פּאַראַנאַיע" איז אַ מיסטעריעזער פאַרשאָלטענער טייך! וויפל מאָל האָבן זיך שוין געטראָפן אַזעלכע רעטעניש־פולע פאַלן און אַלע אין דער זעלבער שעה — צוועלף אַזייגער ביי נאַכט. אַזוי פיל קרבנות און קיינער לערנט זיך דערפון נישט אָפּ, אַז ביי נאַכט דאַרף מען אים לאָזן צורו, דעם טייך...

דער ביינערדיקער פאַרמער האָט אַרויסגעכאַפּט זיין מעסער, וואָס איז געהאָנגען אין לעדערנעם שיידל ביי זיין רעכטער זייט פּאַס, און מיטן גאַנצן כוח אַריינגעשטאָכן דאָס מעסער אינעם פולן קיילעכ־דיקן אַרבוז, וואָס איז געלעגן אויפן טיש — צוגעגרייט צום מיטאָג — און אים צעשניטן אויף שטיקער.

ער האָט אָבער קיין רו שוין מער נישט געקאָנט געפינען. ער פלעגט זיך אויפכאַפּן אין מיטן דער נאַכט און זען פאַרשידענע מאָדנע קאָשמאַרן, וואָס פלעגן אים פאַרפאָלגן ביז טאָג. אין אַלע אויסטער־לישע זעונגען איז געווען פאַרמישט זיין משרת ראָקי, וואָס האָט געזוכט נקמה צו נעמען אין אים און אים געשלעפּט פאַר די האָר צום טייך. אַ מאָל האָט יענער אים אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענט און געלאָפן מיט אים איבערן שיפן גערסל וואָס האָט געפירט אַראָפּ צום ברעג.

ווען די קאָשמאַרן האָבן אים אַ טאָג אָפּגעלאָזט איז גענוג געווען, אַז ער זאָל דערזען די שלאַנקע פאַרטרויערטע שאַנדיקע, אַז ער זאָל זיך ווידער דערמאָנען אין ראָקי און ס'זאָל אים ווידער נישט אויפהערן פייניקן דער געדאַנק, אַז דאָס איז ער, ניקאָ, דער פאַרמער, דער איינציקער שולדיקער אין יענעמס טויט — אַ טאַטע פון פיר קינדער...

נאָך לאַנגע נאַכטראַכטענישן האָט ניקאָ באַשלאָסן אַוועקצושיקן די שוואַרצהאַריקע שאַנדיקע מיט שמאָלן טאַליעלע אין שטאָט אַריין,

זי זאָל דאָרט אָנקומען ווי אַ דינסט ערגעץ אין אַ האָטעל, צי אין אַ פּענסיאָן, ווי ס׳וועט זיך מאַכן...

ער האָט זי איין מאָל, ווען שאַנדיקע איז פאַרבייגעגאַנגען זיין שטוב, אַריינגערופן צו זיך אין אָפּגעלאָזענעם פאַדערשטן צימער און איר געזאָגט גייענדיק הין און צוריק מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, אַז זי איז נאָך אַ יונגע פרוי און נישט קיין מיאוסע. ס׳איז אַ שאָד אַז זי זאָל מאַרנעווען די פּאָר יאָר דאָ אינעם העק. אָמער וואָלט זי געפאָרן אין שטאָט אַריין זוכן מזל. זי וואָלט לייכט געקריגן אַ פּאָסטן. דאָ איז זי אַן איבעריקע. ער וויל נישט, אַז מע זאָל אים חושד זיין אין עפּעס, אַז ער האָט מיט איר עסקים. און איר נאָמען איז אויך עפּעס ווערט. זי איז אַ מאַמע פון פיר קינדער און זי דאַרף אָפּהיטן איר כבוד. יאָ, וועגן די קינדער אירע דאַרף זי זיך נישט זאָרגן. ער וועט זיך באַמיען מע זאָל זיי אַריינגעמען אין אַ קינדער־היים. ס׳וועט זיי דאָרט גאָרנישט פעלן. ער וועט צושטעלן פאַר זיי מילך און גרינוואַרג, וואָס מע וועט נאָר דאַרפן. און ווען זיי וועלן אונטערוואַקסן וועלן זיי קאָנען אַרבעטן ביי אים אין „גוט״.

שאַנדיקען איז דער פאָרשלאָג געפעלן געוואָרן. זי האָט שוין דאָ טאַקע גאָרנישט וואָס צו טאָן. און פאַר וואָס טאַקע נישט פּרוּוון מזל אין אַ גרעסער אָרט, אין אַ שטעטל? זי האָט אַן איבעריקע קאָנקלעניכן איינגעוויליקט צו פאַרלאָזן דאָס אָרט, ווו זי און אירע קינדער זענען געבוירן געוואָרן. זי האָט זיך אַליין אויך געוואָלט צעשטרייען און באַרויקן די נערוון נאָכן אומגעריכטן און אומפאַרשטענדלעכן טויט פון איר ראַקי.

שאַנדיקע האָט זיך אַריינגעקליבן אין דערבייאיקן שטעטל „דער הייליקער זשאָזשע פון די פעלדער״, וואָס שפּרייט זיך אויס מיט די געמויערטע נישט־צו־הויכע געביידעס און ציכטיקע גאַסן און געסלעך אויפן פאָן פון אַ ריי ווייט אָוועקגערוקטע בערג, וואָס צייכענען אָפּ זייער גרינלעך־געלן סילועט אַראָפּ צו צום העלבלאָען הימלראַנד אין טונקעלע לינעס, אָפט מאָל פאַרווישטע פון אַנגעפּוישטע גראָע וואָטע־וואָלקנס, וואָס לאָזן זיך אַרונטער אין טאָל, ווו ס׳לויפט די באַנליניע

אַ געשלענגלטע אַוועק אין די מרחקים, צו די גרויסע בראַזיליאַנער שטעט.

זי איז אָנגעקומען אַרבעטן ווי אַ רוימערין אינעם האָטעל, וווּ ניקאָ האָט זיך געפּלעגט אויפהאַלטן, ווען ער איז געקומען פאַר־ברענגען אין שטאָט. אירע קינדער האָט זי אַוועקגעפירט אין דער קינדערהיים, וואָס ניקאָ האָט פאַר איר דערליידיקט, אַז מע זאָל זיי אָננעמען אויף זיין חשבון. ער וועט שוין באַזאָרגן פאַרן קינדער־אַנשטאַלט אַלץ וואָס מע וועט דאַרפן, מילך און פּוטער, קאַרטאָפל, גרינסן, פּיזשאַן־אַראַזש און אויך פּרוכטן פון צייט צו צייט.

אינעם האָטעל, וואָס האָט זיך געפונען אין צענטער שטאָט, איז שאַנדיקע געוואוויר געוואָרן אַז זי איז אַ שיינע, וואָס נעמט שטאַרק אויס ביי די בראַזיליאַנער מענער, וואָס זענען גרייט אַוועקצוגעבן ס׳לעצט פון זיך פאַר אַ שיינער פרוי. אין דאָרף האָט זי עס נישט געוווּסט. דאָרט האָט זי צו מאָל נישט געהאַט קיין שטיקל שפּיגעלע זיך אָנצושפּיגלען און זען ווי זי זעט אויס. בלויז ווען זי פלעגט וואַשן וועש אין טייך פלעגט איר פּנים און גוף אויפלויפן ווי אַ מיראַזש אינעם שטראָמיקן וואַסער און צעקרומען אירע געזיכט־שטריכן, איר מויל, נאָז און אויגן. פלעגט זי קיין מאָל נישט וויסן צי איז זי שיין אָדער מיאוס. דער וואַסער־שפּיגל האָט איר יעדעס מאָל איבערגעאַנדערשט דאָס פּנים און דעפאָרמירט איר אמתן אויסזען.

אינעם שטאָטישן האָטעל, וווּ שאַנדיקע האָט געאַרבעט, האָט מען זי גערופן „בעלעזאַ״. אָפט מאָל מער פאַרצויגן — „בעלעזינאַ״ דאָס הייסט, שיינע, שייניננקע. זי האָט אויך נישט געוווּסט, אַז אַ שיינע האָט אַ גרעסערן ווערט, ווי אַלע אַנדערע פרויען, און אַז זי אַליין האָט בכלל עפּעס אַ ווערט.

ווען שאַנדיקע איז דערגאַנגען אַז זי איז אַ שיינקייט, וואָס איז מיט גאָלד צוגלייך, האָט זי מיט אַ מאָל אַראָפּגענומען פון זיך אירע אָרעמע דאָרפישע פרויענקליידער, וואָס זי האָט געטראָגן נאָך ביי איר ראָקין, און זיך אויסגעצירט אין פאַרביקע קרעלן, בראַסלעטן

און רינגלעך פון ביליקער אימיטאַציע. יעדן טאָג פלעגט זי זיך אָנטאָן אַ פּאָר אַנדערע בלישטשענדיקע אויערינגלעך, וואָס פלעגן זיך באַמבלען ביים בייגן זיך איבער די בעטן וואָס זי האָט פאַרבעט אין די האָטעל־צימערן, און ביים פּוצן די דילן, וואָס האָבן געדאַרפט גלאַנצן ווי אַ שפּיגל.

ווי דער שטייגער פון די שטעטלשע מיידלעך, די בעסערע און רייכערע, האָט זי יעדן טאָג געביטן אירע קליידלעך. היינט האָט זי געטראָגן אַ בונטיק פאַרביק קלייד, מאָרגן איז זי געגאַנגען אין אַ העל גרין קליידל און אַן אַנדערן טאָג האָט זי זיך באַוויזן אין אַ געבלומטן קלייד. אין לויף פון דער צייט זענען אירע קליידלעך געוואָרן פאַרביקער, פאַררייסנדיקער, פאַרשווינדערישער. זי האָט שוין אויך געוווּסט ווי אַזוי זיך צו קליידן רייכער און עלעגאַנטער.

אין זעלביקן האָטעל האָט געאַרבעט אַ דינער אַ פּאָלאַק. ער פלעגט זי שטענדיק פרעגן אַזוי אומשולדיק נאַיוו מיט אַ ביטערע שמייכעלע אויף די דינע ליפּן:

— זאָג מיר נאָר, שאַנדיקע, ווו נעמסטו אַזוי פיל געלט דו זאָלסט זיך קאָנען קליידן אין אַזעלכע טייערע „סטראָיען״? ס'דאַרף דאָך קאָסטן אַ פאַרמעגן! לויט דיינע פאַרדינסטן וואָלט דיר אַפילו נישט געסטאַרטשעט אויף קיין קרעטאָן קליידל צו מאָל.

— נישט דיין זאַך זיך צו מישן אין ווייבערישע זאַכן — האָט זי אים געגעבן אַן ענטפער אָפּ פאַרשייט און ווילעריש — דו מיש זיך ווייניקער אין יענעמס לעבן — האָט זי זיך קריגעריש אָוועקגעשטעלט אַנטקעגן אים, ווי דער שטייגער ביי די בראַזיליאַנער ווען יענער וויל זיך אַריינמישן אין אַ צווייטנס עסקים.

פאַר דער קורצער צייט וואָס שאַנדיקע האָט געאַרבעט אין שטעטלשן האָטעל זענען אירע באַוועגונגען געוואָרן חוצפּהדיקער, און דאָס לשון אין מויל — שלאָגפאַרטיק און שאַרף ווי אַ מעסער וואָס מע דאַרף האָבן גרייט אויף צו פאַרטיידיקן זיך יעדע מינוט.

מיט דער צייט איז שאַנדיקע געוואָרן די קעניגין פון האָטעל. אַלע האָטעלגעסט האָבן נאָר זי געזוכט און אַלעמען איז זי געפעלן.

טירן פלעגן זיך עפענען און מענערקעפּ פלעגן פון דאָרט אַרויסקוקן מיט הייסע צעפלאַמטע אויגן, וואָס האָבן געזוכט שאַנדיקען איבערן לאַנגן קאָרידאָר. אַז דער שיינער טייוול, ווי מ׳האָט זי דאָ גערופן, פלעגט זיך אַזוי געשווינד נישט באַווייזן, פלעגן זיך די גלעקלעך גלייך צעקלינגען, נישט זעלטן צוויי־דריי מיט אַ מאָל. די גיריקע מענער האָבן נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן אַזוי לאַנג. אַז זי האָט זיך נאָך אַלץ נישט באַוויזן האָבן זיי פאַרטשעפּעט דעם פּוילישן דינער און זייטיק זיך נאָכגעפרעגט ביי אים אויפן „טייוול מיט די בלאָע אויגן", צי זי אַרבעט שוין מער נישט אין האָטעל? צי זי געפינט זיך אויף אורלויב? ווו איז זי עס אַהינגעקומען? זיי האָבן אים געגעבן אַ גוטן טרינקגעלט ער זאָל זי ברענגען וואָס גיכער...

שאַנדיקען איז שוין איצט נישט געווען אַזוי לייכט צו געפינען. זי איז שוין געווען אַריינגעדרייט אינעם שווינדלדיקן געדריי פונעם ביינערדיקן ניקאָס האָטעל־מאַשין, פאַרשוווּנדן אינעם לאַבירינט פון די קרומע שווינדלטרעפּ, קאָרידאָרן, אומצייליקע האָטעל־צימערן און טירן.

נישט איין מאָל פלעגט שאַנדיקע אין לויף איבער די קאָרידאָרן זיך אָפּשטעלן און דערמאָנען זיך יענע גליקלעכע יאָרן מיט ראָקין אין זייער אָרעמער היים. אָבער דאָס פון די האָטעלגעסט האָט זי אַרויסגעריסן פון אירע מחשבות און צוריק אַריינגעדרייט אין לאַבירינט פון די קרומע שווינדלטרעפּ און קרומע וועגן.

סאַטאַנאַקי

דאָס דריבנינקע יאַפּאַנישע מענטשעלע, סאַטאַנאַקי, מיטן פינצ־טערן פּנים און טייוולאַנישע אויגן־שפּעלטעלעך, וואָס דאַכט זיך, זיי זעען גאָר נישט, און זעען אַלץ, פלעגט אין די וואָכנטעג אַרומפאָרן אויף אַ רייטוואָגן איבער דער שטאָט. ער האָט צוזאַמענגענומען שמוציקע וועש וואָס מ׳האָט אים געגעבן צו וואַשן. זיין ווייב, סאַנטיקע, איז געשטאַנען געבויגן אין דרייען איבער אַ ריזיקן מעשענעם קעסל, וואָס איז געווען איינגעמויערט אין דער ערד, אונטער אַ דעכל, אין דרויסן אויפן הויף, וווּ סאַטאַנאַקי האָט געהאַט זיין סינטוראַריִע, די יאַפּאַנישע וועשעריי.

יעדן באַגינען, ווי נאָר ס׳הייבט אָן בלאָען אויף טאָג, שלייכט זיך שוין סאַנטיקע אַראָפּ פון איר האַרטן געלעגער אין פינצטערן אַלקערל צווישן חמרים שמוציקע וועש וואָס איר „גוטינקער״ מאַן הערט נישט אויף אַהיימצוברענגען צו וואַשן פון אַלע עקן שטאָט.

סאַטאַנאַקי פלעגט נישט איבערהיפּן קיין איין שטוב אין שטעטל. וויפל ער האָט נישט אָנגעקליבן איבערן טאָג איז אַלץ פאַר אים געווען וויניק. ווען ער וואָלט געקאָנט איינשלינגען די שמוציקע וועש פון גאַנץ בראַזיל, פון דער גאַנצער וועלט, און אַהיימברענגען פאַר זיין ווייב צו וואַשן, וואָלט ער זיך אפשר געווען אַ ביסל באַרויִקט און אין אַ טאָג געזאָגט:

— גענוג! מער קלייב איך נישט! איצט זאָלן אַנדערע גיין קלייבן! איך האָב שוין איבערגענוג אָנגעקליבן פאַר מיין לעבן. איצט קאָן איך זיך שוין דערלויבן צו גיין מיט מיין ווייב שפּאַצירן אין פּאַרק אַריין, פאָרן קיין ריאָ, נעמען אַ צימער אין אַ פּענסיאָן

ביים ברעג ים אין קאַפּאַקאַבאַנאַ, נעמען זונבעדער, לויפן אין ים אַריין זיך אָפּקילן, פאַרברענגען, געניסן, מאַכן אַ לעבן אויף דער וועלט.

יעדער איינער אויף זיין אָרט וואָלט עס געוועזן געטאָן, נאָר נישט סאַטאַנאַקי. ער קאָן זיך עס גאָר נישט פאָרשטעלן ווי אַזוי מע נעמט און מע פאַרמאַכט די וועשעריי אַפילו אויף איין טאָג. ביי אים קאָן גאָר נישט געמאָלט זיין אַזאַ זאַך. ער וואָלט פריִער באַגאַנגען האַראַ־קירי איידער ס׳זאָל קומען דערצו. און ווי גאָט גיט דעם טאָג קרייזט ער אַ געדולדיקער אַרום די שטאָט, קומט אין אַלע פאַרוואָרפענע אָפּגעלעגענע געגנטן, שפּאַרט אָן אין אַלע ווינקלען, לאָזט נישט דורך קיין איין פּענסיאָן פון טובערקולאָזע קראַנקע. פון אומעטום האָט ער צונויפגענומען די שמוציקע וועש, פון אָנשטעקנדיקע קראַנקע, פון הונדערטער לונגען־ליידנדיקע — די דורכגעשוויסטע פּיכטע ליילע־כער און ציכן, העמדער און פּידזשאַמעס, אַלץ האָט ער געברענגט אַהיים צו זיין ווייב, וואָס איז נישט מיד געוואָרן צו וואַשן, רייבן און שווענקען, אָפּשווענקען דעם שמוץ, וואָס האָט איר נישט איין מאָל געעקלט ביז צום אויפשוידערן און ברעכן.

ווען סאַנטיקע איז אין די פרימאָרגנס אַרויס אין דרויסן צום גרוב וואַשן די קויטיקע וועש, האָט זי געפילט, אַז דאָס איינציקע, וואָס דערהאַלט זי ביים לעבן, איז די פרישע לופט אין דרויסן, וואָס גיט איר כוח צו לעבן. זי פאַרשטייט אַליין נישט פון וואַנען ס׳נעמען זיך צו איר די כוחות אַרויסצוציִען די שווערע קופּעס וועש פון וואַסער, אויסדרעגנען זיי מיט אויפגעדראָלענע הענט און אויפהענגען אויף די דיקע דראָטן, וואָס זענען פאַרצויגן איבערן הויף.

סאַטאַנאַקי איז געווען אַ קלוגער און ווייטזיכטיקער. ער האָט געוווסט, אַז אויב ער וועט נישט מאַכן קיין דעכל איבערן וואַשגרוב, קאָן נאָך אַ מאָל זיין ווייב וועלן איבעררייסן די אַרבעט אין אַ רעגנ־טאָג. זי וועט קאָנען האָבן אַ גוטן אויסרייד: אַז עס רעגנט קאָן זי נישט וואַשן.

אין דער אמתן האָט סאַטאַנאַקי נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן.

זי וואָלט קיין מאָל נישט געווען געזוכט קיין תירוץ זיך צו באַפרייען פון דער אַרבעט. זי האָט גוט געוווּסט, אַז דער גורל פון דער יאַפּאַ־נישער פרוי נאָך דער חתונה איז אַ שווערער און ביטערער. זי דאַרף ליידן, האָרעווען און שווייגן.

די יאַפּאַנישע טאַטעס גיבן אַלץ נאָך זייערע טעכטער. מיידלווייז געניסן זיי פון אַ זאָרגלאָז לעבן. די טאַטעס ווייסן, אַז די מיידלעך וועלן נאָך דער חתונה מוזן ליידן און האָבן אַ שווער לעבן ביי זייערע מענער. דעם עול פון דער שטוב טראָגן טאַקע די מענער אָבער אַרבעטן — דאַרפן די פרויען.

סאַנטיקע האָט טאַקע געהאָרעוועט שווער ווי אַן אייזל און נאָך מער געליטן. איר מאַן איז געווען אַ שלעכטער, אַ רשע. ער פלעגט סאַנטיקען ברענען און בראָטן ס'אָרט ווו זי פלעגט שטיין. וויפל זי זאָל נישט האָבן געאַרבעט — איז עס נאָך אַלץ געווען ווייניק פאַר אים. ער איז קיין מאָל נישט געזעסן אין שטוב. יעדן טאָג האָט ער אַהיימגעבראַכט שווערע וואַטענע קאָלדרעס צום וואַשן, מענער־אַנצוגן, פרויענקליידער, וואָס זענען געווען איינגעלייגט אין פאַלדן אַרום און אַרום. סאַנטיקע איז נאָך דעם אַזוי געשטאַנען ביז שפּעט אין דער נאַכט און אָפּגעלייגט אַ פעלדעלע נאָך אַ פעלדעלע, אַ פיר געטאָן מיטן הייסן פרעסל, אַזוי עטלעכע מאָל — אַהין און צוריק, זיי גוט פאַרפּרעסן, אַז זיי זאָלן זיך נישט עפענען, אָט אַזוי ווי פּליסירטע אויף דער מאַשין.

לאַנגע יאָרן איז סאַנטיקע געשטאַנען ביים וואַשקעסל, געוואַשן און געפּרעסט די קופּעס קליידער וואָס איר מאַן פלעגט אָן אויפהער האַלטן אין איין ברענגען אַהיים. מיט יעדן טאָג איז איר רוקנביין געוואָרן וואָס מער אויסגעקרומט און איר שיין געלבלעך פלאַך פּנים איז פּריצייטיק באַדעקט געוואָרן מיט אַ נעץ פון טיפע קנייטשן.

נישט געווען דאָס מאָל, אַז סאַטאַנאַקי זאָל פאַרבייגיין און נישט כאַפּן אַ קוק צום ווייב, צו זען צי זי האָט נישט אַ מאָל איבערגעריסן די אַרבעט. אַז סאַנטיקע האָט זיך אָנגעטראָפן מיט איר מאַנס מעפּיסטאָ־אויגן פלעגט אַ גרויל אַדורך איבער איר לייב. און ווען

סאַנטיקע איז שוין אַרומגעגאַנגען אַ געבויגענע אין דרייען און שוין באַלד געקושט די ערד — האָט איר איין מאָל סאַטאַנאַקי מיט אַ קרום שמייכעלע, ווי האַלב שפּאַס, האַלב ערנסט, געהייסן אויסטרינקען סם.

סאַנטיקע האָט אָבער געהאַט פאַר וועמען צו לעבן. איר גאַנץ גליק איז באַשטאַנען אין איר איינציק זונעלע, וואָס איז געווען פּונקט אַזוי ווי די מאַמע — אַ שטילע טויב. ווען נישט דאָס קינד, וואָס ס׳איז איר געווען אַ שאָד איבערצולאָזן אויף הפקר — וואָלט זי שוין לאַנג געווען געפאָלגט איר מאַן און אויסגעטרונקען די דאָזע סם — אויף מער נישט אויפצושטיין...

סאַנטיקעס זונעלע איז נאָך אָבער געווען זייער יונג. האָט זי געמוזט ליידן, פאַרבייסן די ליפּן און וואַרטן ביז ער וועט עלטער ווערן. סאַטאַנאַקי האָט אָבער נישט געוואָלט וויסן פון דעם אַלעם. ער איז געוואָרן חוצפּהדיקער און כסדר צוגעשטאַנען צו איר מיט זיינע גיכע דערעסנדיקע רייד:

— אַז דו ביסט פויל געוואָרן און קאָנסט נישט מער אַרבעטן, מוזסטו אויסטרינקען סם... ס׳וועט דיר גאָרנישט העלפן... דו טויגסט שוין צו גאָרנישט.

— אָבער זשעזוּקע איז דאָך נאָך זייער יונג — פלעגט זי זיך פאַרענטפערן פאַר איר מאַן און שטיין פאַר אים מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ ווי אַ פאַרמישפּטע — און שוין איצט העלפט ער מיר אַ סך אַרויס. ער העלפט מיר אפילו אויסרייבן מיט דער באַרשט די טאָפּעטן. די שווערסטע אַרבעטן טוט ער. ער קאָן שוין אויך אויפ־הענגען די וואַטענע קאָלדרעס. אַליין קאָן איך עס שוין טאַקע נישט טאָן, מיין רוקנביין איז מיר שוין אין גאַנצן אויסגעבויגן. איך קאָן זיך שוין אפילו נישט אויסגלייכן די ביינער מיינע. אָבער זשעזוּקע קומט מיר צו הילף און מיר באַווייזן אַלץ צו מאַכן. מיר בלייבן קיין מאָל נישט הינטערשטעליק מיט דער אַרבעט. טאָ וואָס זשע נאָך ווילסטו פון מיר? מער וויפל איך אַרבעט — קאָן איך נישט...

— דערפאַר טאַקע דאַרפסטו אויסטרינקען סם — האָט סאַטאַ־

נאַקי זי געשניטן מיט די מעסער־שאַרפע אייגעלעך — אַז מען קאָן מער נישט אַרבעטן, דאַרף מען נישט לעבן.

— אָבער זשעזשיקע איז דאָך נאָך אַן אומבאַהאָלפן קינד — האָט זי געזוכט פאַר זיך אַ רעטונג — ער קאָן זיך נאָך נישט קיין עצה געבן אין לעבן... ווי קאָן איך אים איבערלאָזן?...

— זאָרג זיך נישט פאַר אים — האָט סאַטאַנאַקי אַ בליץ געטאָן מיט זיינע צוויי טייוולאַנישע אויגנשניטן — ער וועט לעבן אָן דיר אויך. ער וועט זיך אַליין כאָוועז, אַליין אויסהאָדעווען. ער איז שוין פערצן יאָר אַלט און קאָן שוין אַרבעטן...

סאַנטיקע האָט מער גאָרנישט געענטפערט. זי האָט אָוועקגע־דרייט דעם קאָפּ אָן אַ זייט און מיט שאַרכלאָזע טריט זיך אָפּגעקערט פון אים.

☆

זשעזשיקע איז געווען אַ וווּנדערשיין יינגל. אַלע זיינע געזיכט־שטריכן זענען געווען סימעטרישע. דאָס מויל, די אויערן, די נאָז, דאָס גאַנצע קעפּל זיינס, אַלץ איז געווען ווי געטאָקט און אַרויסגערופן באַוווּנדערונג ביי אַלע וואָס האָבן אים געזען. ער איז געווען אַ שטי־לער, אַ פאַרשלאָסענער אין זיך. זיין אויער איז געווען וואַך. ער האָט אַלץ געהערט און גוט פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט. כאָטש ער האָט אויסגעזען צו זיין קינדיש, נאַיִוו, נישט איבעריק קלוג, האָט ער אָבער אַלץ איינגעזאַפּט אין זיך ווי אַ שוואָם. ער איז דעריבער אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער. ער האָט געזען זיין מאַמעס גאַלגאָטע און גאָרנישט געטאָרט רעדן, קיין וואָרט נישט צו מאָל. ער האָט געקענט זיין טאַטן. ער האָט געוווּסט, אַז ער איז אַ בייזער, אַ דעספּאָט. מע טאָר אים נישט דערצערענען. און ער האָט מורא געהאַט צו רעדן אַ וואָרט ווען דער טאַטע איז געווען אין שטוב.

נאָך קליינערהייט פלעגט ער זיך צוקוקן ווי זיין מאַמע שטייט און רייבט מיט אַ באַרשט צעפליקטע וועש, קאָלדרעס, פאַרהאַנגען.

טייכן שווייס האָבן זיך פון איר געגאָסן. די זון האָט געברענט ווי אַ פייער און סאַנטיקע, די מאַמע זיינע, האָט זיך מיטן ברעג קלייד געווישט די ריטשקעס שווייס, וואָס זענען איר גערונען פון פנים און פאַרשוויצטן שטערן.

דעם טאַטנס בייזע רייד האָבן אים נאָך פון קינדערווייז אויף שטאַרק וויי געטאָן. ער האָט קיין מאָל נישט געקאָנט קוקן דעם טאַטן גלייך אין די אויגן אַריין.

ווען זשעזשיקע איז אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, און ער האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין וואָס די מאַמע האָט אַלץ אויסצושטיין פונעם טאַטן, האָט ער איר שטענדיק געפלעגט זאָגן:

— וועסט זען, מאַמע, כ׳וועל האָבן מער כוח, שוין זיין אַ גרויסער, וועל איך דיר העלפן אויפהענגען די שווערע גאַרדינען, די קאָלדרעס... וועסט נישט דאַרפן אַרבעטן אַזוי שווער.

איצט, ווען ער העלפט איר שוין טאַקע צו, און די מאַמע דאַרף זיך נישט אַזוי שטאַרק אָנשטרענגען און אַרבעטן איבער די כוחות, וויל ער, דער טאַטע, אַז זיין מאַמע, וואָס ער האָט זי אַזוי ליב, זאָל אויסטרינקען סם. זי האָט געוועט שווער און ביטער, און ער, דער טאַטע זיינער, וויל פון איר פטור ווערן, נישט אַנדערש נאָר אַז זי זאָל נעמען זיך לייגן און שטאַרבן.

דאָס ייִנגל איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. ער וואָלט אַזוי געוואָלט העלפן זיין מאַמען — זי איז אַזאַ גוטע, אַ שטילע — און ער ווייסט נישט צו וועמען זיך צו ווענדן. אמת, זי קאָן שוין אַזוי נישט אַרבעטן ווי פריִער. פון דער שווערער האַרעוואַניע, פונעם שטיין פון פרי ביז נאַכט געבויגן איבערן פאַרפאַרעטן קעסל, וואָס איז איינגעמויערט אין דער ערד, איז איר רוקנביין געוואָרן איינגעבויגן, אויסגעקרימט, און זי קאָן זיך שוין מער נישט אויסגלייכן. אָבער דאָס איז זי דאָך נישט שולדיק, נאָר דער טאַטע, וואָס האַלט אין איין ברענגען קופּעס ברודיקע וועש צו וואַשן, אַ גאַנץ לעבן אַזוי — פעק און פעק.

איצט, ווען סאַנטיקע האָט זיך אויסגעגליטשט און איינגעטונקן די נאָז אין קעסל וואַסער מיט זייף — איצט האָט זי שוין געוווּסט, אַז זי וועט זיך פון איר טייוולאָנישן מאַן מער נישט אַרויסדרייען. איצט — צי זי וויל, צי נישט — וועט זי שוין מוזן שטאַרבן. און אין אָוונט, ווען ער איז געקומען פון גאַס, האָט זי אים גענומען איינרעדן, אַז ער זאָל אויף איר אָרט צוגעמען אַ וועשין צו וואַשן די וועש, און זי, סאַנטיקע, וועט אים קאָכן און רוימען, ריין האַלטן די שטוב און פירן די ווירטשאַפט שפּאָרזאַם אַזוי, אַז ער וועט זיך איינבריינגען אַ סך געלט. דערצו וועט זי נאָך אויך שטיין און פּרעסן די וועש. פּרעסן קאָן זי יאָ. זי וועט פּרעסן אויף אַ נידעריקן טיש. זי וועט אויך פאַרריכטן די וועש וואָס קומט צעריסן פון די קליענטן. דאָס וואָס ער וועט צאָלן דער וועשין, וועט זי אים איינבריינגען און זי וועט אים גאָרנישט קאָסטן.

— וו־אַ־ס?! צאָלן אַ וועשין פאַר וואַשן אַזוי פיל וועש, ווען מ׳האָט אַן אייגן ווייב? אַ לעבעדיק ווייב? — האָט סאַטאַנאַקי זיך געקאָכט מיט שוים פאַרן מויל — אַפילו נאָך דיין טויט וועל איך אויך נישט צאָלן פאַר וואַשן. איך וועל שוין בעסער ווערן אַן אָנגע־שטעלטער ביי אַ פּאַטריסיאַ, ביי אַ לאַנדסמאַן. אַז מע קאָן מער נישט אַרבעטן, דאַרף מען מער נישט לעבן אויף דער וועלט און קאַליע מאַכן אומזיסט ברויט.

סאַנטיקען איז אָבער אַ שאָד געווען איבערצולאָזן איר זשעזויקען, איר ליכטיק קליין יינגעלע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ הייליקער, אַ מלאכל. זי פּלעגט וויינען גאַנצע נעכט און בעטן ביי בודאָן, אַז ער זאָל געבן צו פאַרשטיין איר מאַן, סאַטאַנאַקין, אַז ער זאָל נישט זיין אַזוי אומברחמנותדיק צו איר. ביי טאָג אָבער פלעגט זי איר זונעלען ווייזן אַ ליכטיק פּנים, אַ פריילעכס, אַ פאַרשטעלטס. זי האָט נישט געוואָלט ווייזן איר קינד, אַז זי ליידט. זי האָט געמיינט אַז ער ווייס גאָרנישט פון דעם אַלעם וואָס זי האָט אויסצושטיין ביי איר מאַן,

דעם אַכזר, און זי האָט שטענדיק געשמייכלט צו אים, גלייך זי וואָלט געווען די גליקלעכסטע אויף דער וועלט.

☆

אין אַ נאַכט, ווען זשעזוו׳קע איז געשמאַק געשלאָפן, פאַרטראָגן ערגעץ אין אַ וועלט פון ליכטיקע און גליקלעכע חלומות, איז דער טאַטע זיינער, סאַטאַנאַקי, שטיל אַראָפּ פון זיין געלעגער, אַריין אין קעמערל, אַרויפגעקלעטערט אויפן לייטער, וואָס איז נאָך פון אַ נאַכט פריער געווען צוגעשטעלט צום קליינעם שענקעלע אין דער הייך, און אַראָפּגענומען פון דאָרט אַ פּושקעלע פּאַרמיסידע, אויפגעמאַכט דאָס דעקל, אַריינגעשאָטן אַן עסלעפל אין אַ גלאָז מילך, גוט פאַרמישט און עס געגעבן זיין ווייב אויסצוטרינקן:

— נאָ — האָט ער איר צודערלאַנגט דאָס גלאָז צום מויל — טרינק עס אויס מיט איין מאָל וועסטו גאָרנישט פילן.

סאַנטיקע האָט זיך נישט געוועהרט. זי האָט געוווסט, אַז ס׳וועט איר גאָרנישט העלפן. די מילך האָט געקילט דאָס ברענעניש און נישט דערלאָזט קיין קראַמפן אין מאָגן. סאַטאַנאַקי האָט געוווסט די כעמישע קונץ ווי אַזוי צו מאַכן אַז סאַנטיקע זאָל נישט שרייען, אַפילו נישט אַרויסלאָזן קיין קרעכץ, קיין פּיפּס. ווי אַ הינדעלע האָט זי פאַרוואָרפן דאָס קעפּל אין אַ זייט און געבליבן אַזוי ליגן אומבאַוועגלעך אויף איר געלעגער.

ווען זשעזוו׳קע איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי האָט ער זיין מאַמען געטראָפן טויט. אַ גרויל איז אים דורך איבערן לייב. ער האָט געגומען ציטערן פון שרעק פונעם בלויזן געדאַנק, אַז ער וועט דאַרפן בלייבן אַליין מיט זיין מערדערישן טאַטן. ער האָט אים פיינט געהאַט ווי דעם טויט און געציטערט פאַר אים ווי פאַר אַ גזלן. אַ דערשלאָגענער און הילפלאָזער איז ער געשטאַנען איבער זיין טויטער מאַמען און שטיל אין זיך געשעפּטשעט:

— ליכטיק מאַמעלע, שטילע טויב מיינע — האָבן די טרערן פון זיך אַליין געגומען רינען איבער זיין פּנים וואָס האָט אויסגעדריקט צעררודערונג און פאַרצווייפלונג — טייערע מאַמע, דו האָסט אַזוי שווער און ביטער געאַרבעט, געהאָרעוועט טאָג און נאַכט, האָסט זיך געבאָדן אין טייכן שווייס, ביסט געשטאַנען און געוואַשן די ברודיקע וועש פון פיר פאַר טאָג ביז פינצטער. ווען דו ביסט אַריין אין שטוב האָסטו זיך גענומען צום אונטערוויט, האָסט אַלעמען אָנגעקאָרמעט, געוואַשן ס׳געפעס, אויפגערוימט די שטוב און ערשט זיך גענומען פּרעסן ביז האַלבער נאַכט און אַוועקגעפאַלן אויפן געלעגער אַ דער־שעפּטע, אָן כּוחות. איצט האָט ער אויסגעפירט זיינס, דיך געצוווּנגען צו שטאַרבן... אומגליקלעכע מאַמע מיינע...

סאַטאַנאַקי האָט דערהערט דאָס יאָמערן פון זיין זון און ער איז געקומען צו לויפן פון הויף. ער האָט געכאַפּט אַ בליק צו דער איבער־געדעקטער סאַנטיקע, ווי ער וואָלט מורא געהאַט זי זאָל זיך נישט צוריק אויפהייבן, און אָנגעהויבן שרייען אויפן זון:

— וואָס וויינסטו, נאַר איינער — האָט ער אָנגעוויזן אויפן לאַנגן געבערגלטן געלעגער — דו דאַרפסט זיך פרייען, וואָס די מאַמע דיינע איז געשטאָרבן. זי וועט זיך שוין איצט פאַרשפּאָרן צו מאַטערן. דו ווייסט נישט, אַז מע קאָן נישט אַרבעטן, דאַרף מען מער נישט לעבן?.. דאַרפסט זיין צופרידן און נישט וויינען ווי אַ נאַרישע מויד. דו ביסט דאָך אַ מאַנצפּאַרשוין, נישט קיין צעקראָכענע בריאה.

זשעזויקען איז געוואָרן ענג אין שטוב. נאָך דער מאַמעס טויט האָט ער זיך מער נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט דאָ. ער האָט נישט געקאָנט קוקן דעם טאַטן גלייך אין די אויגן אַריין. ער פלעגט אַרומגיין מיט אַ שטום געוויין אין אַלע גלידער, מורא געהאַט אַרויס־צוווייזן, דער טאַטע זאָל אַ מאָל נישט הערן, נישט ער און נישט זיינע גוטע ברידער, די לאַנדסלייט, ווייל אויך זיי פלעגן אים זאָגן, אַז ער דאַרף זיך פרייען און אַפילו טאַנצן וואָס זיין מאַמע איז גע־שטאָרבן:

— אַז זי לעבט נישט מער — האָבן זיי אים געזאָגט — ליידט זי נישט מער. זי ברויך זיך שוין מער נישט מאַטערן און האָרעווען ביז צום פאַלן אויפן פנים. איידער אַזאַ לעבן איז שוין בעסער דער טויט.

פאַר זשעזשיקען אָבער זענען דאָס נישט געווען קיין ווערטער פון טרייסט, נאָר פון ביטערן חוזק, וואָס האָט אים געשטאָכן ווי מיט שפּילקעס. ס'איז אים דאָ שווער געווען צו אָטעמען צווישן די מענטשן, וואָס פאַרשטייען אים נישט און פילן נישט זיין ווייטיק, זיין טרויער, זיין ברעגלאָזע פּיין. צי פאַרשטייען זיי אים טאַקע נישט, אָדער זיי מאַכן זיך נישט פאַרשטיין? פאַר וואָס הייסן זיי אים לאַכן און טאַנצן, זיך פרייען וואָס די מאַמע זיינע ליגט אין פינצטערן קבר אין דער צייט ווען זי האָט נאָך געקאָנט לעבן, ווי ער, ווי זיי, ווי אַלע מענטשן.

— ווער קאָן מיר פאַרטרעטן מיין גוטע שטילע מאַמע, וואָס האָט מיך ליב געהאַט ווי דאָס לעבן? — האָט זשעזשיקע ביטער געוויינט ביי נאַכט אויפן געלעגער — קיינער קאָן מיר מער נישט זיין קיין מאַמע, קיינער נישט...

אַ צעווייטיקטער, פאַרביטערט און צעבראָכן, האָט ער זיך גע־וואָרפן אויפן געלעגער, געביילט די פויסטן און זיי צוגעטראָגן צום מויל, ער זאָל נישט אַרויסשרייען פון ווייטיק און צער, ביז ער איז מיטן הענערקריי איינגעשלאָפן אַ באַגאָסענער מיט שווייס.

☆

מיר האָבן דעמאָלט צייטווייליק געוווינט אין אַ קליינעם האָטעל אויף דער זעלבער גאַס, ווו מיר האָבן איבערגעבויט אונדזער הויז אויף ניי. מיר זענען דאָרט פאַרבליבן דאָס גאַנצע יאָר ביז דאָס הויז איז פאַרטיק געוואָרן. אין פאַרלויף פון דער צייט פלעגט סאַטאַנאַקי קומען צו אונדז נעמען שמוציקע וועש צו וואַשן. יעדער מאָל, ווען איך פלעג אים דערלאַנגען אַן אָנצוג, צי אַ קלייד, פלעגט ער זיך העפלעך פאַרנייגן און דאַנקען אונטערטעניק:

— שי, שיניאָרא! יאָ, פּרוי!

ביים נעמען דעם אָנצוג צום וואַשן פלעגט ער זיך עטלעכע מאָל לייכט בוקן, אָבער בלויז אין דער העלפט. און ביים אָפּברענגען עס, ווען ער פלעגט באַקומען געלט, האָט ער זיך טיפער געבוקט פאַרנייגן מיט פאַלשקייט אין יעדן נייג, נישט געוואַגט צו קוקן גלייך אין די אויגן אַריין, נאָר אַזוי זייטיק, פון אונטן אַרויף.

— אָבריגאַדאָ, שיניאָרא! מייטאָ אָבריגאַדאָ, שיניאָרא!... אַ דאַנק, מאַדאַם! אַ גרויסן דאַנק, מאַדאַם!..

ווען סאַטאַנאַקי האָט ביים אָפּברענגען די זאַכן, וואָס מ'האָט אים געגעבן צום וואַשן, באַמערקט אַז מ'איז פאַרפאַרעט און צעטראָגן, פלעגט ער גלייך נאָכן אָוועקגיין זיך אומקערן און מאָנען נאָך אַ מאָל געלט: — מ'האָט אים פאַרגעסן צו באַצאָלן — האָט ער געטענהט און נישט געוואָלט אָפּטרעטן, געלייקנט שטיין און ביין, אַז ער האָט שוין געקריגן איין מאָל באַצאָלט. ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. מ'האָט אים געמוזט נאָך אַ מאָל באַצאָלן וויפל ער האָט געמאָנט.

שטענדיק, דאָס גאַנצע לעבן זיינס, איז ער געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן ראָק, וואָס איז געווען אויסגעפּעטעסט, פול מיט שמוץ און שטויב. ער האָט קיין מאָל נישט איבערגעביטן דעם בגד, אַפילו זונטיק אויך נישט. אַן אויסגעטריקנטער פון דער זון, פון אַרומפאָרן גאַנצע טעג אויף זיין רייטוואָגן אונטער דער ברענענדיקער זון — אין שוואַרצן רעקל מיטן שוואַרצן הוט מיטן ברייטן ראַנד, האָט ער אויסגעזען, ווי אַן „אַנדרוס", אַ שוואַרצע קראָ, אַן אויסטערלישער רויבפויגל, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלעמען און קיינער האָט נישט געוואָלט האָבן מיט אים צו טאָן. געגעבן די וועש צו וואַשן, אָפּגענומען, באַצאָלט און — געגאַנגען.

שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך צוריק אַריינגעצויגן אין אונדזער איבערגעבויט הויז, האָט סאַטאַנאַקי נישט געוואָגט מער אַריינצוקומען. דורכן פאָדערשטן אַריינגאַנג האָט ער אויסגעפונען, אַז ס'איז צו פיל לוקסוסדיק, און דורכן הינטערשטן — צו קאָמפּליצירט. האָט ער באַשלאָסן צו שיקן זיין ייִנגעלע, זיין זון.

אין אַ טאָג, ווען איך בין אַזוי געזעסן פאַרטיפט אין אַ בוך, האָב איך דערפילט, אַז עמעצער שטייט פאַר מיר אויף אַ דיסטאַנץ פון עטלעכע מעטער און קוקט אויף מיר דורכדרינגענדיק. ווען כ׳האָב אויפגעהויבן די אויגן האָב איך דערזען פאַר זיך אַ פרעכטיקע פיגור פון אַ יונגן בחור, שיין ווי די וועלט, שטיל און מאַיעסטעטיש, ווי אַ הייליקער, אַ גאָט. זיין שטילער און איינגעהאַלטענער טאָן פון רעדן האָט געקלונגען סודותפול, מיסטעריעז, מעלאָדיש און רייצנדיק ווי אַ פרעכטיקע סימפאָניע.

איך האָב דעמאָלט ס׳ערשטע מאָל געזען דאָס יינגל פונעם יאַפּאַנישן וועשער. ס׳איז געווען זשעזוּקע. איך האָב געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ זעונג, אַ ווונדער.

עס איז אַדורך אַ געוויסע צייט האָט שוין אויך זשעזוּקע, דאָס ווונדערלעך־שיינע יאַפּאַנישע יינגל, געהאַט אויסגעטרונקן דאָס גלאָז מילך מיטן סם, און אויסגעגאַנגען שטיל, אָן אַ קרעכץ, פונקט ווי די מאַמע.

קיינער אין שטעטל האָט נישט קאָמענטירט דעם פאַקט. די צוויי יאַפּאַנישע לעבנס זענען קיינעם נישט אָנגעגאַנגען. קיינעם האָט עס נישט אינטערעסירט. מ׳האָט אַפילו נישט גערעדט וועגן דעם. קיינער, אַ חוץ זשעזוּקע, האָט נישט געוויינט נאָך סאַנטיקען, און נאָך אים, נאָך איר זון, זשעזוּקען, האָט קיינער קיין טרער נישט פאַרגאָסן. פאַרקערט, סאַטאַנאַקיס לאַנדסלייט האָבן געמאַכט אַ כוסה און געווען פריילעך ווי אויף אַ יאַפּאַנישער שמחה.

☆

סאַטאַנאַקי איז איצט, פונקט ווי פריִער, גלייך ווי ס׳וואָלט גאָר נישט געווען געשען, ווייטער אַרומגעפאָרן איבער דער שטאָט און צונויפגענומען די שמוציקע וועש, אַנצוגער, קאָלדרעס צום וואַשן.

בלויז מיט דעם אונטערשיד, וואָס איצט שטייט ער אַליין איבער־געבויגן איבערן קעסל און וואַשט אַליין די וועש. זיין צווייט ווייב, די בראַזיליאַנערין, וואָס ער האָט זיך אַריינגענומען אין שטוב אַריין אויפן אָרט פון דער ערשטער, האָט זיך נישט ליב איבערצואַרבעטן. איר געפעלט בעסער צו שטיין גאַנצע טעג ביים פענצטער און אַרויס־קוקן אויף דער גאַס אַרויס.

אַז סאַטאַנאַקי דערציילט איר, אַז זיין ערשט ווייב, סאַנטיקע, פלעגט אַרבעטן פון פיר פאַר טאָג ביז האַלבער נאַכט — ענטפערט אים דאָנאַ מאַריאַ, אַז זיין ערשט ווייב איז געווען אַן אַלטמאָדישע, אַ גרויסער נאַר.

— אָ, ניין! — האָט סאַטאַנאַקי זי דורכגעדרונגען מיט זיינע שמאָלע אויגן־שפּעלטלעך — סאַנטיקע איז נישט געוועזן קיין נאַר, ווי זי מיינט. סאַנטיקע איז געווען אַ קלוגע.

— אַ קלוגע איז זי געווען? — האָט דאָנאַ מאַריאַ איראָניש געלאַכט פון סאַטאַנאַקין — ווען זי וואָלט געווען אַ קלוגע, ווי דו זאָגסט, וואָלט זי נישט געאַרבעט ווי אַ שקלאַף, און זי וואָלט פאַר דיר נישט קיין מורא געהאַט — האָט די בראַזיליאַנערין געפּרוווט אויפקלערן סאַטאַנאַקין, וואָס האָט אַ ווײַלע געשוויגן אין פאַר־לעגנהייט.

דאָס צווייטע ווייב זיינס האָט זיך פריער געפלעגט חנדלען צו אים און אים כסדר אָנגעצויגן ביז ער האָט באַשלאָסן זי אַריינצונעמען אין שטוב אַריין און חתונה האָבן מיט איר. צוגרייטן זי צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון זיין ערשטע ווייב:

— אַ ווייב, דאַרפסטו וויסן, מאַריאַ מיינע, איז באַשאַפן אַז זי זאָל אַרבעטן און נישט שטיין גאַנצע טעג ביים פענצטער ווי אַ נאַר און קוקן אין דרויסן אַרויס גלייך ווי זי וואָלט קיין מאָל נישט געזען ווי אַ גאַס זעט אויס. אונדזערע פרויען, די יאַפּאַנערינס, זענען גע־וווינט צו אַרבעטן. זיי וויסן עס פון קינדווייז אָן, אַז ווען זיי וועלן

חתונה האָבן וועלן זיי מוזן שווער אַרבעטן און קיין איינע בלייבט נישט פאַרזעסן. אַלע האָבן זיי חתונה און אַרבעטן. די אַרבעט גיט דער יאַפּאַנישער פרוי די רעכט צו לעבן.

סאַטאַנאַקי האָט די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט אַריינגערעדט אין איר, נישט אַראָפּגענומען פון איר קיין אויג. ער האָט זי דורכ־געדרונגען מיט זיין שפּיזיקן בליק פון די שאַרפע אויגנשניטן.

דאָנאַ מאַריאַן האָט עס וויניק וואָס געאַרט זיין שפּיזלען מיט די אויגן. זי האָט זיך הויך צעלאַכט פון זיינע רייד:

— זיי אַרבעטן ווי די שקלאַפן, דיינע יאַפּאַנערינס, ווייל זיי זענען גרויסע בהמות, זאָג איך דיר נאָך אַ מאָל.

— איצט רעדסטו אַזוי שיין — האָט סאַטאַנאַקי זיך געדרייט אין אַלע זייטן ווי אַ געביסענער פון אַ שלאַנג — פריִער אָבער, ווען דו האָסט געוואָלט, איך זאָל מיט דיר חתונה האָבן, האָסטו זיך געלייגט ווי אַ לעמעלע. פריִער האָסטו אַנדערש גערעדט, האָ?

— נאַרעלע, שיינס —— האָט דאָנאַ מאַריאַ גענומען גלעטן סאַטאַנאַקין מיט אַן אָפן חוזק־בלינצל אין אויג — פאַר דער חתונה איז אַנדערש, מעו בעם, מיין גוטס — און נאָך דער חתונה איז אויך עפּעס אַנדערש, נאָך דער חתונה איז שוין אַ צווייטע זאַך...

די בראַזיליאַנערין, דאָנאַ מאַריאַ, איז געווען אַן אַלטע פאַר־זעסענע מויד, ווען זי האָט באַקענט סאַטאַנאַקין נאָך זיין ווייבס טויט. מאַריאַ איז פּשוט אויסגעגאַנגען, ס׳איז איר געגאַנגען אין גאַנצן לעבן, זי זאָל חתונה האָבן, מיט וועמען ס׳זאָל נישט זיין, אַפילו אַ מינוט פאַר איר טויט — אַבי פּטור צו ווערן פונעם דערעסנדיקן נאָמען: אַלטע מויד! ווען סאַטאַנאַקי פלעגט קומען בעטן שמוציקע וועש צו וואַשן, מלבושים, קאַלדרעס, איבערציג, פאַרהאַנגען, — פלעגט אים מאַריאַ נעמען קאָקעטירן, זיך חנדלען צו אים: זי וועט אים שוין פאַרדרייען דעם קאָפּ — האָט זי געטראַכט ביי זיך — דעם נאַרישן יאַפּאַנער, ער וועט מוזן מיט איר חתונה האָבן. זי וועט נאָך פּרווון אַ לעצט מאָל איר מזל.

סאַטאַנאַקין פלעגט איר חנדלען זיך געפעלן, ווייל זיין ערשט ווייב האָט ער קיין מאָל נישט געזען קיין לאַכנדיקע, אַפילו קיין שמייכל איז נישט געקומען אויף איר פנים, וואָס איז אייביק געווען פאַר־פאַרעט, ווי פאַרצויגן מיט אַ וואָלקן. און זי, מאַריאַ, די בראַזיליאַ־נערין, איז אַזאַ פריילעכע, אַ זאַרגלאָזע, זי שמייכלט שטענדיק צו אים. זי האָט אים אַפילו געפרעגט אין אַ טאָג צי ער וואָלט נישט געוואָלט מיט איר חתונה האָבן, אַזאַ אויפריכטיקע און דרייסטע. סאַטאַנאַקי האָט נישט לאַנג געקלערט און איינגעווילקט. זיי האָבן זיך פאַרשריבן אין ציוויל. און איצט, ווייל זי, די מאַריאַ, גאָרנישט טאָן, נאָר מ׳זאָל זיך שפּילן מיט איר, זי וויל לעבן ווי אַ פרייע פייגעלע... און מאָדנע, ער האָט זי גראָד יאָ ליב, די מאַריאַן, ער פילט צו איר אַ צוגעבונדנקייט, עס ציט אים צו איר, ווייל זי שמייכלט שטענדיק צו אים, גלעט אים, מאַכט אים אַזעלכע זיסע חנדלעך, ווי אַ שפּיל־ליאַלקע, קוצעניו־מוצעניו, מער עקסיסטירט נישט פאַר איר קיין שום זאַך, ס׳גייט איר גאָרנישט אָן. פלאַטערט אַרום, טאַנצט אַרום, טראָגט קורצע קליידלעך, גייט אַרום אין שטוב האַלבנאַקעט, שמירט זיך ס׳פנים מיט קרייטעכצער, שמירעכצער און קרעמען, און זי בעט ביי אים אַ סך געלט. נאָך וואָס דאַרף זי אַזוי פיל געלט. יענע האָט אין גאַנצן נישט געבעטן פאַר זיך אויף גאָרנישט, ווי זי וואָלט נישט געווען קיין פרוי. זי האָט אָבער רעספּעקטירט זיין יעדן ווונק. די אָבער, נישט בלויז וואָס זי רעספּעקטירט אים נישט, זי לאַכט נאָך פון אים.

— יאַפּאַנישע פרויען, מאַריאַ — האָט ער זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט —רעספּעקטירן זייערע מענער און איך וויל אַז דו זאָלסט מיך מער נישט גרינגשאַצן — האָט ער אַרויסגעפּלאַצט מיט ווייטיק און פאַרדראָס — אַזוי קאָן עס נישט גיין. ס׳איז מיר אַ חרפּה פאַר מיינע לאַנדסלייט. וואָס וועלן זיי זאָגן וועגן מיר? אונדזערע פרויען בוקן זיך פאַר זייערע מענער. ביי זיי זענען די מענער די גרעסטע אויטאָריטעטן. ווייניק וואָס דו האָסט נישט פאַר מיר קיין ברעקל דרך־ארץ, חוזקסטו נאָך אָפּ פון מיר, מאַכסט מיך מיט דער בלאָטע

צו גליַיך. יאַפּאַנער זענען זייער געדולדיקע מענטשן, אָבער נאָר ביז אַ געוויסן גראַד. מע טאָר זיי נישט אַרויספירן פון גלייכגעוויכט.

ווידער האָט זיך דאָנאַ מאַריאַ צעלאַכט און זיך געגעבן אַ שטעל צו קאָקעטיש צו זיין זייט און אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל:

— דו, סאַ־טאַ־נאַ־קי, ביסט אַן אַלטער צוריקגעשטאַנענער מענטש, אַ פאַנאַטיקער, פון אַלטן שניט. איך גליַיב, אַז די היינטיקע יונגע יאַפּאַנישע מענער, פאַרלאַנגען גאַרנישט פון זייערע פרויען, אַז זיי זאָלן זיך בוקן פאַר זיי און זיי זאָלן אַרבעטן פאַר די מענער שווער און ביטער אַזוי ווי די שקלאַפן, אַזוי ווי דיין ערשט וויַיב, סאַנטיקע, האָט געאַרבעט, פון פיר פאַר טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט, אַז איר רוקנביין האָט זיך אַזש אויסגעקרימט, געוואָרן ווי אַ פיילנבויגן. און זאָג מיר נאָר, יאַפּאַנער מיינער, וואָסער אויטאָריטעט קאָן עס זיין אַ מאַן אַ קוילנטרעגער, אַ שוכפּוצער, אָדער אַזאַ ווי דו, וואָס נעמט צוזאַמען די שמוציקע וועש פון אַ גאַנצער שטאָט און אַליין טראָגט ער אַ שמוציקן אַנצוג אַ גאַנץ לעבן און בייט עס אַפילו נישט איבער אויף זונטיק, אַ מענטש וואָס ווייסט נישט מער ווי איינס — שטיין און וואַשן יענעמס שמוץ און ברוד, יענעמס ברודיקע וועש?

אויסער זיך איז סאַטאַנאַקי געווען פון מאַריאַס חוצפּהדיקער גאַב וואָס זי האָט אים דערלאַנגט. איר דרייסטקייט און איר זאָגן דעם גאַנצן אמת, איר לאַגישער קאָפּ מיט אירע אַלע אַרגומענטן האָבן אים אין גאַנצן פריטשמעליעט. ער האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, געזוכט אַן עפּעס וואָס זיך אַנצוהאַלטן און נישט געפונען. זיין נישט ענטפערן האָט איר צוגעגעבן מוט אויסצוטרינקן דעם ביטערן כוס ביז צום דנאָ. אַלץ וואָס איז איר געלעגן אויפן האַרץ. און זי האָט אים געגעבן אַ לאַנגע דרשה וועגן דעם ווי מען דאַרף לעבן.

— גוט, מאַריאַ — האָט סאַטאַנאַקי אָפּגעשטעלט דעם שטראָם רייד פון זיין צעהיצט וויַיב און אַרויפגעקוקט צו איר מיט זיינע שמאָלע

אייגעלעך און בערשטלדיקע ברעמען אונטערן פלאַכן שטערן. זיינע ווי:עס האָבן געהאַלטן אין איין ציטערן. זי האָט ביי אים איצט אויס־געזען ווי מיט צען קעפּ העכער פון אים. אַזוי קליין און דראָבנע ווי ער איז געווען — אָט אַזוי קליינטשיק האָט ער זיך געפילט אַנטקעגן איר.

— שי, שיניאָראַ! שי, שיניאָראַ! — האָט ער איר כסדר געגעבן גערעכט מיט דער זעלבער אונטערטעניקייט מיט וואָס ער פלעגט זיך בייגן און בוקן בעתן נעמען דאָס געלט ביי די באַלעבאָסטעס ביים אָפּברענגען די ריינע זאַכן. כאָטש ער האָט גוט געדענקט, אַז ביי זיין ערשט ווייב, ביי סאַנטיקען, איז ער געווען די העכסטע מאַכט און קראַפט, דער קלוגער און גערעכטער.

סאַטאַנאַקי האָט לאַנג נאָכגעטראַכט נאָך די אַלע רייד וואָס די בראַזיליאַנערין האָט אין אים אַריינגערעדט. צום סוף איז ער געקומען צום אויספיר אַז דאָנאַ מאַריאַ האָט רעכט. זי איז פולשטענדיק גע־רעכט. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן ווי ער האָט געגעבן אַ פרוי גערעכט. ווייל וואָסער אויטאָריטעט איז ער עס טאַקע? אַזאַ מענטשעלע, ווי ער איז, וואָס נעמט צונויף שמוציקע וועש, טראָגט דעם פּאַק ברוד — ווי קאָן מען פאַר אַזעלכן האָבן דרך־ארץ? ווי קאָן אַ לייטיש ווייב האָבן אָפּשיי פאַר אַזאַ באַשעפעניש, זי זאָל אים נאָך קוקן אין מויל אַריין און אַלץ, וואָס ער זאָגט, זאָל ביי איר זיין הייליק?

און מיט מער האַסט און אימפּעט נעמט ער וואַשן די קאָלדרעס אינעם קעסלגרוב אויפן הויף, וווּ ער שטעלט זיך צו דער אַרבעט יעדן טאָג ווען ער קומט אַ פאַרמאַטערטער פון גאַס.

ער מוז איצט צוקוקן, סאַטאַנאַקי, ווי זיין ניי ווייב, די הויכע בראַזיליאַנערין, דאָנאַ מאַריאַ, דרייט זיך אַרום ביי אים אין שטוב, שטענדיק אָן אויסגעפּוצטע, שמירט זיך און פאַרבט זיך, מע זאָל נישט פון איר פילן דעם ריח פון פאַרע און טובלע וועש, וואָס ס'פילט זיך אין אַלע ווינקעלעך. און ער מוז עס איצט אָפּקומען

פאַר זיין ערשט ווייב, וואָס ער האָט געשיקט אויף יענער וועלט, און פאַר זיין זון, זשעזשיקע, וואָס איז אים געשטאַנען אין וועג, ווען ער האָט זיך געשדכנט צו דער צעשמייכלטער פריילעכער בראַזיליאַנערין. איצט נעמען זיי ביידע טויטערהייט אין אים נקמה.

זיין דורכפאַל

דער דאָקטאָר אַניבאַל האָט זיך געהאַט פאַרגעשטעלט, אַז זיין יונג ווייבל, די בלאָנדע לעלע, האָט מיט אים חתונה געהאַט, ווייל ער איז איר געפעלן געוואָרן, ווייל ער איז אַ שיינער מאַנצפּאַרשוין, פון הויכן וווקס, און נישט ווייל ער איז געווען אַן אָנגעזעענער מענטש, דערצו נאָך פון דער עליטע, פון דער בעסערער געזעלשאַפט — אַ דאָקטאָר, אַן אייגנטימער פון אַ קליניק, פאַרמאָגט הייזער, שלעסער און גיטער.

ער האָט נישט געוווּסט, דער דאָקטאָר אַניבאַל, אַז זיין לעלע איז געווען אַ לייכטזיניק מיידל און אַז זי האָט זיך עס אים פאַרקויפט צוליב געלט. זי האָט געוואָלט ווייזן אירע חברטעס, אַז איר נישט לייטיש אויפפירן זיך איז נישט געווען קיין שטער חתונה צו האָבן מיט אַ דאָקטאָר, אַ רייכן מענטש, און זאָלן זיי אַלע, אירע אייפּער־זיכטיקע שול־חברטעס, די נישט־פאַרגינערינס, שפּרינגען פון דער הויט פאַר קנאה. זיי וועלן זיך שוין מער נישט רייצן מיט איר, אַז קיינער וועט זי נישט וועלן אָנקוקן, אַז וועט ס'וועט זי קריגן פאַר אַ ווייב, וועט זיך מיט איר וואַרפן ווי מיט אַ פּילקע, און אויב ס'וועט זיך איר נישט איינגעבן אַזוי געשווינד צו קריגן אַ מאַן, וועט זי דאַרפן גיין פון האַנט צו האַנט.

גלייך נאָך דער חתונה, ווען זי איז שוין געווען זיכער מיט איר אַניבאַלן, האָט די יונגע בלאָנדע לעלע גענומען קוקן אויף אַנדערע מענער. ווו נאָר זי פלעגט ערגעץ קומען אין געזעלשאַפט, האָט זי געזוכט צו מאַכן באַקאַנטשאַפט מיט פרעמדע יונגעלייט.

צו דער גאַנצער רייצנדיקער פּראַכט אירער האָט זי איינגע־

לייגט וועלטן צו זיין נאָך שענער, נאָך צוצי׳ענדיקער, אַלע מענער־בליקן זאָלן זיך צי׳ען צו איר, ווי די זומער־פייגעלעך צום פייער. זי האָט געטאָן אַלץ אויף נאָך מער אונטערצושטרייכן איר שיינקייט און רייץ. אירע ברוינלעכע קאַשטאַנהאָר האָט זי זיך געפאַרבט אויף העל בלאָנד, וואָס זי האָט געהאַלטן, אַז ס׳קליידט איר מער צו איר ראָזלעך פנים. זי איז געגאַנגען צו די טייערסטע פריזירערס אין צענטער שטאָט און דאָרט אָפּגעזעסן גאַנצע שעהען אונטער די צעהיצטע עלעקטרישע מעטאַלענע קאַסקעס, וואָס האָבן איר אָנדולירט דעם קאָפּ האָר ווי אויף דראָטן. די בעסטע קרעמען האָט זי געניצט צום פנים, צו די קוים מערקעוודיקע קנייטשעלעך אַרום די אויגן מיטן בורשטינענעם אָפּגלאַנץ, וואָס האָבן איר צוגעגעבן מער אינטער־סאַנטקייט, איידער צו איר נאַטירלעכער שיינקייט. פאַרקערט, דאָס אונטערפירן מיטן גרינעם שטיפט אונטער די אויגן, דאָס לייגן די מאַשטשן אויף די באַקן און שטערן — דאָס אַלץ האָט מער געשטערט צו זען איר שפּילעוודיקע צאַרטקייט, געווען אַ שטער צו איר יונג־פרוילעכער שיינקייט, און צו די ווייכע זינלעכע שטריכעלעך אַרום די מוילווינקלען און פולבלעכע ליפּן, וואָס האָבן זיך ווי אַליין געבעטן צום קושן און נאָך מער צום ווערן אויסגעקושט דורך מענערישע ליפּן.

די אַרומפלאַטערנדיקע שיינע לעלע, וואָס איז איבער נאַכט געוואָרן די פרוי פון אַ דאָקטאָר, האָט גענומען בלאָזן פון זיך און געמאַכט אַ מינע פון אַ שטאָלצער. זי איז געווען גרויסהאַלטעריש און אומצוטריטלעך גלייך ווי זי וואָלט געווען געשטאַמט פון מי־יודע וואָסערע אַריסטאָקראַטן. און געשטאַמט האָט זי פון פשוטע, איינפאַכע מענטשן, וואָס האָבן זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט.

די שיינע לעלע האָט איצט געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די מענטשן פונעם מיטעלן קלאַס. זי האָט זיי אויפגעהערט זען. איר איז שוין איצט נישט אָנגעשטאַנען צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון אַ פרוי, וואָס איז נישט געווען אַזוי עלעגאַנט געקליידט. אויב יענע האָט נישט געהאַט קיין דאָקטאָר, אָדער קיין אינזשעניער אין דער מישפחה, האָט זי געקרימט מיט דער נאָז און זיך נישט געוואָלט חברן

מיט איר — האָט זי געמעגט זיין ווי רייך. דער טיטול איז ביי איר געווען העכער ווי דער מענטש.

לעלע האָט שוין געהאַט פאַרגעסן, אַז זי האָט זיך פאַרבונדן מיטן דאָקטאָר אַניבאַל בלויז צוליב זיין רייכקייט, און אַז אַליין איז זי דעמאָלט געווען אָרעם ווי אַ קלויסטערמויז. איר מאַמע, די אַלמנה, האָט איר אַפילו קיין לייטיש קליידל נישט געקאָנט מאַכן צו דער חתונה.

איר מאַן, דעם כירורג־דאָקטאָר, האָט זי געקענט נאָר פון דער פּריוואַטער היימישער זייט. ס'איז איר קיין מאָל נישט אויסגעקומען צו זען דעם דאָקטאָר אַניבאַל, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פונעם אָפּעראַציע־זאַל מיטן העמד איבער די הויזן, צעקנעפּלטן ווייסן פאַרטעך און פאַרשאַרצטע אַרבל און געהאַט דעם אויסזען פון אַ קיילעריונג אין יאַטקע, וואָס שטייט הינטערן בופעט און האַקט פלייש אויפן יאַטקעקלאָץ.

אין דער זעלבער צייט וואָס זי האָט זיך אומעטום פאַרגעשטעלט ווי דעם דאָקטאָרס פרוי, האָט זי געזוכט זיך צו געפינען וואָס ווייטער פון אַניבאַלן דעם דאָקטאָר אינעם ווייסן כאַלאַט מיט זיינע אָפּעראַ־ציעס, פּאַציענטן און קראַנקע. זי האָט נישט געוואָלט הערן דערפון און עס פיינט געקריגן פונקט ווי זי האָט אים גופא אויפגעהערט צו פאַרטראָגן. עפּעס האָט זיך איר אָנגעהויבן אויסווייזן, אַז ס'פילט זיך פון אים שטענדיק מיט אַן איבלדיקן שפּיטאָל־ריח: כלאָראָפאָרם, יאָד און עטער. זי האָט זיך נישט געקאָנט מער צורירן צו אים און אויפגעשוידערט ווען ער האָט איר געגעבן אַ גלעט איבערן קאָפּ.

איר פאַרביטערונג האָט זי מיט דער צייט געפּרוווט פאַרטרינקען מיט וויין. פונקט ווי דאָקטאָר אַניבאַל פלעגט פאַרטרינקען זיין גע־שפּאַנטקייט נאָך יעדער אָפּעראַציע, אַלץ איינס, צי זי איז אים געלונגען אָדער נישט. און אַזוי, מיטן גלעזל שנאַפּס אין דער האַנט, פלעגט ער אַריינקומען צו זיינע אָפּערירטע קראַנקע אין די צימערן אַריין, מיטן העמד איבער די הויזן, אַ צעכראַסטעטער, מיט אַ גוט־מוטיק שמייכעלע אויף זיינע פולע רויטע ליפּן.

דאָס יונגע ווייבעלע זיינס, זיין לעלע, האָט אים אָבער נישט געקענט פון דער זייט. זי האָט אים קיין מאָל נישט געזען אין אַזאַ פּאָזע. זי איז זייער זעלטן געקומען צו אים אין שפּיטאָל אַריין. איר צייט האָט זי אַוועקגעגעבן צו מיינסט אויף איר טואַלעט. גאַנצע טעג פלעגט זי אָפּזיצן אין די מאָדע־סאַלאָנען און ביי די פּריזירערס דאָרט אונטערן מעטאַלענעם עלעקטרישן טאָפּ, וואָס האָט געטרוקנט די פריזור אויף פּערמאַנענט און סיי ווי מער נישט אָנגעהאַלטן ווי אַ טאָג צוויי, און שוין האָט זי ווידער באַדאַרפט לויפן צום פּריזירער.

איינס האָט זי געוווּסט, די שיינע לעלע, אַז איר מאַן, דער דאָקטאָר אַניבאַל, איז אַן אָפּגעלאָזענער מענטש, אַ צעטראָגענער. ער האָט קיין מאָל נישט געוווּסט, ווו ער לייגט אַוועק עפּעס אַ זאַך, געהאַלטן אין איין אַרומזוכן פונקט דעמאָלט, ווען ער האָט זיך געאיילט אויף אַ וויזיט, צי אין שפּיטאָל אַריין, און זי שטענדיק געפינען אויבן־אויף, געלעגן פאַר אַלעמענס אויגן; מ׳האָט גאָר נישט באַדאַרפט זוכן, נאָר ער, אין זיין צעשטרייטקייט, האָט עס נישט געזען, און נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי ער איז עס פאַרבייגעגאַנגען און עס נישט באַמערקט.

אויף טריט און שריט האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף זיין נאַכלעסיקער פירונג, אַפילו אין איר אינטים לעבן מיט אים, איר לעגאַלן מאַן, וואָס איז געווען אַ סך עלטער פון איר. ער האָט געקאָנט זיין איר טאַטע. נישט איין מאָל האָט עס איר ווי געטאָן ביז חרטה, וואָס אַזאַ שיינע ווי זי, האָט נישט חתונה געהאַט מיט אַ יונגן שיינעם מאַנצפּאַרשוין, נאָר זיך פאַרבונדן מיט אַזאַ אַלטן באָק. צוליב אַ נאַרישן קאַפּריז, וואָס טרעפט נישט זעלטן ביי יונגע „קאָזעס“, אומבאַרעכנטע, זאָרגלאָזע מיידלעך, האָט זי זיך געמוזט צונויפגיין מיט אַן עלטערן שווערן מאַן, וואָס באַוועגט זיך קוים, קריכט ווי אַ טשערעפּאַכע, צי גאָר ווי אַ פרעגיסע, וואָס לעבט שטענדיק אויף אַן אַלטן בוים און פוילט זיך אַ ריר צו טאָן פון אָרט, שוין אָפּגערעדט פון וועלן אַראָפּקריכן פון דאָרט, פאַרלאָזן דאָס אויסגעבעטע געלעגער אויף די צווייגן פונעם הונדערטיאָריקן בוים.

גלייך נאָך דער חתונה מיטן דאָקטאָר אַניבאַל, ווען זי האָט אים געזען אַ פולן, אַ שווערן, אַן איבערגעגאָסענעם אין זיין געפּאַלדע־ווערטער באַקעטקייט, האָט די יונגע פרוי, אַן אויפגעטרייסלטע, ווי פון אַ מאָנסטרועזער וויזיע, זיך אָפּגעקערט מיטן פּנים צום פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין נאַכטיקן זומער־גאָרטן, און נישט געקענט פועלן ביי זיך, זיך אויסצודרייען אין זיין זייט, כל־זמן די עלעקטרישע ליכט איז נישט געוואָרן פאַרלאָשן.

— וואָס האָט זיך מיט מיר געטאָן? — האָט זי זיך נישט געקאָנט שענקען און זיך אַליין פאַרגעוואָרפן, אַז זי איז טאַקע געווען נאַריש, אומבאַרעכנט. אַ מענטש לעבט דאָך נישט בכדי צו אימפּאָנירן אַנדערע. אין לעבן דאַרף מען זיין פּראַקטיש און זען וואָס ס'איז נוציק און צוגעפּאַסט פאַרן אייגענעם שטאַנד און גוסט, און נישט אַז ס'זאָל געפעלן יענעם. פון דער אַנדערער זייט אָבער האָט איר געגומען דאָס וואָס ער איז געווען רייך, און זי אַליין האָט אויך געוואָלט זיך איינקויפן אין יחוס, אַריינקומען אין אַ בעסערער גע־זעלשאַפט, זיך אויפהייבן אויף אַ געזעלשאַפטלעכן שטאַפּל העכער, און ער איז געווען אַ דאָקטאָר מיט אַנזען, און אַט דאָס האָט פאַר־בלענדט אירע אויגן.

— נאַרישער קאָפּ! דו אייזל וואָס דו ביסט! — האָט זי זיך נישט אויפגעהערט צו פייניקן און זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט אין איר איינזאַמקייט און אַריינגעוויינט אין קישן אַריין.

אַז מע וויינט זיך גוט אויס ווערט טאַקע גרינגער אויפן געמיט. אָבער לעלע האָט נישט געפילט קיין דערלייכטערונג. האָט זי איין מאָל אָנגעקלונגען צו אַ חברטע און יענע האָט זי פאַרבעטן, זי זאָל קומען צו איר אין דער הויפּטשטאָט אַ ביסל פאַרברענגען, ביי אַ קאָרטן־פּאַרטיע. די מענער שפּילן ביי איין טיש און די פרויען מאַכן זיך אַ באַזונדערן טיש.

מיט דער צייט האָט לעלע געפלעגט אָוועקפאָרן פון שטוב און פאַרפאַלן ווערן אויף עטלעכע טעג אין דער רעשיקער הויפּטשטאָט. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט שפּילן אין קאָרטן ווי אַ מאַן מיטן ציגאַרעטל

אין מויל און געפלעגט אַזוי אָפּזיצן גאַנצע נעכט ביים שפּילטיש, אַ מאָל געוווּנען און צו מיינסט פאַרשפּילט.

אַ סך מאָל איז זי אַוועק פון טיש אַ דערשעפּטע, אַן אויסגעהוילטע. די שלאָפלאָזע נעכט ביים קאָרטנטיש האָבן זי אָפּגעשוואַכט און אַריינגעשליידערט אין בעט, צי אין דער רושטול, און זי געצווונגען אָפּליגן דאָרט גאַנצע טעג אַן אומבאַוועגלעכע, אַ ווילנלאָזע, אַ פאַרסמטע. נאָך פון די קינדער־יאָרן איז זי געווען אַ שוואַכע, אַ בלוטאָרעמע, און יעדע איבערגעשטרענגקייט האָט איר באַלד געקאָסט אַ שטיק געזונט.

דאָקטאָר אַניבאַל האָט וויפל מאָל געבעטן זיין יונג ווייבל, זי זאָל זיך אַריינזעצן מיט אים אין אויטאָ און פאָרן צו די קראַנקע אויף זיינע וויזיטן, וועט זי זיך אַ ביסל צעשטרייען און וועט אַריינגעצויגן אין לעבן, אין קרייז פון זיינע אינטערעסן, וועט עס זי צוריק שטעלן אויף די פיס.

צום ערשט האָט זי דערווידערט מיט פאַרשידענע תירוצים. שפּעטער, ווען מ'האָט אים גערופן צו אַ קראַנקן, האָט זי זיך שוין אָן אַ וואָרט אַריינגעזעצט אין אויטאָ און מיטגעפאָרן צו זיינע פּאַציענטן. ביי יעדן קראַנקן איז ער געזעסן לאַנג, אַ צייט, אפשר אַ שעה, צי מער. זיך אויסגעטענהט אויף זיין אופן, פאַרהיקענדיק זיך ביים וועלן רעדן אַ ביסל גיכער. האָט עס געדויערט נאָך לענגער ביז ער האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט.

פון גרויס לאַנגווייל האָט לעלע אָנגעהויבן צו לערנען איר מאַן ווי זיך צו פירן. וואָס צו טאָן. צו ערשט האָט זי זיך גענומען צו זיין פאַרהיקען זיך. און אַ וווּנדער וואָס די יונגע לעלע האָט באַוויזן! זי האָט אַזוי לאַנג אַריינגערעדט אין איר עלטערן מאַן, אַז ער זאָל זיך באַהערשן און אויפהערן זיך צו פאַרהיקען, אַנישט וועט זי פון אים אַוועק — ביז דאָקטאָר אַניבאַל האָט גענומען רעדן גלייך, ווי יעדער איינער, כאָטש ס'איז אים אָנגעקומען גענוג שווער, אַזש אַ שווייס איז אים דערביי אַרויסגעטרעטן אויפן שטערן.

פּונקט ווי אַלע שטומע האָבן ליב צו רעדן אַ סך, אַזוי האָט

דאָקטאָר אַניבאַל אויך געהאַט אַ טבע צו לאָזן פריי דעם שטראָם רייד, וואָס ער האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן. אַז ער איז אַריינ־געקומען אין אַ שטוב און אָנגעהויבן רעדן, האָט מען געקאָנט מייגען אַז ער וועט שוין פון דאָרט נישט אַוועק, אַז ער קלייבט זיך שוין דאָרט צו בלייבן נעכטיקן.

אַז זיין ווייבל האָט געזען וואָס אַזוינס זי האָט אויפגעטאָן, אַז איר מאַן פאַרהיקעט זיך שוין נישט אַזוי אָפט ווי פריער, האָט זי אָנגעהויבן ווירקן אויף אים, אַז ער זאָל זיך אויסלערנען האַלטן רעדעס, נעמען אַ וואָרט ביי יעדער געלעגנהייט, ווו ער קומט נאָר אויף אַן אונטערנעמונג צי פאַרזאַמלונג. אַזאַ פיגור ווי ער — האָט זי אין אים אַריינגעסיקעט — דאַרף קאָנען רעדן פון אַ טריבונע אַראָפּ, און ס׳איז זיך נישטאָ פאַר וועמען צו שעמען. נאָך דערצו אַ מענטש וואָס האָט זיך ליב צו מישן אין פּאָליטיק, דאַרף אַוודאי קאָנען רעדן פאַר אַ פּובליקום, אַרויפגיין אויף דער טריבונע און נעמען דעם עולם מיט זיין וואָרט, אַז אַלע זאָלן זיך צוהערן צו אים. קיין רייד פעלן אים נישט, ער האָט זיי איבערגענוג און וואָס צו זאָגן האָט ער אויך און וועט שוין שטענדיק געפינען אַ שלאָגוואָרט מיט וואָס צו נעמען דעם עולם.

אין אָנהייב איז עס אים אָנגעקומען גענוג שווער און ס׳איז אַרויס אַ ביסל אומגעלומפּערט. ביז ער איז אַרויפגעקראָכן אויף דער טריבונע, זיך געווישט דעם שווייס פון שטערן מיטן טיכעלע, וואָס ער האָט נישט געוווּסט אין וועלכן טאָש עס צוריקצולייגן און לסוף געבליבן מיט דעם אין דער פאַרדריקטער האַנט, און ביז ער האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט, איז דער עולם געוואָרן אומגעדולדיק אויף די בענקלעך און מ׳האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן מיט אַ גע־רוקעריי און הוסטעריי, אַז ס׳האָט שיר נישט געדראָט מיט אַן אויפ־רייס פונעם מענטשלעכן געדולד, וואָס קאָן אַראָפּטרייבן דעם גרעסטן עקשן פון דער בינע. אָבער אַזוי ווי דאָס אַלץ איז געשען אין אַ קליין שטעטל, און די דאָרטיקע מענטשן האָבן סיי ווי נישט געהאַט וואָס צו טאָן קיין איבעריקס, האָבן זיי עס טאָלערירט, אים געלאָזט, ער

זאָל זיך צוגרייטן וויפל זיין האַרץ גלוסט, און זיך צוגעהערט צו זיינע שלאָבעריקע רייד, וואָס ער האָט גערופן פּאָליטישע שמועסן. זיי האָבן זיך צוגעהערט אויך דערפאַר, ווייל דאָקטאָר אַניבאַל פלעגט ביי אַ סך פון זיי נישט נעמען באַצאָלט פאַר זיינע וויזיטן. דאָס זענען אַלץ געווען אָרעמע מענטשן. זיי זענען געקומען אויף זיינע „פּאָליטישע שמועסן" און זיך צוגעהערט צו זיינע אַלע רייד אויס דאַנקבאַרקייט פאַר זיין גוטן טראַקטירן די מענטשן, באַהאַנדלען זיי מיט גרויס געדולד און זיך איבערנעמען מיט זייערע שלאָפקייטן און מיחושן. אין שטעטל איז סיי ווי נישט געווען ווו זיך אַהינצוטאָן אין די אָוונטן, האָט מען אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס דער היימישער שטעטל־פּאָליטיקער, דאָקטאָר אַניבאַל, האַלט פּאָליטישע רעפעראַטן און מ'איז געקומען, מ'האָט אויסגעפילט דעם זאַל און אויסגעהערט זיינע לאַנגע רעדעס ביז אין דער האַלבער נאַכט אַריין, און ווען ער האָט געענדיקט, האָבן אַלע שטאַרק אַפּלאָדירט, טאַקע אויך צוליב דעם וואָס זייער אומזיסטער דאָקטאָר האָט דאָך געהאַט אויף זיי רחמנות און זיי ענדלעך באַפרייט פונעם אומזיסטיקן פייניקן זיך און דאַרפן אויסזיצן אין האַלבן דרעמל איבער צוויי שעה צייט.

אין אַן אָוונט האָט מען דעם דאָקטאָר אַניבאַל גערופן צו אַ קראַנק קינד. די מאַמע פונעם קינד איז געווען אַ קליין איינגעשרומפּן ווייבעלע, אַ טונקלהויטיקע, אָבער נישט קיין נעגערטע און אויך נישט קיין מולאַטקע. זי איז געווען אַ שוואַרצהאָריקע און ביי די ווינקלען מויל האָבן זיך קוים געמערקט גרופּקעס הערעלעך ווי קליינטשיקע שטיקלעך און ברעקלעך וואָנסעלעך. ווען זי איז נאָר געווען אין גוטן מוט האָבן זיי איר צוגעגעבן אַפילו אַ חן, פונקט ווי אַ שוואַרץ „פעפערל" גיט צו חן אַ העל ראָזיק מיידליש פּנים.

דאָס דאַרע פּיצעלע ווייבעלע האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר קלוגע כיטרע אייגעלעך, וואָס האָבן געזאָגט אַז זיי לאַכן פון דער וועלט, און דינע פאַרביסענע ליפּעלעך, וואָס, ווי שיין געשניטן זיי זענען געווען, אַזוי פיל שלעכטס איז אין זיי געלעגן, און נישט אַזוי ווייט

אין זיי, ווי אינעם שיפּעדיקן צינגל אין מויל וואָס האָט געקאָנט אַנמאַכן דאָס גרעסטע פּייער. אין שטוב ביי אירע עלטערן האָט מען זי טאָקע גערופן: די שלאַנג. מיט אירע סיקעדיקע רייד האָט זי געביסן און אַריינגעלאָזט גיפט אין אירע שוועסטערס און ברידער. אַפילו דער אייגענער מאַמען האָט זי נישט געשאָנעוועט און נישט זעלטן אויפגעהויבן צו איר אַ האַנט. די מאַמע אירע איז געווען אַ ביסל אַ צעדרייטע. זי האָט נישט געוווּסט וואָס ס׳טוט זיך מיט איר און זיך נישט געקאָנט פאַרטיידיקן קעגן דער טאָכטער, דאָס מרשעת. כאָטש די דיווע איז געווען אַ קליינס, אַ דרויבע, האָט זי פאַרמאָגט אין אירע הענט אַ כוח פון אַ מאַנצפּאַרשוין און נישט פון קיין פרוי. די גאַנצע שטוב האָט פאַר איר מורא געהאַט און נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט דער שלאַנג.

ווי אַלע שלעכטע מענטשן האָט אויך די דיווע געהאַט אַ באַזונדער מזל, וואָס קיינער ווייסט נישט און קאָן זיך נישט דערקלערן פאַר וואָס ס׳זאָל איר אַזוי גוט גיין. האָט זיך אין איר פאַרליבט אַ הויכער בלאָנדער יונגערמאַן — דער שענסטער אין שטעטל — אַנטאָניאָ קאַסטראָ. ער האָט געשטאַמט, איר אַנטאָניאָ, פון ריאָ דע זשאַניירא און איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל צוליב עפּעס אַ צופאַל וואָס ער האָט איר קיין מאָל נישט געוואָלט זאָגן צוליב וואָס.

ער האָט זיך געיאָוועט מיט אַ קליין רענצל, מיטן סאַמע ניי־טיקסטן, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן אין וועג, אין דער פרעמד, אַזוי ווי איינער וואָס גייט אַוועק אַ ברוגזער פון אַ שטוב — נאָך אַ קריגעריי וואָס שמעקט מיט פאַרראַט און אייפערזוכט, און איז גרייט באַדיי צו עסן טרוקן ברויט מיט וואַסער אַבי נישט צו פילן קיין גיהנום אַרום זיך.

באַלד ווי אַנטאָניאָ איז געקומען אין שטעטל אַריין האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער די ריינע שטעטלשע גאַסן מיט די שמאָלע טראָטואַרן, געקוקט אין די אויסשטעל־פענצטער פון די געשעפטן און אַ מידער זיך געזעצט אָפּרוען אין גערטל. די כיטרע דיווע, וואָס איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען, האָט אַ קוק געטאָן אויף אים, דעם

פרעמדן, וואָס זי זעט אים דאָ צום ערשטן מאָל אין שטעטל, און ער איז איר גלייך אַריין אין די ביינער. די בראַזיליאַנער מיידלעך פאַרמאָגן אַן אומקלאָרקייט וואָס פאַרבינדט זיי גיך מיט מענער, איבערהויפּט אַזעלכע וואָס געפעלן זיי און זיי ווילן יענע געפעלן ווערן. זי האָט זיך צוגעזעצט צו אים אויף דער באַנק און אָנגעהויבן אויספרעגן פון וואַנען ער קומט? צי ער נייטיקט זיך נישט אין עפּעס? מע דערקענט באַלד אַז ער איז אַ גרויסשטאָטישער... צי ער איז געקומען צייטווייליק, צי אויף לאַנג, און וואָס קלערט ער דאָ צו טאָן. דאָס צינגעלע איז ביי איר געגאַנגען ווי אויף שרויפן. זי האָט זיך נישט געקענט אָפּוווּנדערן פון זיין העלהויטיקייט און בלאָנדהאָריקייט. זי האָט צוגעלייגט צום פאַרגלייכן איר טונקל פאַר־שפּיצט הענטל צו זיין ווייסער מענערשער האַנט און אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אירע שוואַרצע ציגיינער־אויגן פול מיט ברען און צוזאָג פון עפּעס אַזוינס וואָס ס'ווערט דערפון וואַרעם אין אַלע גלידער.

אויך אים, דעם פרעמדן יונגמאַן, האָבן פאַרכאַפּט ביז באַוווּנ־דערונג אירע ערנסטע זאָרגעוודיקע רייד פון אַ דערוואַקסענעם, וואָס זענען געקומען פון אַ קינדעריש מיילכל. די געדעמפטע טונקלקייט פון איר הויט האָט אים אַ ברי געטאָן, ווי זי וואָלט אים געווען צוגעלייגט נישט קיין האַנט נאָר אַ שטיק אָנגעגליט אייזן. זי האָט אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי אַ קינד. דאָס פּיצעלע מיידעלע אָבער האָט זיך צו אים געטוליעט ווי אַ דערוואַקסענע רייפע פרוי.

זיי האָבן אָנגעהויבן גיין שפּאַצירן און זי האָט גענומען קומען צו אים אין האָטעל אַריין. זי איז פון אים נישט אָפּגעטרעטן אויף קיין ווייל, זי האָט אים באַדינט און אים צוגעטראָגן דעם ביסן צום מויל. אים געהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. זי האָט זיך אַרום אים אַרומגע־וויקלט טאָקע ווי אַ שלאַנג ביז זיי האָבן חתונה געהאַט. ער האָט זי גענומען אַזוי ווי זי איז געשטאַנען און געגאַנגען. זי איז געווען אָרעם, הויל און נאַקעט, אָן אַ פּרוטה ביי דער נשמה. זי האָט געוווינט אין אַ קורטיסע, אַ מין קעלערלאָך, אָן אַ געקאַלכטן סופיט, מיט

אַן ערדענעם דיל, אַן פּענצטער און אַן טירן, אַ פּשוטע נאַרע.

ער, דאַקעגן, האָט אויסגעזען קעגן איר ווי אַ פּרינץ. ער איז געווען אַ מענטש פון אַן אַריסטאָקראַטישער שטוב, מיט איידעלע מאַניערן, אַ גוט דערצויגענער. דאָס ערשטע, וואָס ס׳האָט אים גע־נומען ביי איר, איז געווען איר קינדערשע צוגעלאָזנקייט און נישט געהעמטקייט פון די געפילן, וואָס מע טרעפט עס זעלטן ביי א גרויס־שטאָטיש מיידל. די גרויסשטאָטישע זענען מאַניערירט און אויס־גערעכנט. אַפילו די ליבע, יעדער קוש איז ביי זיי אויסגעחשבונט און אויסקאַלקולירט סוחריש, מיט אַ קאַלטער לונג און לעבער. זיי זענען אַלע דאָרט פול מיט אָנשטעל און געקינצטלקייט. יעדער באַוועג זייערער, יעדער קער און ווענד איז ערגעץ ווו געצילט אויף צו דערגרייכן זייערס. ס׳האָט אים ממש געיאָגט פון זיי. ער האָט נישט געוואָלט פון זיי וויסן. און ווי אַנדערש איז אָט דאָס מיידל דאָ אינעם קליינעם שטעטל! גאָר נישט צו פאַרגלייכן אַפילו מיט יענע.

נישט געקוקט אויפן קאָנטראַסט פון זייער הויט און פאַר־שיידנקייט פון זייער דערציִונג, האָבן זיי דאָך געלעבט צווישן זיך האַרמאָניש. די קליינע וווינונג זייערע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ צימער מיט אַ קליין קיכעלע, קוים זיך אַ ריר צו טאָן, איז פול געווען מיט ליבע און גליק, וואָס דיביידע צוזאַמען איז אָפּט מאָל נישט צו קריגן פאַר קיין געלט. און ווען ס׳איז געקומען אַ קינד אויף דער וועלט, האָט עס שוין ביידע פאַרבונדן מיט אַ רינג, וואָס ס׳האָט אויסגעזען, אַז ס׳איז נישטאָ אַזאַ כוח, וואָס זאָל קאָנען צע־שטערן די אידיליע, דאָס איבערגליקלעכע צוזאַמענלעבן פון די צוויי מענטשן מיט די צוויי פאַרשיידענע כאַראַקטערס, וואָס קומען פון צוויי פאַרשיידענע וועלטן.

צו אָט דער „קאָנטראַסטן־פאַמיליע" האָט מען יענעם אָוונט גערופן דעם דאָקטאָר אַניבאַל, ער זאָל באַטראַכטן דאָס קינד, וואָס האָט פּלוצים געקריגן הויכן פיבער. ווי לעצטנס האָט ער אויך איצט מיטגענומען זיין יונג ווייבל אויפן וויזיט, זי זאָל זיך נישט דאַרפן לאַנגווייליקן אין דער היים, און גלייכצייטיק קאָנען צוקוקן,

וואָס עס קומט פאַר אין דער וועלט פון פּיין און לייד, וועט זי שוין אַליין שלום מאַכן מיט איר אייגענעם גורל. זי וועט דאָך זען, אַז ס'קאָן נאָך זיין עפּעס ערגערס ווי האָבן אַן עלטערן מענטש פאַר אַ מאַן.

דאָס סימפּאַטישע יונגע פּאָרפאָלק האָט אויפגענומען דעם דאָקטאָר מיט זיין פרוי מיט גרויס גאַסטפריינדלעכקייט און דרך־ארץ. אויך לעלע איז דאָס מאָל געווען צופרידן וואָס זי איז דעם אָוונט מיטגעפאָרן מיטן מאַן אויפן וויזיט און נישט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן סימן פון נערוועזשקייט און אומגעדולד. דער באַלעבאָס פון דער שטוב דאָ איז געווען אַזוי העפלעך, ער האָט נישט געוווּסט ווו זי צו זעצן, ווי זי וואָלט געווען אַ קעניגין, דערצו איז ער אַזאַ פאַרנעמער שיינער בלאָנדיך, מיט אַזעלכע אַריסטאָקראַטישע מאַניערן, וואָס ס'איז געווען קענטיק פון זיין באַנעמונג צו די געסט, פון זיינע רייד און באַמערקונגען, אַז ס'איז גאַרנישט צו פאַרשטיין פון וואַנען ס'נעמט זיך דאָ אַזאַ מענטש אין אָט דעם שטעטל.

דאָקטאָר אַניבאַל האָט באַטראַכט דאָס קינד, וואָס האָט אין גאַנצן געגליט פון היץ, און די שיינע לעלע האָט באַטראַכט דעם טאַטן פונעם קינד און אַליין געגליט פון אַ היץ, וואָס ס'האָט זי באַשלאָגן, ווען זי האָט זיך אָנגעטראָפן מיט זיין פייכטן בליק, וואָס איז געווען פול מיט אַנטציקונג.

אויך די באַלעבאָסטע, דאָס דראָבנינקע ווייבעלע, די קליינע דיווע, איז געווען צופרידן פונעם דאָקטאָרס לאַנגן וויזיט ביי איר אין שטוב, פון זיין שמועס, וואָס ער האָט פאַרפירט מיט איר מאַן וועגן פּאָליטיק און שטעטלשע ענינים — נאָכן פאַרשרייבן דעם רעצעפּט פאַרן קינד און הייסן אים געבן אַ סך טיי מיט ציטרין. צום סוף האָבן מאַן און פרוי — אַנטאָניאָ און דיווע — פאַרבעטן דעם דאָקטאָר אַניבאַל מיט זיין פרוי אויף אַ פּריוואַטן וויזיט, זיי זאָלן קומען צוגאַסט ווי פריינד, אויף אונטערצוהאַלטן זיך אַ ביסל און פאַרברענגען געמיטלעך אַן אָוונט.

דאָס פּיצעלע ווייבעלע, דיווע, איז געווען אין זיבעטן הימל

פונעם גרויסן כבוד וואָס זיי וועלן האָבן. אַ קליינינקייט, אויפצונעמען אַזעלכע געהויבענע געסט, דעם דאָקטאָר אַניבאַל, דעם וואָרטזאָגער פונעם שטעטל, וואָס אַלע הערן זיך צו אים צו, און זיין פרוי, וואָס חברט זיך נישט מיט אַבי וועמען און איז די ערשטע גראַנדדאַמע פון שטעטל.

ביי איר קראַנקער מאַמען, דער צעטראָגענער — האָט דיווע געטראַכט ביי זיך — ביי זיי אין זייער אָרעמער שטוב אָן אַ דאַך און אָן אַ דיל, וואָלט מען אַזעלכע הויכע געסט נישט געקאָנט אויפ־נעמען. פאַר אַלע שכנים האָט זי זיך געגרייסט און דערציילט, וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט און וואָס זיין פרוי האָט דערציילט. זי פלעגט אומעטום, וווהין זי איז נאָר געקומען — אין געוועלבל, צי אין מערקאַדע, צי אין גאַס פאַר דער טיר — זיך באַרימען פאַר אַלעמען מיטן דאָקטאָר און זיין פרוי, וואָס זענען אירע שטוב־געסט, אירע פריינד.

דיוועס מאַן, וואָס איז געווען אַ מענטש פון געשמאַק, האָט איר מיט דער צייט אויסגעלערנט וואָס יאָ און וואָס נישט, ווי זיך צו באַנעמען מיט מענטשן, ווי זיך צו האַלטן אין געזעלשאַפט, וואָסער קלייד אָנצוטאָן ביי טאָג און וואָס אין אָוונט, ס׳זאָל נישט זיין צו פאַררייסנדיק, נישט אַזעלכע גרעלע קאָלירן, ווי עס טראָגן די שוואַרצע, נאָר דיסטינגירטע, איידל, באַשיידן.

אויף לעלע האָט איצט אָנגעהויבן מער לייגן אַכט אויף זיך און אויף איר קליידונג. זי האָט זיך געלאָזט נייען פרישע קליידער לויט דער נייעסטער מאָדע פון די אויסלענדישע זשורנאַלן, און ווען ס׳האָט זיך נאָר געמאַכט אַ פרייער אָוונט, האָט זי פאַרגעלייגט דעם מאַן, זיי זאָלן אָפּשטאַטן אַ וויזיט ביי דער סימפּאַטישער פאַמיליע קאַסטראָ.

זיי זענען גיך געוואָרן אָפטע איינגייערס ביי די קאַסטראָס אין שטוב. מע פלעגט דאָרט אָפּזיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט און פאַר־ברענגען צוזאַמען, שמועסן, שפּילן אין קאָרטן. ווען דאָס קליינע ווייבעלע פלעגט אַריינגיין אין קיך, צוגרייטן די קאַווע מיט שניטקעס און קיכלעך, וואָס זי האָט אַליין געבאַקן ספּעציעל פאַר די חשובע

געסט, האָבן עס אויסגעניצט לעלע און אַנטאָניאָ אויף אָנצוקוקן זיך איינס דאָס אַנדערע — אויסגעהונגערטע פון ליבע און אומגעשטיל־טער בענקשאַפט.

דאָקטאָר אַניבאַל איז געווען אַריינגעטאָן אין די קאָרטן און גאָרנישט באַמערקט וואָס אַזוינס ס׳קומט פאָר אונטער זיין נאָז. דערצו האָט ער זיך געשניאָשקעט זיין גלעזעלע שנאַפּס, וואָס דאָס קליינע ווייבעלע האָט אים יעדעס מאָל צוגעטראָגן אַ פול אָנגעגאָסנס ביז צום ברעג. ווי קאָן ער אָפּזאָגן אַזאַ גאַסטפריינדלעכע באַלעבאָסטע און פאַרשעמען ס׳גלעזל וויין, וואָס זי גיט אים און עס נישט אויס־טרינקען, נעמען און לאָזן עס שטיין אויפן טיש אַ פולס, אַ נישט אָנגערירטס. איצט טרינקט זיך דאָך גאָר אַנדערש, ווי דאָרט אין שפּיטאָל, ווען ער איז אַרויס פון אָפּעראַציע־זאָל מיטן העמד איבער די הויזן, און געוווסט, אַז ווען ער וועט אַהיימקומען וועט ער טרעפן זיין לעלע מיט אַ פאַרזייערט פּנים, מיט אַן אומצופרידנקייט און גרימאַסן. איצט איז דאָך גאָר עפּעס אַנדערש. זי שיינט דאָך דאָ אַ צופרידענע, אַן אויפגעלעבטע, אַ גליקלעכע. ער וואָלט דאָך פרי׳ער אַוועקגעגעבן אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט, אַז ער זאָל זיין לעלע זען מיט אַ שמייכל אויפן פּנים, אַז זי זאָל זיך ווייזן פאַר אים מיט אַזעלכע צעגלאַנצטע פריידיקע אויגן. זי איז דאָך היינט אין גאַנצן אַ צע־שטראַלטע פון נחת.

ווען אַנטאָניאָ האָט געזען אַז זיינע געסט האָבן ליב זיך אונטער־צולענען דאָס האַרץ מיט אַ גלעזל, האָט ער איינגעהאַנדלט די בעסטע געטראַנקען, אַ גוטע פלאַש וויסקי, אַ שפּאַנישן קאָניאַק, פראַנצויזישן באָרדאָ־וויין, פון די בעסטע ליקערן, אַ גאַנצע קאָלעקציע געטראַנקען. ער אַליין האָט אויך מיטגעהאַלטן מיט די געסט און כסדר האָט מען זיך אָנגעקלאַפּט מיט די גלעזלעך. דאָס קליינע ווייבעלע זיינס, זיין דיווע, האָט ער אויך ס׳ניי געבעטן, אַז זי זאָל אַריינברענגען יעדעס מאָל אַן אַנדערן כיבוד, זי זאָל נישט פאַרגעסן אין די וועלטשענע ניס, ווי ס׳פרי׳ערדיקע מאָל, מ׳האָט אָנגעגרייט און ס׳איז געבליבן

שטיין אויפן טיש; די שאָקאָלאַדקעלעך זאָל זי אַריינברענגען און די געפילטע קאַרמעלקעס מיטן קעזקוכן.

די קליינע דיווע האָט זיך גערן געפּאָרעט ביי די געסט. זי האָט זיי סערווירט פון שענסטן און בעסטן, געהאָרכיק אויסגעפאָלגט אַלץ וואָס דער מאַן האָט איר געהייסן, און מער געווען אין קיכל ווי אין שטוב ביים טיש.

די בלאָנדע לעלע האָט זיך דאָ געפילט אויסגעצייכנט אין דער ענגשאַפט, בעסער ווי ביי זיך אין דער היים מיט די גרויסע געראַמע צימערן, וואָס יאָגן אָן אַן אומהיימלעכקייט און שרעק. זי האָט שטענדיק געזאָגט דעם מאַן, אַז ס׳איז אַ סך בעסער צו גיין צו די קאַסטראָס, איידער די קאַסטראָס זאָלן קומען צו זיי אין שטוב אַריין. אַזוי וואָלט זי, לעלע, זיך געדאַרפט פּאָרען, האַלטן אין איין דער־לאַנגען, טאָ זאָל בעסער די קליינע דיווע אַרבעטן, סערווירן דאָ דאָס, דאָ עפּעס אַנדערש, און זיי וועלן זיצן ווי די פּריצים.

אויפן אויסדריקלעכן פאַרלאַנג פון לעלען, האָט דאָקטאָר אַניבאַל פאַרבעטן צו זיך אין שטוב אַריין דאָס יונגע פּאָרל, די קאַסטראָס, נאָר דעמאָלט, ווען ער אָדער זיין שיין ווייבל האָבן געפייערט זייער אַניווערסאַר, ווען עמעץ פון זיי פלעגט זיך יערן.

— איך דאַרף זי נישט האָבן כסדר ביי מיר אין הויז — האָט די שיינע לעלע אים יעדעס מאָל דערמאָנט — דו הערסט „וועליאָ״... דאָס האָט זי אַלע מאָל אים צוגעגעבן צום סוף, „וועליאָ״, אַלטער, ווי אונטערצושטרייכן, אַז ער זאָל שטענדיק געדענקען, אַז ער איז אַ סך עלטער פון איר, און זאָל טאָן דאָס, וואָס זי הייסט, אָן שום דערווידערונג.

פון דעסטוועגן, כאָטש די קאַסטראָס זענען נישט געווען קיין צו אָפטע געסט ביי זיי, האָט דער דאָקטאָר אַניבאַל אויך אַזוי איינ־געקויפט די טייערסטע ווײַנען און שנאַפּסן, געהייסן אויסשטאַטן אַ בופעט, ווו ס׳האָט זיך געפונען אַ גאַנצע קאָלעקציע פאַרשיידענערליי געטראַנקען מיט אַ גרעסערן אויסקלייב ווי ביי די קאַסטראָס.

ביידע פאַמיליעס זענען מיט דער צייט געוואָרן אינטים באַ־

פריינדעט. יעדע פרייע נאַכט האָט מען פאַרבראַכט צוזאַמען. מ׳האָט געטרונקען, געשפּילט און געפּראַוועט סעודהלעך, געבאַנזשעוועט און פּאַסמאַקעוועט דעם גוטן וויין און די גוטע מאכלים. און אין דער זעלבער צייט האָט זיך די ליבע צעשפּילט אין די הערצער פון די צוויי יונגע מענטשן — ביי דער בלאָנדער לעלע און דעם בלאָנדן אַנטאָניאָ.

כאָטש די דיווע איז געווען אַזאַ קלוגיטשקע און אַ כיטרע ווייבעלע, זי האָט געהיט דעם מאַן ווי אַן אויג אין קאָפּ, און כסדר אים נאָר אויפגעוויזן ווי נייטיק זי איז אים אויף טריט און שריט, אַז ער קאָן זיך גאָר אָן איר נישט באַגיין קיין רגע; אַז זי דערהאַלט אים ממש ביים לעבן — דאָך האָט זי מיט אירע גרויסע שוואַרצע קלוגע אויגן גאָרנישט באַמערקט וואָס ס׳קומט פאָר אין געהיים צווישן איר מאַן און דער בלאָנדער לעלען, וואָס האָט זיך איצט געפּוצט אין די שענסטע קליידער, זיך געמאַכט די פאַרנעמסטע טואַלעטן, צו געווינען דאָס האַרץ פונעם שיינעם יונג, דעם בלאָנדן אַנטאָניאָ, אַז ער אַליין און זיין ליבע זאָלן איר געהערן.

זי האָט נישט געוווּסט, לעלע, אַז זי דאַרף גאָרנישט מאַכן אַזעלכע אָנשטרענגונגען צו געווינען אַנטאָניאָ אויף איר זייט. דער בלאָנדער אַנטאָניאָ האָט זיך איצט אַרומגעזען, אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַ גרויס נאַרישקייט, וואָס ער האָט געכאַפּט און חתונה געהאַט מיט אָט דעם פּיצלס, דערצו איז זי נאָך אַ שטיק שלאַק, ביטער ווי גאַל און דערגייט אים די יאָרן, ווען קיינער איז נישטאָ אין שטוב. זי איז אַ גרויסער דעספּאָט, אַן עגאָיסט. זי טראַכט נאָר פאַר זיך, און פאַר אים מאַכט זי דעם אָנשטעל, אַז זי איז אים איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. ער האָט שטענדיק פאַרקוקט אויף די אַלע קליינלעכקייטן און כיטרע שטיק אירע. ער האָט איר אַלץ נאָכגעגעבן, אַז ער זאָל נישט האָבן ביי איר ס׳גהינום אויף דער וועלט. אין זיין אייגענער שטוב האָט ער מורא געהאַט אַ וואָרט אַרויסצורעדן. נישט געטאָרט זאָגן אַנדערש ווי זי האָט פאַרשטאַנען אין איר ענגער באַגרענעצט־קייט פון אַן אומוויסנדיקן פּרימיטיוון מענטש, אַן איגנאָראַנט. דאָס

קליינע ווייבעלע זיינס האָט מיט איר געשליפן צינגל גענומען סיקען ווי אַ שלאַנג, אים אויפגעוועקט אין מיטן דער נאַכט, גערעדט און גערעדט און אים געבויערט לעכער אין זיין מוח מיט אירע שטעכיקע שרויפיקע רייד, אַז ער האָט זיך נישט געהאַט ווו אַהינ־צוטאָן. ער האָט זיך טייל מאָל געפּרוווט ראַטעווען און זיך געמאַכט שלאָפן. נאָר זי האָט עס נישט געקאָנט איבערטראָגן אַז ער זאָל שלאָפן רו:יק און אים כסדר געוועקט:

— שלאָפסט? שלאָפסט? — האָט זי געסיקעט מיט איר גיפטיק צינגל — שלאָף נישט! איך רעד דאָך צו דיר! וואָסי, איך האָב שוין נישט צו וועמען צו רעדן? ס׳דאַרשט מיך, דער האַלדז איז מיר שוין טרוקן, גיב מיר אַ טרונק, גיי מאַך מיר אַ גלאָז טיי...

— אין מיטן דער נאַכט?

— יאָ, אין מיטן דער נאַכט... אַז ס׳דאַרשט מיך איצט, טאָ ווען זאָל איך טרינקען, מאָרגן?..

ער האָט געשוויגן און געמאַכט טיי, און אַז ער האָט איר צו־געברענגט דאָס גלאָז טיי, האָט זי אים אָוועקגעשטופּט מיט דער טיי:

— איך דאַרף נישט קיין טיי. כ׳וועל זיך שוין באַגיין אָן דער טיי. אַזוי גרויס קאָן מען פון אים נישט האָבן. ער וועט זען אַ מענטש אויסגיין און ער וועט זיך נישט רירן פון אָרט. אַזאַ פינצטערער עגאָ:יסט איז דאָס. איצט גיט ער מיר די טיי. טרינק זיך אַליין אָן מיט איר.

דאַכט זיך נאַרישקייטן, קליינקייטן און אַלץ איז ביי איר אויס־געוואַקסן אין טראַגעדיעס — הימל עפן זיך!

ווי קליין זי איז געווען, האָט זי מיט אירע שפּיזיקע רייד געקאָנט אָוועקלייגן דעם גרעסטן ריז. זי האָט קאָמאַנדעוועט איבער אים. זי איז ביי אים אַרומגעגאַנגען אין די הויזן. ער האָט איר קיין וואָרט נישט געטאָרט זאָגן. ער וואָלט זיך שוין קיין מאָל נישט געקאָנט אויסקויפן פון איר. האָט ער געשוויגן, פאַרביסן די ליפּן ווי ער וואָלט נישט געווען דער באַלעבאָס פון דער שטוב. ווי זי

וואָלט עס געווען פאַרדינט אויף דעם אַלעם, וואָס אַ שטוב דאַרף האָבן, און נישט ער.

ווי קומט זי צו לעלע? מע קאָן אַפילו נישט מאַכן קיין פאַר־גלייך. ער האָט זיך איצט אַרומגעזען, אַנטאָניאַ, אַז זיין קליין ווייבעלע איז שוין גאָרנישט אַזוי קינדיש, ווי ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן. זי איז אַן אמתע שלאַנג, באַשאַפן צו טאָן שלעכטס. ווי האָט ער פריִער נישט געזען אירע שוואַרצע וואָנסעלעך פון ביידע זייטן מויל? אַז ס׳מויל אירס גייט ווי אויף שרויפן. מע קאָן עס גאָרנישט איינ־האַלטן ביי איר דעם מוטנעם שטראָם רייד. זי מאַלט ווי אַ מיל, נאָך אַנאַנד, אַן אָפּרו, אַן אָפּשטעל. ס׳וועט זיך שוין אַזוי קיין מאָל נישט אָפּשטעלן, נישט ענדיקן.

אין אַ מינוט, ווען ער איז געווען מיט זיך אַליין, האָט ער געפּרוווט באַרעכטיקן זיינע אייגענע מעשים. דער געוויסנהאַפטער אַנטאָניאָ האָט זיך גענומען פאַרענטפערן פאַר זיך אַליין:

— וואָס בין איך שולדיק, אַז לעלע געפעלט מיר? אַז כ׳בענק נאָך איר אַזוי שטאַרק, נאָר פון זינען אַראָפּצוגיין. כ׳בין דאָך נישט מער ווי אַ מענטש פון בלוט און פלייש. ווי קאָן איך זיין גלייכגילטיק צו אירע אַרויסגעוויזענע הייסע געפילן. זי איז מיין אמתע באַשערטע און נישט דער שוואַרצער טייוול, די דיווע, וואָס האָט זיך צו מיר אַריינגעגנבעט אין האַרץ אַריין אויף אַ נידעריקן געמיינעם אופן. מיט אירע ביטערע שטיק און פאַלשע גענג, האָט זי מיך פאַרנאַרט אין זאַק אַריין. איך געהער נישט איר, נישט איר... דער בלאָנדער לעלען געהער איך... מיט מיין גאַנץ לייב און לעבן בין איך אירער.

ס׳איז שוין געווען צו שפּעט, ווען די קליינע דיווע האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז עפּעס קומט פאָר צווישן איר מאַן און דער שיינער לעלען. צו אָפּט — האָט זי באַמערקט — שיקט זי לעלע יעדעס מאָל, זי זאָל איר צוגרייטן עפּעס אַנדערש אין קיך, בכדי זי זאָל קאָנען בלייבן אַליין מיט איר, דיוועס, מאַן, בעת דאָקטאָר אַניבאַל האָט זיך געפונען אין דרויסן, אַרומגעגאַנגען אין גאָרטן, אויפן הויף, פאַר־טשעפּעט די פייגעלעך אין שטייג מיט אַ ריטל צווישן די דראָטלעך

און זיך גערייצט מיט זיי, זיי זאָלן פליִען, כאָטש אין ענגן שטייגל איז נישטאָ ווו צו צענעמען די פליגל.

דאָס קליינע ווייבעלע האָט נישט געגעבן אָנצוגעהערן, אַז זי איז זיי אין עפּעס חושד. זי האָט נישט געוואָלט פאַרטרייבן די הויכ־געשעטלטע געסט פון איר הויז. איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מיטן פאַרלירן די געסט, וועט זי אויך פאַרלירן דעם באָדן אונטער די פיס. די שטוב וועט ווערן פוסט, אויסגעליידיקט, און דער עיקר, זי האָט נישט געגלייבט, אַז איר אַנטאָניאָ, וואָס ציטערט פאַר איר בליק, ווי אַן אויסדרעסירטע חיה, וועט זיך דערוועגן צו גיין אויף אַזעלכע אומזיכערע גליטשיקע וועגן, ווו מע קאָן ברעכן האַלדז און נאַקן. און ער, דער דאָקטאָר אַליין, ער וואָלט איר געשוויגן, דעם ווייבל זיינעם, ווען ער פאַקט זי אויף דער הייסער מינוט? מיסתמא, ווייזט זיך עס איר בלויז אויס. איז שוין בעסער זיך צו מאַכן נישט־וויסנדיק. ס׳וועט זיין בעסער אַזוי פאַר אַלעמען. מיט איר מאַן איז זי דאָך זיכער וואָס קאָן נאָר זיין. זי האָט חתונה געהאַט מיט אים אויס ליבע. דאָס קינד זייערס איז אַ געזעצלעכס. און ער האָט עס ליב — ס׳גאַנצע לעבן, מער ווי זיך אַליין. וואָס זשע האָט זי דאָ מורא צו האָבן. ער פלירטעוועט מיטן דאָקטאָרס ווייבל? זאָל ער פלירטעווען. ווער פאַרגינט אים נישט? זאָל ער קומען אויף אַנדערע הענט. זאָל זיך דער דאָקטאָר זאָרגן.

ס׳איז שוין נישט געווען קיין פלירט ביי די צוויי יונגע מענטשן. אַ ליבע איז דאָס שוין געווען. און די ליבע האָט זיך שוין געהאַט פונאַנדערגעפלאַקערט מיט אַלע פאַרבן און פייערן פון אַ רעגנבויגן, פון זונאויפגאַנג. ס׳איז שוין דאָ גאָרנישט געווען וואָס צו מאַכן. קיינער האָט זיך זיי שוין נישט געקאָנט שטעלן אין וועג. אַנטאָניאָ האָט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט לעלען.

ביידע פאַמיליעס זענען געווען פאַרבעטן אויף אַ באַל פאַר ווילטעטיקע צוועקן. אַנטאָניאָ האָט צום ערשט פאַרבעטן צום טאַנצן לעלעס שוועסטער, שוין גאָרנישט אַזאַ שיינקייט, מיט אַ געשטופּלט פּנים ווי אַ ריבאייזן. און נאָך דעם, ווען די מוזיק איז איבערגעגאַנגען

פונעם וואַלס צו אַ פאַרבענקטן טאַנגאָ, האָט ער זיך העפלעך פאַר־נייגט פאַר לעלען, זי זאָל מיט אים טאַנצן. איצט האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט, איר צו זאָגן אַלץ, וואָס ער האָט געטראַכט פון איר און וואָס ער וויל פון איר. די ווערטער, וואָס ער האָט זיי איצט געפּליסטערט פריי, אומגעשטערט, זענען געווען פול מיט צערטלעכ־קייט און אויפריכטיקייט. זי האָט אים פאַרגעוואָרפן, וואָס ער קומט שטענדיק אָפּ מיט בלויזע רייד, און ווי שיין זיי זאָלן נישט זיין, קאָנען זיי נישט פאַרטרעטן קיין מעשים. אין זייער לאַגע פאָדערט זיך איצט ענערגיע, ער דאַרף זיין מער ענערגיש ווי ער איז. זי האָט שוין מער נישט קיין כוח אַזוי צו לעבן ביי דער זייט פונעם אַלטן דאָקטאָר אַניבאַל. ס׳איז שוין נישט אויסצוקומען מיט אים. וואָס עלטער ער ווערט, אַלץ אומדערטרעגלעכער ווערט ער. זאָל ער זי באַפרייען, אַנטאָניאָ, פון אירע אומזיסטיקע ליידן. זי וועט עס נישט איבערטראָגן. זאָל ער זיך דעצידירן און באַשליסן, אָדער ער אַנטלויפט מיט איר, אָדער זי וועט זיך אַליין אַוועקלאָזן אין דער וועלט אַריין. זיי דינט דאָך אויך די זעלבע רעכט וואָס אַלע — צו לעבן ווי אַלע. פאַר וואָס זאָלן זיי נישט קאָנען געניסן פון לעבן אומגעשטערט? היינטיקע נאַכט מוז ער אָננעמען זיין דעציזיע, דאָס הייסט, נעמען זיין גורל אַליין אין די הענט אַריין און נישט זיך לאָזן פירן פון אים פאַר דער נאָז.

איבערן גלאַנציקן פאַרקעט פונעם גרויסן סאַלאָן האָבן זיך צע־וויגטע געשלייכט צענדליקער פאַרלעך אין באַלעראָ־ריטם. מער פון אַלעמען האָבן זיך אויסגעטיילט די צוויי בלאָנדע קעפּ פון לעלען מיט אַנטאָניאָן. מענטשן האָבן געקוקט און געגאַפט, און עמעצער האָט אַ פרעג געטאָן דעם דאָקטאָר אַניבאַל, מכלומרשט אין שפּאַס, צי ער איז נישט אַ מאָל אייפערזיכטיק אויף זיין צעבאַלעוועט ווייבל?

— אויף אַנטאָניאָן וועל איך זיין אייפערזיכטיק? — האָט דאָקטאָר אַניבאַל זיך צעלאַכט און זיך געטרייסלט מיט זיין גאַנצן שווערן גוף — דאָן אַנטאָניאָ איז מיינער אַ גוטער ברודער, מיין בעסטער פריינד... וועט ער ביי מיר צונעמען מיין ווייב?

אַז מ׳האָט דאָס זעלבע געפרעגט די קליינע דיווע, האָט זי מיט אַ ציטער אין קול גלייך אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק ווי אַן אַבסורד, אַ זינלאָזע זאַך:

— אַזאַ זאַך קאָן קיין מאָל נישט געשעהן. איך האָב פולשטענדיקן צוטרוי צו מיין אַנטאָניאָ, פונקט ווי צו אונדזערע גוטע פריינד, מיר פאַרברענגען שטענדיק צוזאַמען מיטן דאָקטאָר אַניבאַל און זיין פרוי. פאַר וואָס זאָלן זיי נישט טאָרן טאַנצן? מיר זענען דאָך אינטימע פריינד, אמתע גוטע פריינד...

☆

דאָקטאָר אַניבאַל האָט נישט געוווּסט וואָס עס גרייט זיך אויף אים. ער האָט געמיינט, אַז די צייט ווישט אַלצדינג אָפּ; אַזוי די זינד, וואָס עמעצער באַגייט, ווערן מיט דער צייט פאַרבליאַקעוועט און פאַרגעסן. דאָס לעבן אָבער פירט זיין חשבון, און אָפט מאָל זיין אכזריותדיקן פאַרפירערישן חשבון, וואָס קיינער ריכט זיך נישט אויף זיין אומדערוואַרטן סך־הכל.

דאָקטאָר אַניבאַלס הויפּט־קראַנקן־שוועסטער, די פרוי לילי בלאַנש, איז געלעגן אין שפּיטאָל מיט הויכן פיבער. זי איז פולע צען יאָר געווען די אומגעזעצלעכע פרוי פון דאָקטאָר אַניבאַל. אַלע האָבן זיך פון איר אָפּגעקערט. פרויען, וואָס לעבן אומגעזעצלעך מיט מענער, ווערן, סוף־כל־סוף, אויסגעשפּיגן פון דער געזעלשאַפט. קיינער איז טאַקע נישט געקומען צו איר מיט קיין וויזיטן. זי איז געלעגן איינזאַם, ווי אַן עלנטער הונט. קיינער האָט זיך אויף איר נישט אומגעקוקט, אַפילו די קראַנקן־שוועסטערס זענען נישט גערן צו איר צוגעגאַנגען. איינע, צוויי האָבן זיך אויף איר מרחם געווען ווען זי האָט הויך געקרעכצט פון ווייטיק. אירע צוויי קינדער, וואָס זי האָט געהאַט פון איר ערשטן געזעצלעכן מאַן, האָבן זיך אויך נישט געוויזן צו איר, נישט געקומען צו מאָל געוואָר ווערן וואָס זי מאַכט. נאָכן טויט פון איר ערשטן מאַן, איז זי גלייך אַוועק לעבן

מיטן דאָקטאָר אַניבאַל. ס׳האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט שוין לאַנג געווען געוואָרט אויף אָט דער געלעגנהייט. וואָלט זי כאָטש חתונה געהאַט מיטן דאָקטאָר, ווי ס׳פּירט זיך ביי לייטן, וואָלטן די קינדער אפשר מוחל געווען זייער פאַרשייטער מאַמען איר לייכטזיניקייט, אירע פעלערן און שוואַכקייטן. אָבער אַזוי האָבן די קינדער אירע זיך אָפּגעטרייסלט פון איר, און נישט געוואָלט מער וויסן פון זייער מאַמען.

ערשט נאָך צען יאָר אָפּלעבן מיט זיין קראַנקן־שוועסטער, מיט דער לילי בלאַנש, האָט זיך דאָקטאָר אַניבאַל באַקענט מיט לעלען. ס׳איז אויך געווען אויף אַ יאָר־באַל פון אַ ווילטעטיקער אינסטיטוציע. דער איינקונפט איז געגאַנגען אויף אַ גרעזלשאַפטלעכן צוועק. האָט קיינער נישט געוואָגט אָפּצוזאָגן. מ׳האָט געקויפט די בילעטן און טאַקע געגאַנגען זיך ווײַלן, פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן די ליבע מיט לעלען. וואָס איז ער שולדיק געווען, אַז זיין לילי איז צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל גיין אויפן באַל. ער האָט נישט געוואָלט גיין. ס׳געלט גייט טאַקע אויף אַ ווילטעטיקן צוועק, איז גענוג אַז ער קויפט די בילעטן, אָבער ער איז דאָך נישט מחויב אַוועקצוגעבן אַ גאַנצע נאַכט אויף גאָרנישט. נאָר אַז זי איז צו אים געווען שטאַרק צודרינגע־לעך, האָט ער איר נאָכגעגעבן. ער איז געגאַנגען מיט לילין און געטאַנצט מיט לעלען. זי איז זיך אַליין שולדיק געווען אין איר אומ־גליק, ווייל זי האָט אים געשטויסן דערצו אומגערן. ער האָט אָנגעהויבן פאַרנאַכלעסיקן זיין לילי. מיט אַ מאָל האָט ער אָנגעהויבן זען ביי איר בלויז חסרונות. וועלכער מענטש איז דען פריי פון פעלערן? אַזאַ מענטש איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן. ער אַליין קען אויך זיינע שוואַכקייטן. אָבער מיט זיינע פעלערן האָט ער שוין לאַנג שלום געמאַכט. יענעמס אָבער איז ער נישט מחויב צו פאַרליידן. וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַמע, אַ קראַנקן־שוועסטער דערצו, וואָס האָט געקאָנט איבערלאָזן אירע קינדער אויף גאָטס באַראָט און אַוועקגיין וווינען מיט אים?

נאָר אַ פרוי אַן אכזר קאָן אַזוי טאָן. אויב זי קאָן נישט זיין קיין גוטע מאַמע צו אירע קינדער, קאָן זי אַוודאי נישט זיין קיין גוטע

קראַנקן־שוועסטער צו זײַנע פּאַציענטן. און דער דאָקטאָר אַניבאַל האָט זי אַרויסגעטריבן פון שפּיטאָל.

מיט לעלען אָבער, וואָס איז אַ סך ייִנגער געווען פון דער לילי בלאַנש, האָט ער גלײַך נאָכן באַקענען זיך מיט איר — חתונה געהאַט. די צוויי קינדער, וואָס ער האָט מיט איר געהאַט, זענען שוין דערצויגן געוואָרן דורך גאָווערנאַנטינס און דערציערינס, וואָס האָבן זיך מיט די קינדער שטענדיק געפונען אין די ווײַטערע צימערן, זיי זאָלן אים ניט שטערן אין זײַן אַרבעט.

איצט איז די פאַרלאָזענע לילי בלאַנש געלעגן אין גרויסע ווײַ־טיקן, וואָס האָבן אַרומגענומען איר ברוסטקאַסטן ווי מיט רייפן. די היץ האָט געהאַלטן אין איין שטײַגן, און די יונגע פּראַקטיקאַנטן, די צוקונפטיקע דאָקטוירים, וואָס האָבן זי באַטראַכט, זענען געווען אומ־באַהאָלפן. זיי האָבן ניט געקאָנט שטילן אירע ווייטיקן, פּונקט ווי אירע געשרייען. ווער פון זיי ס'האָט זי באַטראַכט, האָט אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט ביים אָפּקערן זיך פון איר בעטל, ווי איינער זאָגט, זי איז שוין אַ פאַרפאַלענע, זיי קאָנען גאָרנישט טאָן, די פרוי איז פאַרשפּילט. ס'דאַרף נאָך לאַנג, לאַנג געדויערן ביז די מעדיצין וועט אין אַלע פאַלן אַרויס דער זיגער.

אָט די גוטע פרוי, די לילי בלאַנש, וואָס האָט געטראָגן הילף הונדערטער מענטשן און אַ סך פון זיי געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט, איז אַליין איצט געלעגן עלנט, פאַרלאָזן פון אַלעמען. זי האָט זיך געקאָרטשעט פון די ווייטיקן וואָס האָבן פאַרקראַמפּט איר ברוסט און פאַרשפּאַרט דעם אָטעם, און קיינער האָט איר ניט געקאָנט מיט גאָרנישט העלפן. די אַלע באַרו־יקונג־מיטלען, וואָס מ'האָט איר געגעבן, האָבן איר ניט געהאָלפן. זיי האָבן בלויז אַ ווײַל נאָכגעלאָזן, די קראַמפּן, אָבער באַלד זענען זיי צוריק געקומען שטאַרקער און שאַרפער ווי פריִער. און נאָך האַלבער נאַכט האָט זי, אַ באַגאָסענע מיט קאַלטן שווייס, געפילט אַז זי קאָן שוין מער ניט איבערטראָגן די שווערע יסורים. די ליידן זענען אָפּגעטרעטן פון איר ערשט דעמאָלט,

ווען דער לעצטער אָטעמצוג האָט זיך פון איר אָפּגעטאָן און זי איז געבליבן ליגן אָן באַוועגונג.

ווען מ׳האָט דאָקטאָר אַניבאַל צו וויסן געגעבן וועגן דעם פאַל, האָט ער זיך נישט געקאָנט שענקען, פאַר וואָס מ׳האָט אים נישט גלייך אַרויסגערופן צו דער קראַנקער. ער האָט געשטעלט דאָס גאַנצע שפּיטאָל אויף די פיס. געשריגן אויף אַלע, אַז זיי זענען מערדערס. דאָס גאַנצע שפּיטאָל־פּערסאָנאַל דאַרף מען איינזעצן אין קרימינאַל. ער וואָלט זי געוווּן געקאָנט אָפּראַטעווען פון אַ זיכערן טויט, ווען מע גיט אים באַצייטנס צו וויסן, ווען מע רופט אים באַלד אַרויס. די שפּיטאָל־אָנגעשטעלטע האָבן זיך געפּרוווט פאַרענטפערן. מ׳האָט אים געזוכט אומעטום; מ׳האָט געקלונגען צו אים אין שטוב אַריין און שיר נישט אָפּגעריסן דעם טעלעפאָן, נאָר קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. ווען מען האָט געקענט איינפאַלן אַז מע דאַרף דעם דאָקטאָר זוכן אויפן באַל, און ווען ער האָט דאָרט געטאַנצט, איז זיין לילי דאָ אויסגעגאַנגען אין גרויסע יסורים.

ווען דאָקטאָר אַניבאַל איז צוריקגעקומען, אַ צעבראָכענער און צעווייטיקטער פון שפּיטאָל צו זיך אַ היים — האָט ער שוין אויך לעלען נישט געטראָפן אין שטוב. ער איז געבליבן שטיין ווי געליימט אויף דער שוועל פון גרויסן צימער. אַלע טירן זענען געווען צעפּראַלט. פון שלאָפצימער האָט אַרויסגעקוקט אָן אומאָרדענונג מיט אָנגעוואָר־פענע וועש אויפן דיל. די שענק זענען געשטאַנען מיט צעעפנטע טירלעך. די אומאָרדענונג האָט דערמאָנט אין אַ שטוב פון וואַנען מ׳האָט נאָר וואָס אַרויסגעטראָגן אַ מת.

זיין פראַכטפול שיין ווייבל, די בלאָנדע לעלע, איז שוין געווען ווייט פון אים. אַ גרויסע לאַנגע נאַכט האָט אים אָפּגעטיילט פון איר. זי האָט זיך שוין איצט געוויגט, צוזאַמען מיט איר יונגן געליבטן, דעם בלאָנדן אַנטאָניאָ קאַסטראָ, אין פאַרמאַכטן קופּע פונעם שנעלצוג, וואָס האָט זיך מיט טומל און געפייף געטראָגן מיט זיי, מיטן פאַרליבטן פּאָרל, איבער די ווייטע ברייטע שטחים פונעם אומענדלעך שיינעם בראַזיל.

געמישטע בלוטן

1

דאָנאַ אַניטאַ איז געשטאַנען אין איר לייכטן שלאָפראָקל ביים טעלעפאָן, וואָס האָט זיך צעקלונגען מיט אַ ליאַרעם איבער דער גאַנצער שטוב. ווען זי האָט גענומען דאָס טרייבל צום אויער האָט זי אויסגערופן דעם נאָמען איסאַק. סעניאָר מאַנאַעל, דער באַלעבאָס פון דער שטוב, ווו די יידישע שכנטע אַניטאַ איז אַריין אָפנעמען דעם טעלעפאָן, האָט דיסקרעט און קוים באַמערקבאַר, ווי אַ גוט דערצוי־גענער מענטש, אָפגעקערט דעם קאָפּ אַ ביסל אין אַ זייט. ער האָט עס נישט געטאָן פון נייגעריקייט, צו אָבסערווירן די יידישע שכנטע, וואָס איז געשטאַנען אין שטוביקן כאַלאַט ביים טעלעפאָן. דאָס אָנ־שפּיצן זיין אויער איז געווען מער געצילט אויפצוכאַפּן דאָס, וואָס וועט קומען נאָכן נאָמען, וואָס ער האָט, ווייזט אויס, זעלטן ווען געהערט אין די פיר ווענט פון זיין שטוב.

צום ערשט האָט זיך אַניטאַן אויסגעוויזן, אַז זי זעט אין סעניאָר מאַנאַעלס פּראָפיל אַ טיפּ פון אַ נישט־סימפּאַטישן אָפּגעפרעמדטן אונגאַרישער ייד. הגם אַניטאַן נאָרט זעלטן ווען איר פּרוויאישע אינ־טוּיציע, איז עס אָבער דאָס מאָל אַנדערש געווען ווי זי האָט געמיינט. כאָטש זיי זענען ביידע געווען שכנים אינעם הויז האָבן זיי נישט געהאַט צווישן זיך קיין שום געמיינזאַמס און איינער האָט רעכט נישט געוווּסט ווער דער צווייטער איז. שטייענדיק ביים טעלעפאָן האָט זי אָבער יאָ באַמערקט אין סעניאָר מאַנאַעלס פאַרוווּנדערטן בליק, אַז אין זיין שטוב איז אַ ייד אַ זעלטענער גאַסט. דאָס איז טאַקע געווען

די סיבה וואָס דער קלאַנג פונעם יידישן נאָמען האָט אים ביז גאָר פאַראינטערעסירט.

סעניאָר מאַנאָעל דע אַליוועיראָ איז געווען אַ מיטלוועקסיקער ברונעט אין די פריע פערציקער. אין זיין כאַראַקטער איז ער געווען אַן אָנגענעמער צוגעלאָזענער מאַן כאָטש נישט איבעריק באַרעדעוודיק. פון דער נאַטור אַ נאַכגיביקער און גוטער האָט ער אַפילו מסכים געווען מל צו זיין זיין זונעלע וואָס ווייס עד־היום נישט, אַז ער איז אַ יידיש יינגל.

ווען מאַנאָעל דע אַליוועיראָ איז נאָך געווען גאָר יונג זענען אים זיינע עלטערן אַוועקגעשטאָרבן בעת אַ מגפה און אים איבערגעלאָזט איינעם אַליין אין פּאָרטוגאַל. נישט לאַנג נאָך זייער טויט האָט זיך אָפּגערופן זיינס אַ קוזין — אַ רייכער מענטש — וואָס האָט דעם יונגיטשקן מאַנאָעלן אַריבערגענומען צו זיך קיין בראַזיל, אים דאָ אַריינגעגעבן אין אַ פאַרמאַכטער שול און אַליין איז ער אַוועק קיין פּאַריז צו לעבן אַ גוטן טאָג.

אין פּאַריז האָט מאַנאָעלס רייכער קוזין, דאָן זשאָאַן דע אַליוועיראָ, צו מיינסט פאַרקערט אין די קרייזן פון דער פראַנצויזישער עליטע און דאָ האָט ער זיך באַקענט מיטן יידישן מיידל אַנאַטשקע, אַ טאָכטער פון אַ יידיש־רוסישער אימיגראַנטן־מישפּחה, וואָס איז בעת דער רוסישער רעוואָלוציע אַנטלאָפן קיין פראַנקרייך, ווו זיי האָבן באַקומען אַזיל־רעכט ווי פּאָליטיש פאַרפאָלגטע מענטשן.

די מיליאָנערישע טאָכטער, אַנאַ לוואָוונאַ, איז געווען אַ זעלטענע שיינקייט. זי איז געווען אַ שאַטינקע מיט גרויסע ברוינע ביראַויגן וואָס האָבן אַרויסגעלויכטן פון אַ פולבלעך ליכטיק ווייס פּנים מיט אַ מויל פּערלדיקע ציין איינגערעמט אין אַ פּאָר צעשמייכלטע ליפּן פון זאַפטיקן ראָז, וואָס האָבן זיך געבעטן צום קושן, און צוויי קלאָרע ליכטיקע גוט געפלעגטע איידעלע הענט, וואָס האָבן נישט געקאָנט פאַרלייקענען אַנאַס יי׳חוסדיקן אַריסטאָקראַטישן אָפּשטאַם.

איר פאָטער מיטן צוגעשווירענעם גראָלעכן קמץ־בערדל, לעוו לעווינאָוו, איז געווען אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט. אין אַלטן רוסלאַנד

איז די פאַמיליע לעווינאָוו געווען פאַררעכנט ווי אַדל. אין פּאַריז האָט דער אַלטער לעוו לעווינאָוו געפירט אַ באַשיידן צוריקגעצויגן לעבן, וואָס איז געווען באַגרענעצט אין די דלת־אמות פון אַן ענגער מיט געשמאַק איינגעאָרדנטער וווינונג ערגעץ אין אַ זייטיקער אָפּגעלע־גענער געגנט, נישט ווייט פון לאַטייניש קוואַרטאַל וואָס איז געווען פאַרפולט מיט שטודירנדיקער יוגנט, קינסטלער און נישט־דערגאַנג־גענע פילאָסאָפן, פון וועמען מ׳האָט געקאָנט הערן אַלע נייעסטע אמתן, וואָס האָבן זיך נישט אָנגענומען אין לעבן און געבליבן, ווי זיי אַליין, פאַרשטויסן אויף דער פּעריפעריע, ווי ווערטלאָז פאַפּירגעלט, וואָס איז צוריקגעצויגן געוואָרן פון אומלויף.

אַנאַס נייער פריינד, דאָן זשאָאַן דע אַליוועיראַ, האָט אָנגעהויבן אַריינקומען צו זיי אין שטוב אַריין צום ערשט פּאַר נאַכט אויף אַ טיי, דערנאָך אויך אויף אָוונטברויט, שפּעטער איז ער געוואָרן פאַרבעטן צום מיטאָג ווי אַן אייגענער שטובמענטש און נאָך דעם איז ער שוין געקומען ווען ער האָט געוואָלט; געכאַפּט אַנאַן און מיט איר אַוועק אויף אַ סימפאָנישן קאָנצערט אין דער פילהאַרמאָניע, אויף אַ פאַר־שטעלונג פון איטאַליענישע גאַסטראָליאָרן־אַקטיאָרן אין דער אָפּערע און צום סוף האָט ער מיט איר חתונה געהאָט ביי אַ קאַטוילישן גלח, וועלכער האָט די צערעמאָניע אָפּגעריכט אין דעם קלויסטער „סאַקרע־קער״, פון וואַנען זיי זענען פייערלעך אַראָפּגעגאַנגען גע־אָרעמט — ער אינעם שוואַרצן סמאָקינג און זי אינעם לאַנגן ווייסן חופּה־קלייד מיטן צעפלאַטערטן דורכזיכטיקן וועלאָן — איבער די אַלע צענדליקער ברייטע שטיינערנע קלויסטערטרעפּ, וואָס האָבן געפירט אונטן אַראָפּ צום געדונגענעם שוואַרצגלאַנציקן אויטאָ, וואָס האָט זיי אַוועקגעפירט אין זיין האָטעל־צימער, וואָס ער האָט פאַרנומען די גאַנצע צייט זינט ער האָט זיך געפונען אין פּאַריז.

דער קליינער מאַנאָעלזיניאָ האָט זיך גוט געלערנט אין דער פאַרמאַכטער שול ביי די גלחים אין וויטן בראַזיל. נאָכן ענדיקן דאָס לערניאָר זענען אַלע שילער אַהיימגעפאָרן צו זייערע עלטערן אויף די וואַקאַציעס. דער קליינער מאַנאָעלזיניאָ איז געבליבן איינער אַליין אין

שלאָס. ער האָט נישט געהאַט צו ווען אַהיימצופאָרן. דער גייסט־לעכער מאָנסעניאָר דע סאַנטיאַגאָ מיט די אויסגעשוירענע האָר אויפן מיטן קאָפּ האָט רחמנות באַקומען אויפן איינזאַמען מאַגאָעליזיניאָ און אים מיטגענומען מיט זיך צו זיינע עלטערן. ער האָט אים דאָרט, אויפן דאָרף, געהאַלטן איבער די דריי חדשים צייט פון די וואַקאַציעס. דער מאָנסעניאָר האָט געהאָפט, אַז ער וועט דעם קליינעם מאַגאָעלן אויסשטעלן פאַר אַ לייט. לויט זיין גוטן קאָפּ, וואָס פאַרנעמט גוט דאָס לערנען, וועט פון אים אויסוואַקסן אַ גלח, וואָס די קאַטוילישע קירך וועט זיך גרייסן מיט אים. ער האָט זיך אָבער שפּעטער אַנטוישט ווען ער האָט געזען ווי מאַגאָעל פאַרקוקט זיך גאָר אין דער זייט פון זיין קוזין דאָן זשאָאַן דע אָליוועירא, דעם לעביונג, וואָס איז צוריק־געקומען פון פּאַריז מיט אַ יידיש ווייבל, וואָס שטעכט אויס אַלעמענס אויגן מיט איר פאַררייסנדיקער יידישער שיינקייט.

2

דאַניעל פּאַגאָר, איז געווען אין זיין היימלאַנד אַ גרויסער פּאַטריאָט. ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה האָט ער זיך פאַרשריבן ווי אַ פרייוויליקער צום מיליטער־דינסט אין דער אונגאַרישער אַרמיי. ער איז געשיקט געוואָרן אויף די שלאַכט־פעלדער, ווו ער איז דריי מאָל פאַרוואונדעט געוואָרן, זיך גע־וואַלגערט אין די לאַזאַרעטן און פעלדשפּיטאַלן און צוריקגעקומען אַהיים אַ הינקענדיקער אויף אַ פוס. די שטאָט אָבער, ווו ס׳האָט געוווינט זיין פרוי מיט זייערע צוויי קינדער, איז געווען פאַרנומען דורך די טשעכן. ווען ער איז זיך געגאַנגען איינמעלדן, האָבן אים די טשעכישע באַאַמטע באַטראַכט ווי אַ פרעמדלענדער, אויף וועלכן מע קוקט געוויינטלעך פון אויבן אַראָפּ, ווי אויף אַן איבעריקן, וואָס פּלאָנטערט זיך אַלעמען אונטער די פיס — דאָ גיי נישט, דאָ שטיי נישט.

— וואָס הייסט, איך בין אַ פרעמדער בירגער — האָט ער

געטענהט אין אַלע אָמטן — איך בין דאָך דאָ געבוירן געוואָרן און זיך געשלאָגן פאַר דער דאָזיקער ערד, פאַר וואָס זאָל מען מיך באַטראַכטן פאַר אַ פרעמדן?

— האַלט דעם שנויץ דיינעם, דו חזרישע מאָרדע — איז געקומען אַ פעלדפעבלשער ענטפער — די ערד געהערט נישט מער צו אונגאַרן, גיי צו דיינע מאַדיאַרן וועסטו נישט דאַרפן קיין בירגערעכט... אויפן טשעכישן באָדן וועלן מיר נישט דערלויבן אַז אַ פרעמדער זאָל אונדז זידלען. פאַרנעם זיך פון דאַנען, גיכער, געגאַנגען...

ער האָט נישט געהאַט קיין ברירה, דאַניעל פאַגאַר, און זיך אַריי־בערגעקליבן מיט זיין פאַמיליע אויף דער רומענישער זייט. ער האָט געשמוגלט די גרענעץ און געקומען זיך צוטוליען צו די רומענישע מאַלדאַוואַנער. אָבער די רומענער מיט זייער פּאָליצייאישן ריגאָר האָבן אים נאָך מער דערקוטשעט און אים געברענט זיינע טריט מיט זייערע פאַרמאַליטעטן און אומזיניקע פאַרדאַכטן.

דער דרייסיקיאָריקער קרעפטיקער דאַניעל פאַגאַר, וואָס איז געבליבן מיט אַ פעלער פון דער מלחמה, האָט צוזאַמענגענומען זיין ביסל האָב און גוטס און אין אַ פאַרטאָגס אַריבער אויפן אונגאַרישן באָדן. דאָ, איז ער געווען זיכער, וועט ער שוין זיין אַ פולבאַרעכטיק־טער בירגער פון זיין היימלאַנד. פאַר וועלכן ער האָט פאַרגאָסן זיין בלוט אויפן פראָנט.

צו זיין דערשטוינונג האָט ער זיך דאָ אויך אַזוי אַנטוישט. די אונגאַרן האָבן אים מיט חשד באַטראַכט פאַר אַ טשעכישן אַגגעהעריקן און זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט דאָ צו טאָן אויף דער פרעמדער אונגאַרישער ערד אין דער צייט ווען זיין היימשטאָט געהערט צו די טשעכן. מ׳האָט אים געהאַלטן אונטער ספּעציעלער אויפזיכט און אָפט גערופן אין דער פּרעפעקטור אויף פאַרהערן און צו קאָנטראָלירן כסדר זיינע דאָקומענטן.

דער הינקעדיקער דאַניעל פאַגאַר האָט נישט געקאָנט געניסן פון קיין גלייכע רעכט אפילו דאָ אינעם לאַנד ווו זיינע עלטערן און אורעלטערן זענען געבוירן געוואָרן, דאָ געלעבט און דערצויגן

זייערע קינדער. ער איז געלאָפן פון אָמט צו אָמט, געזוכט יושר און אומעטום אָנגעטראָפן אויף אַ טויבער וואַנט.

— סטייטש, — האָט ער געשריגן — איך האָב דאָך געגעבן מיין בלוט פאַר מיין פאָטערלאַנד... דריי מאָל געוואָרן פאַרוואונדעט... געבליבן אַן אינוואַליד אויפן גאַנצן לעבן... זאָל איך איצט באַטראַכט ווערן ווי אַ פרעמדער אין מיין אייגן געבוירנלאַנד?...

רעד היינט, רעד מאָרגן, מיט די מאַדיאַרן און ציגיינער איז נישטאָ וואָס צו מאַכן. נישטאָ צו וועמען צו רעדן. אַ פאַרצווייפלטער האָט ער געשריבן צו זיינעם אַ פריינד אין ריאָ דע זשאַניירא, ער זאָל אים העלפן אין זיין טרויעריקער לאַגע אַנישט דערוואַרט אים אומקום, אונטערגאַנג.

— איך בין פשוט געצוווּנגען צו אַנטלויפן פון דאַנען — האָט ער אים געשריבן — אַנישט בין איך נישט זיכער מיטן לעבן. נעם מיך אַהין צו זיך. איך וועל צו קיינעם נישט דאַרפן אָנקומען, קיינעם נישט פאַלן צו לאַסט. כ׳וועל זיך אַליין פאַרדינען אויף מיין ברויט. איך וועל עס דיר קיין מאָל, פריינד מיינער, נישט פאַרגעסן די גרויסע טובה...

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און דאַניעלס פריינד האָט זיך אָפּגערופן און האָט אים צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע אַריבערגענומען קיין בראַזיל.

3

נאָך אַ שטיקל צייט מאַטערניש און אָפּקומעניש האָט די פאַמיליע פאַגאַר זיך ווי ס׳איז איינגעאָרדנט אין בראַזיל. די עלטסטע טאָכטער, לאַורא, איז שוין אַלט געווען צוואַנציק יאָר. זי איז געווען, ווי איר מוטער, מיטלוווּקסיק, מיט אַ געדיכטן שוואַרצן קאָפּ האָר און אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן, עטוואָס אַרויסגעשטאַרטע, וואָס האָבן איר צוגעגעבן אַן ענלעכקייט צו אַ טערקיכע. זי האָט געהאַט אַ מעלאַדישע אָנגענעמע שטים, און ס׳איז געווען אַ פאַרגעניגן צו פאַרברענגען אין איר געזעלשאַפט.

ווען לאורא איז אנגעקומען ארבעטן אין דער ביורא פון דער יידישער פירמע, ווו דאן מאנאעל דע אליוועירא איז געווען אן אנגע־שטעלטער, האט זיך צווישןביידע צעשפילט א לייכטער פלירט, ווי אויף א קאטאוועס, וואס איז איבערגעגאנגען אין א הייסער ליבע. מאנאעל האט געבעטן לאוראס האנט און באלד האבן זיי באשטימט דעם טאג פון זייער חתונה. די פאמיליע פאגאר, וואס האבן זיך שוין אזוי פיל אנגעליטן אין זייער לעבן, האבן עס אנגענומען פאר א גלייכע זאך און נאך א ישוב־הדעת איינגעשטימט אויפן שידוך.

אין דער פראכטפולער בראזיליאנער מעטראפאליע, ריא דע זשאניירא, איז נישט געווען פון די לייכטע זאכן צו קריגן א שטיקל וווינונג אין צענטער פאר א נייגעקומענעם. די פאגארס האבן זיך פארקליבן אין דער יידישער געגנט אויף לאפע. די ארומיקע יידישע שכנים האבן גלייך געוווסט, אז אויף רוא קארא נומער אכט, וווינט א יידישע פאמיליע פון אונגארן. קיינער האט זיך אבער נישט פארגע־שטעלט אז דאניעל פאגארס איידעם, לאוראס מאן, איז א קריסט.

מאנאעלס זונעלע, זשאזע, האט אליין אויך נישט געוווסט אז ער האט עפעס א שייכות מיט יידן. ביי אים אין דער לערנשול זענען דא א סך יידישע קינדער. זייערע טאטעס און מאמעס — האט ער געוווסט — זענען יידן, ווייל זיי קומען פון פוילן, און רוסלאנד, און מע רופט זיי טאקע די „רוסאס". אים איז נישט געווען קיין אונטערשיד וואס איינער איז, צי א פאלאק, צי א רוסא. אלע קינדער זענען ביי אים געווען אלץ איינס, ווייסע צי שווארצהויטיקע. אים האט בלויז אינטע־רעסירט זיינע שפילערייען מיט די קינדער, ווההין ס'וועלן זיך דער־קייקלען די מולטיקאלירטע גלעזערנע קייקעלעך וואס מע רופט זיי „גודיי". און ווער פון די קינדער ס'איז ארויס דער געווינער האט מען טיי ווי מקנא געווען אלץ איינס צו וועלכער רעליגיע ער האט געהערט.

אין א געוויסן טאג איז זשאזעס שוועסטערל, ליליאנע, אהיימ־געקומען א פאררויטלטע, זיך א דריי געטאן אויף א פיסל און געזאגט פאר אלע אין שטוב אז זי האט נישט קיין יידיש בלוט אין אירע אדערן. און אז די חברטעס אירע אין שול זענען אלע גרויסע

ליגנערקעס. זי האָט זיך צוגערוקט צום טאַטן, ווי זי וואָלט געזוכט ביי אים שוץ:

— אמת, פּאַי, — האָט זי זיך צוגעטוליעט צו אים — אַז איך האָב נישט קיין טראָפּן יידיש בלוט אין זיך? זאָג, ריכטיק?

— ניין, מיין קינד — האָט דאָן מאַנאָעל געגלעט די קליינע אי־בערן שוואַרצן קעפּל געדיכטע האָר — דו האָסט יאָ יידיש בלוט אין דיינע אָדערן, ליליאַנע, געמישטע בלוטן פליסן אין דיינע אָדערן: ריין פּאָרטוגעזיש מיט ריין יידיש בלוט. ס׳איז אַ גוטער מעלאַנזש, אַ געראָטענער צונויפמיש פון די בלוטן... אָבער וואָס שטערט עס דיר וויל איך וויסן?

— ווייל... ווייל יידישע קינדערלעך הרגעט מען... מע צעקלאַפּט זייערע קעפּלעך אין טעלעגראַף־סלופּעס און מע מאַכט פון זיי זייף... און איך האָב מורא מע זאָל מיך נישט הרגענען... איך וויל נישט מע זאָל פון מיר מאַכן זייף...

די קליינע ליליאַנע האָט זיך צעוויינט אויפן קול אַז מ׳האָט זי גאָרנישט געקאָנט איינגעמען. די מאַמע אירע, לאַורא, איז צו איר צוגעלאָפן אַ בלייכע ווי די וואַנט. זי האָט זיך נישט געריכט צו הערן פון אירס אַ קינד אַזעלכע משונהדיקע רייד:

— ווי פּאַלסטו אויס, טעכטערל מיינס — האָט די מאַמע זי אַרויסגענומען פונעם טאַטנס הענט ווי זי וואָלט איר אייגענעם מאַן נישט געווען געטרויט איר קינד — שלאָג זיך עס אַרויס פון קאָפּ, אַזעלכע נאַרישע זאַכן... דיך טשעפּעט ווער, זאָג, ס׳האָט דיך ווער געשלאָגן, אַרויפגעלייגט אויף דיר אַ האַנט? דאָס האָבן דיך די קינדער געוואָלט איבערשרעקן... האָבן זיי אויסגעטראַכט, אַז מע הרגעט קינדער. קיינער הרגעט נישט קיין קינדער... גיי, ליליאַנע, גיי, מאַך די לעקציעס און רעד נישט מער נאָך קיין נאַרישע אומזיניקע רייד... ס׳עסן האָט שוין דאַכט זיך צוגעברענט אין קיך...

ווען לאַורא איז אַריין אין דער קיך, האָט דאָן מאַנאָעל צוגערופן צו זיך די קליינע ליליאַנע און איר געוויזן אַן אַלבאָם מיט אַ גרויסן גאָלדענעם צלם:

— זעסט דאָ דעם צלם? דאָ זענען אויפגעשריבן פיר אותיות וואָס באַטייטן: „זשעזוס נאַזאַרענאָ רעי דאָס זשודעאָס". אַזוי האָט קריסטוס געוואָלט אַז מע זאָל אים רופן: דער קעניג פון די יידן. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ יידישן קעניג. קריסטוסעס מוטער איז אויך געווען אַ יידישע, פונקט ווי דיין מאַמע. ווער ס׳טראָגט אין זיך, מיין קינד, דאָס יידישע בלוט, טראָגט אין זיך די קרוין פון נאַזאַרענאָ... דו דאַרפסט זיין שטאָלץ, ליליאַנע, וואָס אין דיינע אָדערן פליסט יידיש בלוט. אויך דיין טאַטע, דער פּאָרטוגעז, איז שטאָלץ און ס׳איז פאַר אים דער גרעסטער כבוד, וואָס דיין מאַמע איז אַ יידישע פרוי, פון יידישע עלטערן.

— פאַר וואָס זשע הרגענען קריסטן יידישע קינדער? דו זאָגסט דאָך אַליין אַז זשעזוס שטאַמט פון די יידן. זענען דאָך אַלע מענטשן גלייך גאָטס קינדער? פאַר וואָס זשע הרגענען זיך איינע די אַנדערע?

— אמתע, גוטע, עכטע קריסטן הרגענען נישט קיין יידן. נאָר אַזעלכע וואָס זענען שלעכט, רשעים, זיי הרגענען. אָבער די, וואָס הייסן הרגנען זענען שוין נישט קיין קריסטן. זיי האָבן פאַרקויפט זייער נשמה דעם טייוול. דו ביסט גערעכט, מיין קינד, אַלע מענטשן זענען גלייך. נישטאָ קיין שום חילוק פון אַ יידיש קינד ביז אַ נישט־יידיש קינד. איןביידע פליסט דאָס זעלבע רויטע בלוט. די ראַסיסטן זענען אמתע אָפּנאַרערס, שווינדלערס. צי איינער איז אַ ווייסער, צי אַ שוואַרצער, אַ טונקלהויטיקער צי אַ העלער — אַלע האָבן אין די אָדערן איין מין בלוט — רויט בלוט. זאָלן זיך די בלוטן מישן בלייבן זיי אַלץ רויט. אויך אין אונדז זענען די בלוטן געמישטע. און אַלע זענען מיר גלייך ביי גאָט, די ריינע פונקט ווי די געמישטע בלוטן.

מערי און באָריס

אַ לאַנגער פולער פרויען־סילועט האָט אַ ציטער געטאָן אויף דער שוואַך באַלויכטענער וואַנט און איז אַ ווייל געבליבן שטיין ווי דער־שראָקן פאַר זיין אייגענער גרייס. כאָטש מערי איז נישט געווען קיין פחדן, פאַרקערט, זי האָט געהערט צו די געוואַגטע נאַטורן, וואָס ווייסן נישט וואָס ס׳איז אַזוינס שרעק — האָט זי פונעם פאַרגרעסערטן שאָטן אָפּגעפּילט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זי געמאַכט אויפציטערן אָן אַ פאַרוואָס.

די דאָזיקע נאַכט, האָט זיך מערין אויסגעוויזן, וועט זיך קיין מאָל נישט ענדיקן. אָט די נאַכט דאַרף דעצידירן וועגן גורל פון צווי עקסיסטענצן. איינע וואָס ראַנגלט זיך מיטן לעבן אויף דער שוועל פון טויט, און אַ צווייטע וואָס דאַרף ערשט קומען אויף דער וועלט, און וועט אפשר אויך זיין אַזוי אויסגעשטעלט אויף כסדרדיקע ליידן ווי זי אַליין.

די פּיינפולע אַנגסטיקע מאָמענטן פון איר לעבן, וואָס האָבן איר אויסגעוויזן צו זיין די לעצטע, האָבן עס מערין פאַרט געמאַכט אַ ביסל שרעקעוודיק. די מיסטעריעזע שטילקייט פון דער נאַכט, די אויס־וועגלאָזע איינזאַמקייט אירע אין דער דאָזיקער הילפסלאָזער לאַגע, וואָס איז נאָך שאַרפער געוואָרן אונטערגעשטראָכן דורכן אויסגעצוי־גענעם שאָטן אויף דער וואַנט, האָט אויף איר געווירקט דערדריקנדיק, ווי זי וואָלט זיך געפינען אויפן ראַנד פון אַן אָפּגרונט.

זי האָט זיך ראַפּטעם אָפּגעקערט פונעם שאָטנדיקן געשפּענסט אויף דער וואַנט און מיט שווערע טריט און שווערן קערפּער איז זי צוגעגאַנגען צום פענצטער און ברייט אַ צעעפן געטאָן די לאָדנס.

אין צימער האָט אַריינגעווייעט די שאַרפע נאַכטלופט צוזאַמען מיט אַ שמעטערלינג וואָס איז גלייך צוגעפאַלן צום וואַקסענעם ליכט אויפן טישל ביי מעריס בעט, און גענומען פלאַטערן אַרום דעם צאַנקענדיקן פייערל.

— אָרעם פלאַטערל! — האָט מערי עס געלאָזט אַרומזשומען — מילא איך, ווי איך. איך זוך דעם טויט, ווייל כ'האָב נישט נאָך וואָס צו לעבן אויף דער וועלט. מיינע פליגל זענען אַרומגעזענקט פון אַלע זייטן. אָבער דו האָסט דאָך גאַנצע פליגעלעך, קאָנסט דאָך פליען אין די הימלען, וואָס רייסטו זיך אַזוי צום פייער? — צום טויט?

ס'איז געווען אַ נאַכט אַן אין שטערן אויפן פינצטערן פאַרשלאָסענעם הימל. דער קעגנאיבערדיקער קלויסטער־זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוויי. מערי האָט פלוצלינג דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין די לענדן, וואָס האָט זי אַרומגענומען ווי מיט אַן אייזערנער רייף, און האָט אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון אַ ניי לעבן. אין מעריס מוח האָט זיך מוטנע געבאָמבלט אַן אומהיימלעכער געדאַנק. זי האָט געפילט אַ קיין מאָל נישט געאַנטן דראַנג אין גאַנצן לייב־און לעבן וואָס גיכער פטור צו ווערן פון דער איבעריקער לאַסט אין אירע אינגעווייידן, וואָס קערט איר איבער די קישקעס אין בויך און צערייסט זי אין צווייען.

איר געדאַנק האָט זי אַוועקגעפירט צו איר שלימזלדיקן מאַן, צו איר באַריסן, וואָס איז געוואָרן אומפעיִק צו דער אַרבעט, קראַנק, און אים צום סוף צוגעשמידט צום בעט. ער ליגט ערגעץ אין אַ צווייט שטעטל אין אַ שפּיטאָל. אירע ברידער, מיט וועלכע זי איז צוזאַמען געקומען אַהער, זענען אַוועק אין אַ צווייט לאַנד. זי וווינט דאָ אין אַ געדונגענעם אָפּגעזונדערטן צימער ביי פרעמדע מענטשן. זיי שלאָפן איצט געשמאַק דאָרט אינעם פאָדערשטן צימער. מע דאַרף דורכגיין אַ לאַנגן פינצטערן קאָרידאָר ביז מע קומט צו זייער שלאָפצימער, און דאָ איז זי איינע אַליין, געשמידט אין יסורים, וואָס פאַראַליזירן איר טראָט.

ווען די ווייטיקן האָבן אַ ביסל נאָכגעלאָזן, איז מערי אַראָפּ פון

בעט, אויף גיך אָנגעטאָן דעם פלאַנעלענעם שלאָפראָק און אַ פּאָר וואָלענע זאָקן. זי איז אַ ווייל געבליבן פאַרקראַמפּט אין דער איינגע־בויגענער פּויזע פונעם אָנגעכאַפּטן ווייטיק, וואָס האָט זי ווידער אַ נעם געטאָן ווי אין אַ קלעם און איר נישט געלאָזט זיך באַוועגן. ווי נאָר אָבער דאָס רייסעניש האָט אויפגעהערט, האָט מערי זיך אויפ־געהויבן און אָן אַנטשלאָסענע פאַרלאָזן דאָס צימער.

זי איז דורכגעגאַנגען דעם לאַנגן שמאָלן קאָרידאָר, וואָס האָט געפירט צום וויזיטזאַל פון גרויסן אַלטמאָדישן הויז.

— אַט באַלד וועט נעמען אַ סוף צו אַלע מיינע צרות. צי וואָס דאַרף איך לעבן און זיך מוטשען אומזיסט? אַ חוץ וואָס איך לעב די גאַנצע צייט אין גרויס נויט, פּלעגט ער מיך, באָריס, פאַרראַטן אויף טריט און שריט ווען ער איז געזונט געווען. דערצו איז ער נאָך אַ גראָבער נפש, כאַראַקטערלאָז. מיר זענען צוויי באַזונדערע וועלטן.

אַרום איר איז געווען אַ שטאָק־פינצטערניש, וואָס האָט געהערשט אינעם שמאָלן לאַנגן קאָרידאָר. זי האָט זיך קוים באַוועגנדיק גענומען רוקן פאָרויס מיט שאַרכלאָזע ווייכע טריט. מורא האָבנדיק, זי זאָל נישט אויפוועקן דעם הונט, וואָס איז געשלאָפן אין צווייטן עק הויז.

פאַר מעריס אויגן האָט איצט גענומען שוועבן דאָס פלעשעלע סם מיטן שוואַרצן צעטעלע מיטן אויפגעמאָלענעם קאַלכווייסן מענטש־לעכן סקעלעטנקאָפּ, פון וועלכן ס׳האָבן מוראדיק קאַלט אַרויסגעקוקט צוויי גרויסע טיפע שוואַרצע אויגנלעכער און פון אונטערן קין פונעם שאַרבן האָבן זיך געקרייצט צוויי גרויסע פיסביינער מיט פאַררונ־דיקטע געלענקען פון ביידע זייטן.

מיט שטילע טריט, אויף די שפּיצפינגער האָט זי זיך קוים באַוועגט פאַר זיך מיט דער פאַרזיכטיקייט פון אַ בלינדן אין דער געפּלדיקער טיפער פינצטערניש. איר פאָרויס האָט גענומען טאַנצן דער סקעלעטנקאָפּ, וואָס האָט זיך אָפּגעזונדערט פונעם פלעשעלע און זי גענומען אויסלאַכן. זי האָט בולט געזען ווי דער טויטנקאָפּ חוזקט פון איר, רוקט זיך אויף צוריקוועגס גלייך ווי ער וואָלט איר ווייזן דעם וועג, ווו ס׳שטייט דאָס פלעשעלע סם.

פלוצלינג זעט זי ווי ס׳זונדערן זיך אָפּ פונעם שאַרבנקין די צוויי גרויסע סקעלעטנביינער, וואָס זענען איצט אויס ווי לעבעדיקע מענטשלעכע פּיס. זיי הייבן זיך אָן באַוועגן פאַר מעריס אויגן, נעמען מאַכן פאַרשידענע קונצן און טאַנצן אין אַ שווינדלדיקן קאַראַהאָד. מיט יעדן ריר פון די ביינער פאַרשטעלט זי זיך די אויגן, נאָר זי הערט נישט אויף צו הערן אַ קלאַפּערײַ פון ביינער. זי הייבט אָן פאַרשנעלערן אירע טריט, צו קומען וואָס גיכער נענטער צום ציל. אָט באַלד וועט עס נעמען אַ סוף, נאָך אַ ווייל. זי איז נישט פון די שרעקעוודיקע. זי האָט נישט קיין מורא פאַר קיין שום זאַך. האַלוצינאַציעס. נאַריש־קייטן... מיטן שטאַרקן ווילן האָט זי געפּרוּווט אָפּשלאָגן פון זיך די שאַרפע אויסטערלישע זעונג, וואָס האָט זי געמאַכט אויפשווידערן מיט אַלע גלידער.

פון דער נאַטור אַ דינאַמישע, אַ דעצידירטע, האָט קיין שום זאַך זי נישט געקאָנט אָפּהאַלטן. ווען זי האָט עפּעס אונטערגענומען, האָט זי עס געמוזט אויספירן. זי איז ענערגיש און אַנטשלאָסן אין אַלע אירע האַנדלונגען.

— נישט ווייט שוין — האָט זיך מערי געטרייסט — אָט באַלד וועט עס נעמען אַן עק צו אירע ליידן. באַלד וועט זי באַפרייט ווערן פונעם גיהנום.

ענדלעך האָט זי דערגרייכט דאָס עסצימער. זי האָט שטיל געעפנט די טיר און געשטעלט אַ טריט פאָרויס, נאָך איינעם און ביים דריטן, צי פערטן האָט זי זיך אָנגעשטויסן אָן אַ שטול, וואָס איז געגעבן אַ פאַל אום מיט אַ טומל. דער הונט, וואָס האָט געדרעמלט אויף דער שוועל פון זיינע באַלעבאַטימס שלאָפצימער, איז אויפגעשפּרונגען און ווי אַ וואָלף אין לויער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער געשטאַלט, וואָס האָט זיך קוים אויסגעטיילט פון דער אַרומיקער פינצטערניש.

מערי האָט אָנגעהויבן שרייען. דער הונט האָט געריסן איר העמד. זי האָט מורא געהאַט, ער זאָל איר נישט געבן קיין ביס אין פּוס, אַרויפשפּרינגען אויף איר און זי אומוואַרפן אויף דער ערד.

דער הונט האָט נאָך נישט געהאַט קיין צוטרוי צו איר ווי צו

אַן אייגענעם. זי ווײַנט דאָ אַ קורצע צײַט. ס׳האָט אים אויסגעוויזן פּאַרדעכטיקט איר שלײַכן זיך אין דער פֿינצטער. מיסתּמא ווײַל זי עפּעס גנבֿענען, אָדער אפשר נאָך עפּעס ערגערס. ווער ווייסט אים, דעם מענטש, צו וואָס ער קאָן זיך אַלץ דערטראַכטן.

גלײַך איז אויפֿגעשפּרונגען דער באַלעבאָס פֿון שטוב, אַ דיק־לעכער און פּולער, און נאָך אים זײַן פֿרוי, אַ הויכע און שלאַנקע, וואָס האָט אין דער פֿינצטער געגומען זוכן איר פּיזשאַמע. אין שטוב איז געוואָרן ליכטיק. זיי האָבן דערזען מערין אַ צעשויבערטע, אַ פֿאַרצווייפֿלטע, מיט אַ פּאָר פֿאַרוויינטע אויגן, און נישט געוווסט וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען. זיי האָבן זי גענומען אויספֿרעגן וואָס ס׳איז מיט איר געשען, ווי קומט זי אַהער אין עסצימער, אין מיטן דער נאַכט.

זי האָט זיי געזאָגט וועגן איר שטאַנד, אַז זי גייט צו קינד און האָט גרויסע ווייען, און דאָ איז זי איינע אַליין. זי האָט מורא זי זאָל נישט אָפּגיין אין בלוט.

דער באַלעבאָס האָט אָװעקגענומען דעם הונט, וואָס האָט נישט אויפֿגעהערט בילן. ער האָט באַרויִקט מערין, זי זאָל נישט קיין מורא האָבן, זי איז נישט אין קיין מידבר. ער האָט זיך גענומען גלײַך אָנטאָן און אַרויס אין גאַס רופֿן אַן אויטאָ. מאַן און ווײַב האָבן מערין אָוועקגעפֿירט אינעם נאָענטן שפּיטאָל פֿאַר קימפּעטאָרינס.

אינעם אָרעמען שטאָטישן אַנשטאַלט פֿאַר געווינערינס האָט מען מערין געלייגט אויף אַן אײַזערן שפּיטאָלבעטל אינעם אַלגעמיינעם קראַנקנזאַל צווישן אַ סך אָרעמע פֿרויען פֿון פֿאַרשידענעם קאָליר, מערסטנס שוואַרצע און מולאַטינס און בלויז עטלעכע ווײַסע פֿרויען.

ס׳האָט גענומען נאָך פֿולע צוויי שעה ביז מ׳האָט מערין אָנגע־זאָגט, אַז דער צווילינג, וואָס זי האָט געבוירן, זענען צוויי ייִנגלעך.

אויפֿן צווייטן טאָג, פֿאַר מיטאָג, האָט זיך באַוויזן אַ רײַכע דאַמע אינעם זאַל פֿון די געווינערינס. זי האָט געטראָגן בריליאַנטענע

אוירינג, רינגלעך מיט דימענטן אויף די פינגער און שווערע גאָלדענע בראַסלעטן. זי איז צוגעגאַנגען צו די ווייסע פרויען זען זייערע קינדער. געגאַנגען פון בעטל צו בעטל און זיי גוט באַטראַכט. זי איז צוגעקומען צו מערין און זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט געזען אַז פון איר יעדער זייט ליגט אַ קינד. אירע אונטערגעשמירטע אויגן האָבן אויפ־געשטראַלט. זי האָט באַקוקט די קינדער און גענומען אויספרעגן די קימפעטאָרין וועגן איר לעבן.

מיט קורצע ווערטער האָט איר מערי דערציילט, אַז זי האָט נישט געלעקט קיין האָניק ביי איר מאַן, וואָס איז קראַנק און ליגט אין שפּיטאָל, אין אַ צווייט שטעטל.

— אין וועלכן שטעטל איז אייער מאַן — האָט זיך די רייכע דאַמע פאַראינטערעסירט מיט איר גורל — ווי הייסט ער, זאָגט מיר, און אין וועלכן שפּיטאָל ליגט ער? כ׳וועל זען וואָס מע קאָן עפּעס טאָן פאַר אייך. קיין סך נישט, אָבער עפּעס יאָ.

מערי האָט פאַר איר אַלץ אויסדערציילט, זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ, ווי אַ פרוי פאַר אַ פרוי, נישט חושד זייענדיק דער רייכער דאַמע אין קיין שום זאַך.

אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך צעשפּילט אויף דער פרויס פּנים, וואָס האָט זיך גלייך צעגאָסן אין אַ גוטסקייט פול מיט רחמנות און הילפגרייטקייט. זי האָט איר צוגעזאָגט צו העלפן ווי נאָר זי וועט אויפשטיין פון קימפעט. גענומען איינרעדן מערין פאַרשידענע גליקן און צום סוף איר פאַרגעלייגט אַז זי זאָל איר פאַרקויפן איין קינד:

— נאָך וואָס דאַרפט איר האָבן צוויי קינדער? — האָט די פרוי אָפּגעדעקט אַ ביסל מעריס ברוסט — איר וועט דאָך נישט האָבן פאַר זיי צו זייגן, אָפילו פאַר איינס אויך נישט. צו אַ צווילינג דאַרף מען האָבן אַ סך געלט און איר זענט דאָך אַן אָרעמע, אָן אַ סענט ביי דער נשמה. דערצו איז אייער מאַן קראַנק, ווי איר זאָגט, טאָ ווי וועט איר קאָנען אַרבעטן מיט צוויי קינדער? פאַרקויפט מיר איינס און אייער לאַגע וועט זיך גלייך ענדערן צום גוטן.

— וואָס הייסט, איך זאָל אייך פאַרקויפן — איז מעריס פּנים

געוואָרן נאָך בלייכער ווי פריִער — איך האָב נאָך אַזוינס נישט געהערט! מיינס אַ קינד זאָל איך פאַרקויפן? איך פאַרשטיי נישט...

— איר זענט דאָך יונג — איז די פרוי באַשטאַנען אויף אירס — איר וועט קאָנען האָבן נאָך אַ סך קינדער, און איך קאָן קיין קינדער נישט האָבן... אַנדערע פרויען, אַזעלכע אָרעמע ווי איר, וואַרפן אונטער זייערע קינדער, און איך וויל אייך באַצאָלן, גוט באַצאָלן... ווי אַזוי וועט איר זיך קאָנען אויסהאַלטן, זיך מיט די צוויי קינדער?..

מערים בלייכע ליפּן האָבן אַ צוק געטאָן ווי פון אַ שוידער. זי איז געווען אויסער זיך פונעם אומדערהערטן אָנבאָט און זיך גענומען ערגערן:

— ווי האָט איר געזען אַ מאַמע זאָל פאַרקויפן איר אייגן קינד?

— האָט איר קול געציטערט פון אַן אינערלעכן אומרו — דאַכט זיך, איר זענט פון זינען אַראָפּ... איר מעגט זיך עס אַרויסשלאָגן פון קאָפּ. כ׳וועל אייך מיין קינד נישט פאַרקויפן. ווי פאַלט איר אויס מיר פאָרצושלאָגן אַזאַ זאַך! — האָט מערי אַן אויפגערעגטע זיך געבייזערט אויף איר.

— איך ווייס יאָ פון אַזעלכע פאַלן — האָט די רייכע פרוי זיך באַקוקט די דיקלעכע פינגער מיט די רינגלעך, אויסגעזועצט מיט בליצנדיקע בריליאַנטלעך — נישט איין טאַטע־מאַמע האָבן שוין פאַרקויפט זייערע קינדער. דאָ אין בראַזיל גיבן אַ סך אָרעמע מענטשן אַוועק זייערע קינדער און פאַרשרייבן זיי אויף יענעמס נאָמען, אויפן נאָמען פון די, וואָס אַדאָפּטירן דאָס קינד. מע מאַכט נישט פון דעם קיין שום טראַגעדיע. זיי טוען עס ווייל זיי זענען אָרעם און האָבן אַ סך קינדער. כ׳וועל אייך גוט באַצאָלן, ס׳וועט אייך זיכער לוינען.

מערי האָט אַוועקגעדרייט איר קאָפּ אין דער אַנדערער זייט צו דער וואַנט. זי וועט איר קיין קינד נישט פאַרקויפן, ס׳זאָל איר אויס־קומען צו שטאַרבן פון הונגער וועט זי עס נישט טאָן. זי וואָלט זיך עס קיין מאָל נישט געקאָנט שענקען.

די עלעגאַנטע דאַמע האָט געזען, אַז זי וועט מיט דער איינגע־שפּאַרטער קימפּעטאָרין גאָרנישט מאַכן, האָט זי אַרויפגעצויגן אויף

די פולע הענט די ראָזע דורכזיכטיקע הענטשקעלעך און אָן אַ „גוטן טאָג" זיך אָפּגעקערט פון איר בעט און זיך געלאָזט גיין מיטן לאַנגן קאָרידאָר אַרויס פון שפּיטאָל. זי איז אַריין אין ערשטן בעסטן רעס־טאָראַן און באַשלאָסן נישט פאַרלירן קיין צייט, אָפּעסן מיטאָג און גלייך פאָרן צו מעריס מאַן. מיט אַ מאַנצפאַרשוין רעדט זיך אין גאַנצן אַנדערש. אַ מאַן לאָזט צו זיך רעדן. זי איז זיכער, אַז זי וועט אים איבעררעדן. זי האָט פאַרגעדענקט זיין נאָמען און דאָס שפּיטאָל ווו ער געפינט זיך. ווען זי איז אַרויס פונעם רעסטאָראַן, ווו זי האָט אָפּגעגעסן אַ בראַזיליאַנער מיטאָג, האָט זי אָפּגעשטעלט אַ פאַרביי־פאָרנדיקע רויטע לוקסוס־טאַקסי און זיך געהייסן פירן אין יענעם שטעטל, ווו מעריס מאַן געפינט זיך אַ קראַנקער אין שפּיטאָל.

☆

דעם זעלבן טאָג, באַלד אין דער פרי, האָט מען באַריסן אַנגעזאָגט די בשורה אַז מערי האָט מיט מזל געבוירן אַ צווילינג, צוויי יינגלעך. ער האָט נישט געקאָנט איינליגן אויפן געלעגער פון גרויס צעטראָגנ־קייט. נאָך דאָס האָט אים געפעלט! וואָס וועט זי טאָן מיט צוויי קינדער? ווי אַזוי וועט זי זיך קאָנען אַן עצה געבן מיט זיי? זי וועט דאָך נישט קאָנען אָננעמען קיין שום אַרבעט. וועלכער משוגענער וועט זי אַריינגעמען מיט אַ צווילינג? ער האָט זיך עפּעס גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן ווי אַזוי מע ווערט מיט אַ מאָל אַ טאַטע פון צוויי קינדער, פון צוויי פּיצלעך שוועלבלעך? ער איז באַהערשט געוואָרן פון אַ טאָפּלט געפיל. צום האַרץ האָט אַ שלאָג געטאָן אַ כוואַליע פון פרייד. ער וועט איבערלאָזן נאָך זיך אַ נאָמען, זיין נאָמען וועט ווייטער בלייבן אויף דער וועלט. ער וועט נישט פאַרשווינדן ווערן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד אָן אַ שפּור, גלייך ווי קיין מאָל נישט געווען. אין דער זעלבער צייט האָט אים אַ זעץ געגעבן צום קאָפּ אַ צווייטע כוואַליע, אַ פינצטערע, אַ שוואַרצע, וואָס האָט פאַרטונקלט

די פרייד. ווּ ווּעט זי זיך איצט אַהינטאָן? ווּ ווּעט זי האָבן אַוועקצולייגן דעם קאָפּ? אַ מאַמע פון צוויי קינדער אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ איז דאָך אַזוי גוט ווי פאַרמישפּט צום טויט צוזאַמען מיט אירע קינדער. פאַר ווּעמען אַזאַ מתנה איז אַ גליק און פאַר ווּעמען אַן אומגליק, אַ שטראָף פון הימל.

אין יענעם טאָג האָט זיך אין שטאָטישן שפּיטאָל, ווּ באָריס איז געלעגן, געיאָוועט אַ רייך געקליידטע פרוי, וואָס האָט זיך געפרעגט אויפן קראַנקן באָריס. זי האָט פאַר אים עפּעס וויכטיקס איבערצוגעבן פון זיין פרוי. אַ קראַנקן־שוועסטער האָט זי אַריינגעפירט אין גרויסן אַלגעמיינעם זאַל מיט די אייזערנע שפּיטאָל־בעטלעך פון ביידע זייטן און געבליבן שטיין מיט איר פאַר אַ ווייס בעטל אויף וועלכן ס׳איז געלעגן אַ יונגערמאַן מיט אַן אָפּגעצערט געל פּנים, מיט אַ פאַרשפּיצטער נאָז און צעפּיבערטן בליק.

די רייכע דאַמע האָט זיך היימישלעך, מישפּחהדיק אוועקגעזעצט לעבן באָריסן, אים אָפּגעגעבן אַ גרוס פון זיין פרוי, די קימפּעטאָרין. זי קומט איצט טאַקע פון דאָרט. זי האָט געזען זיינע צוויי נייגעבוירענע קינדער. זיין פרוי האָט איר דערציילט וועגן זייער שווערער מאַטעריעלער לאַגע. וואָלט זי זיי געוואָלט מיט עפּעס וואָס אַרויסהעלפן. דאָס איינציקע, וואָס זי קאָן טאָן פאַר זיי, אויף דערווייל, איז באַפרייען זיי פון דער אומגעריכטער איבעריקער לאַסט, ס׳הייסט, נישט אין גאַנצן נאָר בלויז אויף דער העלפט:

— איר פאַרשטייט — האָט זי זיך צוגערוקט נענטער צו אים מיט דער שטול — איך וואָלט געקאָנט קויפן ביי אייך איין קינד און אייער לאַגע וואָלט זיך אַ סך פאַרבעסערט. חוץ דעם וואָלט איך אייך געהאָלפן מיט נאָך זאַכן, פאַרשידנס. כ׳גיב אייך באַלד אויף דער האַנט אַ סומע געלט, און כ׳מיין, אַז ס׳וועט אייך זיכער צו נוץ קומען. כ׳וואָלט אייער פרוי געקאָנט אַריינגעמען צו מיר מיט ביידע קינדער. איר זענט דאָך קראַנק און קענט זיי נישט אויסהאַלטן. קיין גרויסער גביר זענט איר דאָך נישט און קיין שטוב האָט איר דאָך אויכעט נישט, טאָ ווּ ווּעט זי שטעלן אַן ערשטן טריט, ווען זי ווּעט אַרויס

מיט די צווײ פּיצלעך קינדער אויף די הענט? קײנער װעט זי נישט אַרײַננעמען און ס׳װעט איר אויסקומען אויסצוגײן װי אַ ליכט. זי איז יונג און װעט קאָנען האָבן נאָך קינדער און איך קאָן קײן קינדער נישט האָבן. פאַרקױפט זשע מיר אײנס. איר זענט דאָך אַ מענטש מיט פאַרשטאַנד, מיט אַ קלאָרן שׂכל. אַזױ װי דער צװילינג איז געקומען אומגעריכט, אַזױ װעט אויך די הילף זײַן אַן אומגעריכטע.

נאָך אַ לענגערן נאָכטראַכטן האָט באָריס אײַנגעזען, אַז די פרוי איז גערעכט און מע טאָר נישט אַדורכלאָזן אַזאַ שאַנס. מיט אײן קינד װעט זיך מערי גיכער אַן עצה געבן און מיט צװײ װעט זי זײַן אַ פאַרלוירענע און ער קאָן סײ װי מיט גאָרנישט העלפן. זײ זענען בײדע אָרעם, אומבאַהאָלפן. װען ער װאָלט כאָטש געהאַט אַ װינקל פאַר איר, װו זי זאָל קאָנען װױנען מיט די קינדער, װאָלט זי אַפילו געקאָנט נעמען װעש צו װאַשן ביז ער װעט געזונט װערן. אָבער אַז זי האָט צומאָל נישט אויפן ערשטן מיטאָג נאָכן אַרױסגײן פון קימפּעטאָרין־אַנשטאַלט, שױן אָפּגערעדט פון אַ בעט פאַר איר מיט די קינדער — קאָן קײן גלײכערס נישט זײַן װי אָננעמען דאָס װאָס די פרוי לײגט פאָר:

— מײַן מערי װעט איר קינד נישט פאַרקױפן — האָט באָריס געקוקט אויפן גאָלדענעם מעדאַליאָן, װאָס האָט זיך געבאָמבלט בײַ דער דאַמע אויפן האַלדז — איך קען זי גוט. בײַ איר איז שװער עפּעס צו פּועלן. אַז זי זאָגט נײן װעט גאָרנישט העלפן.

— װײסט איר װאָס — האָט די רײַכע פרוי אים פאָרגעלײגט — כ׳װעל אַרײַננעמען צו זיך אײער פרוי מיט בײדע קינדער. זי װעט עס זאָגן מעריך, אַז זי טוט עס צוליב הימלעכקײט װעגן, זי איז דאָך אויך אַן אײנזאַמע פרוי... אײער פרוי אָבער דאַרף ניט װיסן, אַז כ׳האָב אָפּגעקױפט אירס אַ קינד.

— אָט דאָס, זעט איר, איז אַ גוטער אײַנפאַל — האָט באָריס צוגעשטימט אַ צופרידענער פון דער טראַנזאַקציע, אי ער פאַרקױפט אײן קינד, אי בײדע קינדער בלײַבן בײַ מעריך, אי מערי װעט זיך נישט דאַרפן װאַלגערן אויף דער גאַס.

מיט נערוועזשע פינגער האָט די פרוי אַרויסגעקריגן אַ צונויפ־געלייגט פּאַפּיר פון איר פולן בייטל אַרויס און באַלד האָט באַריס אונטערגעשריבן דעם דאָקומענט, אַז איין קינד איז דער זון פון דינה סיקלאָנע. ווען דער אונטערגעשריבענער אַקט האָט זיך שוין געפונען ביי דער רייכער פרוי אין בייטל, האָט זי זיך אויפגעשטעלט פון דער ווייסער אייזערנער שפּיטאָלשטול און אויסגעשטרעקט באַריסן די האַנט:

— כ׳האָב נישט איצט קיין געלט ביי זיך אייך צו באַצאָלן. די לעצטע פּאָר קרוזייראָס האָב איך באַצאָלט פאַר דער טאַקסי וואָס האָט מיך אַהערגעבראַכט צו אייך. איר קענט זיין אין גאַנצן רויק. אין אַכט טעג אַרום וועל איך אייך ברענגען דאָס געלט. נאָך די וואָך וועל איך צו מיר אַהיימנעמען אייער פרוי מיט די קינדער. ס׳וועט זיי קיין שום זאַך נישט פעלן ביי מיר. כ׳וועל זיי אויסהאַלטן מיט אַלעמדינג. אייער פרוי וועט טאַקע מיינען, אַז איך טו עס דערפאַר, ס׳זאָל מיר זיין היימלעכער, זאָל זי מיינען, וועט זי זיך פאַרשפּאָרן צו ערגערן, און וועט גיך קאָנען קומען צו די כוחות.

— אין אַזאַ צושטאַנד ווי ער מיט מערין געפינען זיך — האָט באַריס געטראַכט ביי זיך — וואָלט ער אַפילו אָן געלט אויך אָוועק־געגעבן איין קינד זיינס. נישט ער קאָן איצט אַרבעטן און פאַרדינען אויפן שטיקל ברויט און נישט מערי קאָן עפּעס טאָן אויף אויסצו־האַלטן זיך מיט די קינדער. ווי ס׳זאָל נישט זיין וועט איר ביי דער רייכער פרוי גאָרנישט פעלן און מערי אַליין וועט אויך נישט צולייגן צום עסק, און אַז אים אַליין וועלן צונויף קומען די פּאָר טאָלער — דאָס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג.

די רייכע פרוי האָט זיך גלייך אָפּגעזעגנט און מיט דער זעלבער טאַקסי, וואָס זי האָט געהייסן וואַרטן אין דרויסן, איז זי צוריקגעפאָרן אין שטאָט אַריין און פאַרפאָרן גלייך צום קימפּעטאָרין־אַנשטאַלט. זי האָט זיך אינפאָרמירט ביי דער דירעקטאָרין, ווען מערי וועט קאָנען פאַרלאָזן דעם אַנשטאַלט, און גלייכצייטיק געבעטן, נישט פריער אויסשרייבן ביז זי וועט נישט קומען נאָך איר, זי אָפּנעמען.

— אין זעקס־זיבן טעג אַרום, מאַדאַם, — האָט די דירעקטאָרין געענטפערט און צוגעגעבן:

— מערי איז אַ געזונטע, אַ פעסטגעבויטע פרוי. ווען זי זאָל נישט דאַרפן זייגן צווי קינדער, וואָלט זי אויפן דריטן, צי פערטן טאָג שוין געקאָנט אַרומגיין. איך ווייס נישט וואָס איר געהערט איר אָן, אַ קרובה צי אַ פריינד, אָבער ווי ס׳זאָל נישט זיין, שטאַמט זי אַרויס פון אַ מישפחה אָן קאָמפּלעקסן, פון אַ גוטן שטאַם. דאָס זאָגט זייער אַ סך פאַר דער צוקונפט פון איר צווילינג, ווייל געוויינטלעך זענען צווילינג־קינדער שוואַכע... איר ווילט אַריינגיין צו דער קימפעטאָרין? מיטן שענסטן פאַרגעניגן, מאַדאַם.

די פרוי סיקלאָנע איז אַריין אין גרויסן זאַל, ווו ס׳זענען געלעגן די אומפאַרמעגלעכע געווינערינס. אַלע בעטלעך פון ביידע זייטן װענט זענען געווען פאַרנומען מיט אויסגעבלייכטע מאַמעס־קימפּעטאָרינס, ייִנגערע און עלטערע. די אָרעמע קינדלען מער ווי די רייכע, כאָטש ס׳וואָלט באַדאַרפט זיין פאַרקערט, ווייל די מעגלעכקייטן צו דערציִען די קינדער האָט גיכער דער רייכער קלאַס.

די רייכע פרוי, וואָס איז באַגלייט געוואָרן דורך קינאה־בליקן פון אַ גאַנצן זאַל פרויען, איז מיט אַ זיכערקייט אין טראָט צוגעקומען צו מעריס בעט און זיך גלייך צוגעזעצט לעבן איר מיט אַ טריומפירנדיק שמייכעלע אַרום די פולע זינלעכע ליפּן אויפן קיילעכדיקן פנים מיטן גוידער:

— הער, מערי, כ׳בין היינט נאָך מיטאָג געווען אויף אַ שפּאַציר אין פּאַרק, איז מיר איינגעפאַלן אַ פּלאַן, וואָס וועט דיר זיכער געפעלן און וועט זיין גוט פאַר אונדז ביידע. מיר וועט זיין היימלעכער און דיר מיט די קינדער וועט אויך זיין גוט. דער פּלאַן וועט דיר זיכער געפעלן.

— וואָס איז עס פאַר אַ פּלאַן? — האָט מערי געפרעגט מיט אומצוטרוי אַ דערשטוינטע, ווי זי וואָלט זיך שוין געוואָלט ווערן קעגן אַ פּרישן אָנגריף, וואָס זי ווייסט אַליין נישט פון וועלכער זייט ער קאָן קומען.

— אויב דו ווילסט מיר נישט פאַרקויפן אַ קינד, האָב איך צו דיר גאָרנישט. דאָס איז דיין זאַך. יעדע מאַמע האָט אַ רעכט צו טאָן מיט איר קינד וואָס זי וויל. וויל זי, קאָן איר קינד גוט זיין ווי די וועלט, וויל זי נישט — קאָן איר קינד טיילן מיט איר דעם אייגענעם גורל. צווינגען קאָן איך דיך נישט. נאָר דו ווייסט דאָך, איך בין אַליין. כ׳האָב נישט קיינעם. פאַרבעט איך דיך אַהיים צו מיר אין שטוב אַריין. דו וועסט וווינען ביי מיר מיט די צוויי קינדער ווי לאַנג דו וועסט וועלן. וועט מיר זיין אַ ביסל היימלעכער. כ׳וועל דיר העלפן מיט וואָס כ׳וועל נאָר קאָנען. אַנשטאָט דו זאָלסט זיך דאַרפן וואַלגערן ביי פרעמדע מענטשן אָן מיטלען צום לעבן, קאָנסטו וווינען ביי מיר און איך וועל דיר אַלץ געבן וואָס דו דאַרפסט. איך וועל זיין צופרידן אַז דו מיט דיינע קינדער וועלן זיין ביי מיר אין שטוב. איך האָב דאָך נישט קיין קינדער וועל איך זיך מיט זיי פאַרנעמען.

מערי האָט זיך צוגעהערט צו די ווייכע גליטשיקע רייד פון דער רייכער מאַדאַם, וואָס נאָר אין חלום קאָן מען זיי הערן פון אַן אומ־באַקאַנטן מענטש וואָס איז גרייט צו טאָן פאַר דיר אַזוי פיל גוטס נאָך מער ווי אַן אייגענע מאַמע, אַזש ס׳האָט זיך איר געגלוסט וויינען פאַר פרייד. זי וועט זיין אין אַ רייכער שטוב, אירע קינדער וועט גאָרנישט פעלן. זי וועט זיי האָבן לעבן זיך. זי וועט נישט ליידן קיין נויט און קאָנען זייגן די קינדער. די טרערן האָבן איר אַזש געשטיקט אין האַלדז:

— איך ווייס נישט, טייערע, — האָט זי קוים פון זיך אַרויס־געקריגן, — מיט וואָס כ׳וועל איך קאָנען אָפּדאַנקען פאַר אייער גאָלדן האַרץ — האָט זי געדריקט די האַנט פון דער מיליאָנערשע — נישט אַנדערש, איר זענט מיר צוגעשיקט געוואָרן ווי אַ גוטער מלאך פון הימל...

מיט זעקס טעג שפּעטער האָט זיך מערי געפונען ביי דער רייכער פרוי, דינה סיקלאָנע, אין שטוב.

דער זייגער איז געווען צוויי בייטאָג ווען מערי איז אַריין עפּעס

נעמען אין איר צימער. אין זעלבן הויז האָט זי דערזען אַ פרוי אין די דרייסיקער, אַן אויסגעפּוצטע אין בונטע פאַרבן און אונטער־געשמינקט די אויגן אויף שוואַרץ און בלאָ. זי איז געבליבן שטיין אין דער טיר און געכאַפּט אַ בליק הינטער זיך, צי קיינער שפּירט איר נישט נאָך, און אַזוי אויף דער שוועל שטייענדיק, צווישן איין צימער און אַנדערן, האָט זי מיט אַ ווונק צוגערופן מערין און איר אַ שעפּטשע געטאָן אין געאייל:

— סעניאָראַ, אַנטלויפט מיט אייערע קינדער פון דאַנען, — האָט זי זיך געגעבן אַ בייג צו צו איר — אַנטלויפט פון דער „מומע". זי איז אַ געפערלעכער מענטש. דאָס איז נישט קיין שטוב פאַר אייך. דאָס איז איר „הייזל". זי קאָן אייך נאָך וועלן אַריינציִען אין זומפּ, ווי זי האָט מיך דאָ אַריינגעשלעפּט, מיך און אַ סך אַנדערע. אַנטלויפט שוין! וואָס גיכער. זי איז איצט נישטאָ אין דער היים. זי וועט ערשט צוריק קומען אַזייגער פיר. איר האָט צוויי שעה צייט אויף צו פאַר־פּאַקן זיך, איילט זיך צו, ווייל מאָרגן קאָן שוין זיין צו שפּעט. זי קאָן נאָך היינט אָוונט ברענגען אַ שטאַרקן יונג, וואָס וועט זיך וואַרפן אויף אייך און אייך באַזיגן. מיט אונדז האָט זי אויך געמאַכט די זעלבע שטיק...

מערי האָט אויסגעשטאַרט אַ פּאָר אויגן פול מיט דערשטוינונג און שרעק. זי איז גלייך אַריין צו זיך אין צימער, געכאַפּט צוויי ווינדלען, איינגעוויקלט די קינדער און איבערלאָזנדיק אַלץ, וואָס זי האָט געהאָט, האָט זי גענומען לויפן צום אַרויסגאַנג.

ביי דער פראָנטטיר איז אויסגעוואַקסן אַ שוואַרצע, די הויזדינסט, וואָס האָט מערין פאַרשטעלט דעם וועג:

— ווו גייסטו, ליבינקע? — האָט זי אַ קאַלטן בלישטש געטאָן — וואָס איילסטו זיך אַזוי?

— כ'אייל זיך נישט — האָט זיך מערי באַהערשט מיט אַלע כוחות נישט אַרויסצווייזן איר צעטומלטקייט — איך גיי שפּאַצירן מיט די קינדער.

— קאָנסט, ליבינקע, נאָר גיין מיט איין קינד, דאָס צווייטע

מוזסטו לאָזן. ס'איז מיין באַלעבאָסטעס קינד — האָט די דינסט אָנגעוויזן אויפֿן שוואַרצחנעוודיקן ייִנגעלע, וואָס מערי האָט געהאַלטן אויף דער רעכטער האַנט.

— וו־אַ־ס? — האָט מערי אויסגעגלאָצט אַ פּאָר דערשטוינטע אויגן — וואָס הייסט, ס'איז איר קינד?

— יאָ, שיניאָראַ — האָט די דינסט געענטפֿערט מיט אָנט־שלאָסנקייט — מיין פּאַטראָנאַ האָט עס אָפּגעקויפֿט ביי דיין מאַן. זי האָט אַ פּאַפּיר אַזאַ, אַ דאָקומענט, אונטערגעשריבן פֿון אים, דעם טאַטן פֿון די צוויי קינדער. דו מוזסט דאָס קינד איבערלאָזן, אָט דאָס, אויף דער רעכטער האַנט וואָס דו האַלטסט. — האָט די שוואַרצע דינסט אויסגעשטרעקט די האַנט צום קינד ווי צום נעמען.

מערי האָט אויף דאָס צווייטע קינד געגומען אין דער לינקער האַנט און מיט דער רעכטער האָט זי האַסטיק אַ שליידער געטאָן דאָס אויסגעדאַרטע דינסטמיידל צו דער וואַנט צו, וועלכע איז געפֿאַלן מיט אַ טעמפּן קלאַפּ אין קאָפּ אויף דער ערד.

מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט מערי אויפֿגעשלאָסן די טיר און אַרויס אויף דער גאַס, נישט־וויסנדיק ווו צו שטעלן אַ טריט, אין וועלכער ריכטונג זיך צו לאָזן גיין. זי האָט זיך דערפֿילט דער־שעפּט. זי איז געווען באַגאָסן מיט שווייס. סך־הכל קוים אַ וואָך נאָכן געבורט. ווען זי וואָלט נישט געווען אַזאַ קרעפּטיקע וואָלט זי מיסתמא באַלד לעבן דער דינסט אַוועקגעחלשט, פֿון בלויזן גערדאַנק, וואָס האָט אויף איר אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד, אַז זי וועט דאַרפֿן איבער־לאָזן איין קינד.

די קילבלעכע לופֿט האָט זי אָפּגעפֿרישט און איר צוגעגעבן כּוח, נישט צו פֿאַלן אַ מאַכטלאָזע פֿון שרעק און פֿאַרצווייפֿלונג אין מיטן גאַס. זי האָט גיך געגומען אַוועקאײַלן מיט די צוויי קינדער, וואָס זי האָט זיי פֿעסט געקלאַמערט צו זיך מיט אירע ביידע הענט. זי האָט נישט געוווּסט וווּהין צו גיין. יעדע ווייל האָט זי זיך אומגעקוקט, ווי אַ גנבֿ, מיט צעשראָקענע אויגן, צי מע יאָגט זי נישט נאָך. זי איז צוגעקומען צו אַ ראָג גאַס און געזען שטיין אַ טאַקסי מיט אַ פּאַר־

הויבן רויט שילדל: פריי. זי האָט זיך צוגעבויגן צום שאָפער און אים אַ פרעג געטאָן וויפל ער וויל פאַרן אָוועקפירן זי אין יענעם שטעטל ווו איר מאַן געפינט זיך. דער שאָפער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף איר מיט די צוויי פּיצלעך אויף די הענט און גלייכגילטיק אַ זאָג געטאָן, אַז פּאַר הונדערט זעכציק מילרייס איז ער גרייט זי אַהינצופירן אין יענעם שטעטל אַריין.

מיט אַ צוגעדושעטער שטים האָט אים מערי געזאָגט, אַז זי האָט נישט מער ווי הונדערט און צוואַנציק, און אים גענומען בעטן, ער זאָל איינוויליקן אויפן פּרייז.

דער שאָפער האָט באַקומען מיטלייד, זעענדיק איר בלייך פאַרב־לאָז פּנים, אָן אַ טראָפּן בלוט אין די באַקן, און פאַרצווייפלטן בליק, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט שיגעון, האָט ער איינגעשטימט זי אַהינצופירן פאַרן אָנגעבאָטענעם פּרייז און זי געהייסן זיך אַריינזעצן אין דער טאַקסי.

ווי נאָר דער שאָפער האָט זיך געלאָזט מיט איר אין וועג אַריין, האָט זי געגעבן די קינדער צו זייגן און געלייגט איינס פון איר רעכטער זייט און דאָס צווייטע — פון דער לינקער. זי אַליין איז געבליבן זיצן אין מיטן מיט אַ שטומען שטאַרן בליק. זי האָט זיך דערפילט שלעכט. אַ פינצטערער נעפּל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער אירע אויגן. דער קאָפּ האָט אַ פאַל געטאָן אויף הינטערוויילעכץ. זי איז געבליבן זיצן פאַרחלשט.

דורכן אויטאָ־שפּיגעלע האָט דער שאָפער דערזען זיצן די פּאַסאַ־זשירקע מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ אויף צוריק. ער האָט אָפּגע־שטעלט דעם וואָגן, געעפנט די טיר און גענומען פּאַטשן מערין איבער די באַקן און רייסן די האָר. מערי האָט פּאַמעלעך אויפגעעפנט די אויגן און טיף אָפּגעזיפצט. זי האָט צוגעלייגט די האַנט צום האַרצ־גריבל און געוויזן דעם שאָפער, אַז ס׳נאָגט איר אַ שרעקלעכער הונגער ביים האַרץ.

דער שאָפער איז פאַרפאָרן צו אַ באַר און געקויפט אַ סאַנדוויטש

מיט אַ גלאָז שוואַרצע קאַווע, וואָס האָט מערין אויפגעמונטערט. זי איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך, כאָטש דער קאָפּ האָט זיך איר געמישט און פאַר די אויגן זענען נאָך אַלץ געשטאַנען אַ שווינדלדיק געדריי פון רעדעלעך מיט רינגעלעך פון פאַרשידענע פאַרבן און גרייסן.

ווען מערי איז אָנגעקומען אין שטעטל אַריין איז שוין דער אָוונט געהאַט צוגעפאַלן און אויף טייל געסלעך האָט מען אַפילו נישט געזען קיין איין מענטש. דער שאַפער איז ענדלעך צוגעפאָרן צו אַ גרויס אַלט הויז, וואָס האָט זיך געפונען אין דער טיף פון אַ טונקעלן הויף אָן שום באַלויכטונג. אין דער זייט ביי דער וואַנט זענען געשטאַנען צונויפגעלייגט די אויסלייגשטולן, די קראַנקע רוען אויף זיי ביי טאָג און אויף איבער נאַכט ווערן די שטולן אַריינגענומען אין אַ קעמערל, זיי זאָלן זיך נישט דורכזאַפּן מיט דער פייכטקייט, וואָס ווירקט שעדלעך אויף די קראַנקע וואָסליידן פון דער ווייסער פעסט. די הילצערנע שטולן זענען באַשלאָגן מיט אַזאַ לייוונט, אין פאַסן, וואָס זאַפּט־איין אין זיך דעם שוויס און די פייכטע לופט, וואָס די לונגען־קראַנקע טאָרן נישט אייננאָטעמען אין זיך.

זי איז שוין נישט איין מאָל דאָ געווען, מערי, ביי איר קראַנקן מאַן און יעדעס מאָל איז זי אַוועקגעגאַנגען פון דאַנען אַ צעבראָכענע, אַ דערשלאָגענע און דערדריקטע, כאָטש ס׳זענען דאָ אַזעלכע, וואָס דראַפּען זיך פון דאַנען אַרויס און שליסן זיך צוריק איין אין לעבן פון דער געזונטער וועלט. אפשר וועט אויך איר מאַן געהערן אַ מאָל צו אָט דער קאַטעגאָריע חולאים, וואָס זייער אָרגאַניזם באַקעמפּט אַלע שטערונגען און אָנגריפן פון די פאַרניכטנדיקע מיקראָבן־פּאַראַזיטן, וואָס צעפרעסן דעם גוף ביים לעבן...

מערי איז אַריין אין אַ לאַנגן טונקל־באַלויכטענעם קאָרידאָר — אַ גאַנצער לאַבירינט פון טירן פון ביידע זייטן הויכע ווענט. אַ גליִענדיק־רויט לעמפּעלע האָט ביים סופיט האָט געוואָרפן אַ מאַטן רויטלעכן אָפּשיין איבער די ווענט און דיל. זי האָט אָנגע־

קלאַפּט אין דער ערשטער טיר פונעם וועסטיבול. ס'האָט געדויערט אַ לענגערע ווײַלע ביז אין דער צווייטער טיר האָט זיך באַוויזן אַ מאַן פון נידעריקן וווקס, אַ דיקלעכער, אין די פּערציקער, מיט אַ שטרענג אָנגעכמורעט פּנים. דער פּאַרשוין האָט פון אונטן־אַרויף אַ קוק געטאָן אויף מערין מיט די צוויי קינדער אויף די הענט און שוין געוואָלט צוריק פאַרמאַכן די האַלב־אויפגעשפּאַרטע טיר הינטער זיך. ער האָט אַוודאי געמיינט, אַז זי איז געקומען זוכן אַרבעט אין שפּיטאָל. מיט אַ ציטערדיקער שטים האָט זי אים געזאָגט, אַז זי איז די פרוי פונעם קראַנקן באַריס. זי האָט אים געבעטן רופן איר מאַן, ער זאָל אַרויסקומען צו איר, אויב ער קאָן זי נישט אַרײַנלאָזן צו אים, אין דער שפּעטער שעה.

דער קליינוווקסיקער שפּיטאָל־וועכטער איז אַ ווײַל געשטאַנען נישט דעצידירט, געקוקט דאָ אויף מערין, דאָ אויף די קינדער און ענדלעך, זיך קוים באַוועגנדיק, אַוועקגעדרייט זיך אין אַ זייט און אָן אַ וואָרט זיך געלאָזט גיין איבערן קאָרידאָר מיט די אומצייליקע טירן פון בײדע זייטן.

זי האָט לאַנג געוואַרט, מערי, ביז איינע פון די טירן האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט מיט אַ סקריפּ פון די זאַוויאַסעס. באַריס האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל אין אַ פלאַנעלענער פּיזשאַמע. זײַנע אויגן זענען געווען אונטערגעשלאָגן שוואַרץ פון נישט דערשלאָפן אין די נעכט, דאָס אײַנגעפאַלענע פּנים איז געווען בלייך און אָפּגעצויגן, פאַרשפּיצט. ער האָט זיך מיט איר נישט באַגריסט און אָן צערעמאָ־ניעס האָט ער זי אַ פרעג געטאָן:

— וואָס ביסטו אַהערגעקומען מיט די קינדער? איך קאָן דיך דען אויסהאַלטן מיט זיי? פאַר וואָס ביסטו אַנטלאָפן פון יענער רײַכער פרוי? זי האָט דאָך דיך אַרײַנגענומען צו זיך אין שטוב אַרײַן, ווי זי האָט מיר געזאָגט, ס'זאָל איר זײַן היימלעכער, האָסטו געכאַפּט און אַנטלאָפן ווי פון אַ שׂריפה...

אַ שווער סאָפּנדיקער, מיט אַ קורצן אָטעם, האָט באַריס איר געוואָרפן די הייסע רייד ווי שטיקער פײַער אין פּנים אַרײַן און בעת

מעשה געקוקט אויף די צווי שרייערלעך, מורא־האָבנדיק זיך צו־צורירן צו זיי צוליב זיין אַנשטעקנדיקער קראַנקייט. קוים אָפּכאַפּנדיק דעם דעך האָט ער ווייטער געגאָסן די ברי:ענדיקע רייד ווי הייסע סמאָלע:

— ביסט קיין מאָל נישט צופרידן פון דיין לעבן. אַפילו ווען יענער וויל דיר שוין טאָן גוטס, טרייבסטו אים אויך אָפּ פון זיך... וואָס פאַר אַ מענטש ביסטו, צו אַלדי טייוול... זי האָט מיר געזאָגט, אַז ס'וועט דיר גאָרנישט פעלן ביי איר... די קינדער וועלן זיין פאַר־זאָרגט מיט אַלעם גוטן, נעמסטו און מאַכסט פון אַלץ מיט אַנאַנדער אַ וויסטן תל... ווו וועסטו איצט גיין ביי נאַכט? ווו וועסטו זיך אַהינטאָן מיט די פּיצלעך שוואַלבן. מיט איין קינד וואָלסטו אפשר נאָך דאָ געקאָנט קריגן אַרבעט, אָבער מיט צוויי... ווער וועט דיך וועלן אַריינגעמען?..

מערי איז געשטאַנען פאַר אים ווי אַ פאַרשולדיקטע, ווי זי וואָלט אָפּגעטאָן דאָס גרעסטע פאַרברעכן. זי האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. זי האָט אַזוי געלאָזט גיסן אויף זיך דעם שטראָם רייד און נישט געהאַט קיין וואָרט פאַר אים זיך צו פאַרענטפערן פאַר אירע אומבאַרעכנטע האַנדלונגען, וואָס האָבן זי געבראַכט צום ראַנד פון אַ פינצטערן אָפּגרונט. זי האָט דערזען נישט וויט פון זיך אַ לאַנגע באַנק, וואָס האָט זיך צו איר, ווי אין אַ מיראַזש, דערנענטערט אַהער פון דער טעראַסע. ווי אין חלום האָט זי זיך, אַ שווערע ווי אַ שטיין, אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק. זי האָט שוין נישט געהערט באַריסעס רייד, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו שטראָמען און זי באַגיסן מיט מוטנע ברי:ענדיקע פליסיקייטן. צו אירע אויערן זענען דערגאַנגען, ווי פון ווי ווייט אָפּגעריסענע ווערטער וועגן גאָלדענע גליקן, מיליאָנערישע פרוי:ען, אַ רייך לעבן, זי וועט טאָקע ווערן געהאָלפן, אין איין מינוט, אָט באַלד, שוין, וועט נעמען אַ סוף צו אַלץ, צו אַלע אירע ליידן און צרות, זי וועט ווערן אויסגעלייזט פון פּיין, באַפרייט אויף שטענדיק, אויף אייביק.

פאַר אירע אויגן איז אויפגעשווומען דאָס בילד פון פלעשעלע

סם, פון סקעלעטנקאָפּ. אָבער באַלד האָט זי דערשפּירט די שווערקייט פון האַלטןביידע קינדער אויפן אָרעם. זי האָט זיי שטאַר אָנגעקוקט, אַ גלעט געטאָן זיי מיט אַ שמייכל און מיט אַ מידן גאַנג אַוועק אין דער פינצטערער נאַכט...

צו אַ פוסטער היים

די סאַן־פּאָולער טראָפּישע זון האָט געוואָרפן אירע לעצטע שטראַלן, וואָס זענען געפאַלן פאַרשווענדעריש, ווי סנאָפּעס רעפלעקטאָרן־ליכט, אויף די ווענט, שאַפעס און קאָמאָד, ווי זיי וואָלטן מיט זייערע ליכטיקע פינגער געוועזן עפּעס געזוכט און נישט געקאָנט דערטאַפּן אינעם גיכן צופאַלן פונעם הייסן דושנעם פאַרנאַכט. ביסלעכווייז, ווי אומבאַמערקט האָבן זיך די זונשטראַלן צוגעשאַרט צום טיש און זיך לענגער פאַרהאַלטן אויפן בלייכן, מאַטן פנים פון שלמהלע טרייסטמאַן, וואָס איז געזעסן אַן איבערגעבויגענער און געצייכנט געכתיבהטע אותיות קאָנצענטרירט מיט אַלע חושים, נישט אָפּקערנדיק דעם קאָפּ פונעם צייכנטאָוול וואָס האָט פאַרנומען כמעט אַ דריטל פונעם טיש.

נאָך צוויי שעה אינטענסיווע אַרבעט האָט שלמה אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון די געצייכנטע אותיות, זיך אויסגעווישט די פאַרהויכטע ברילן און אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער אין דרויסן אַרויס. פאַר זיין אויג האָט זיך געצויגן אַ ווייטע בערגקייט העט אַרויף צום האָריזאָנט, ווו די זון האָט איצט גענומען אַראָפּנידערן אַן אָנגעגליטע ווי אַ פייערדיקע קויל און אָנגעצונדן די אַרומיקע ראַנדן מיט אַ פיאלעט־רויטלעכן שיין.

שלמה האָט גענומען צייכענען פיבערהאַפט, האַסטיק און געשווינד, בכדי וואָס פריער פאַרטיק צו מאַכן די באַשטעלונג, ער זאָל זי שוין קאָנען אָפּטראָגן דעם באַלעבאָס, דעם גבאי פון דער שיל. ווידער האָט שלמה אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער און געזען ווי די זון גייט שוין אונטער און ער האָט נאָך אַלץ נישט פאַרענדיקט די צייכענונג

מיט די קאָמפּליצירטע אָרנאַמענטן מיט די לייבן פון ביידע זייטן אָנהייב וואָרט אין מיטן פונעם שילטאָוול מיט די גרויסע אותיות.

אין מיטן זיין פאַרטוענקייט אין דער אַרבעט איז פון דער קיך אַריינגעלאָפן פראַדל, שלמהלעס ווייב, און אַ צעשויבערטע האָט זי אַ געשריי געטאָן צו איר מאַן:

— שלעימע, הייב זיך שוין אויף, זיצסט ווי צוגעטשעוועקעט צום אָרט! דאַרפסט דאָך לויפן אין קלוב אַריין רעדן מיטן פּאַרוואַלטער, אַז ער זאָל מיך לאָזן אויפטרעטן מיט דער טרופּע... איידער זיי טרעטן צו צו די פּראָבן קאָן מען נאָך אַלץ מאַכן... זאָג אים אַז כ׳האָב שוין געשפּילט טעאַטער נאָך ביי אונדז אין שטעטל... אַז כ׳בין שוין דאָ אַ סך מאָל אויפגעטרעטן מיטן גרעסטן דערפאָלג... אַזוי זאָלסטו אים זאָגן מיט די ווערטער... אַז מ׳האָט מיך געהאַלטן פאַר דער בעסטער אַקטריסע אין שטעטל.

שלמה טרייסטמאַן איז געזעסן ווי אויף הייסע קוילן. ער האָט געפּירט פּאָרזיכטיק און געניט מיט דער צייכנפּען איבער די מאָדער־ניזירטע און דאָך אין אַלטן סטיל געהאַלטענע יידישע אותיות. ער האָט אפילו נישט געהערט וואָס זיין פרוי פראַדל האָט אַריינגערעדט אין אים, געמיינט אַז דאָס רעדט זי צו זייער טאָכטער. זי וויל אוודאי אַז בראָניע זאָל ערגעץ ווו גיין עפּעס ברענגען, אָדער איינקויפן, נעמען, ווי איר שטייגער איז, אויף באָרג, ווי ס׳טרעפט אָפט ווען ס׳פעלט אויס געלט אין שטוב.

— שלעימע, נו, איך רעד דאָך צו דיר! דו זיצסט נאָך? ס׳איז דאָך שוין באַלד נאַכט... נעם און לויף צו, דו זאָלסט נישט פאַרשפּעטיקן... וועסט לאַנג וואַרטן, וועסטו נישט טרעפן שפּעטער דעם רעזשיסאָר, הערסט, שלעימעלע דזשעבדזשע! וואָס רירסטו זיך נישט פון אָרט? בלייענער פויגל מיינער! וועסט נישט אויפשטיין שוין און אַוועקלויפן גלייך אין קלוב אַריין, וועט זיין, זאָג איך דיר, צו שפּעט, וועסט דאָרט קיינעם נישט טרעפן... איצט מאַכן זיי רעפּעטיציעס... נעם, טו אָן ס׳רעקל און לויף!...

די לעצטע ווערטער אירע האָט שלמה ענדלעך דערהערט, ווייל

זי האָט זיי אים אַריינגעשריגן אין אויער אַריין, נאָר טויב צו ווערן. ער האָט שוין איצט געוווסט וועגן וואָס ס׳האַנדלט זיך. ער האָט דאָך געקענט זיין ווייבס „אַמביציעזע קאַפּריזן״, איר אייזערנעם ווילן, איר אייזלשע איינגעשפּאַרטקייט, זיך נישט צו לאָזן בייגן פאַר קיין שום פאַל, איר נישט ווער זיך אָפּשטעלן און אַ טראַכט געבן אויף אַ רגע, אַז אפשר איז איצט נישט מעגלעך זיך אָפּצורייסן פון דער אַרבעט... זי האָט קיין מאָל נישט געוווסט, אַז מע דאַרף יענעם אויך באַרעכענען, דער צווייטער צד האָט פאַר איר עקסיסטירט נאָר אויף אַזוי פיל אויף וויפל מ׳האָט אים געקענט אויסנוצן פאַר זיך, פאַר די אייגענע אינטערעסן וואָס זענען נישט ווערט געווען קיין שמעק טאַבאַק.

שלמה טרייסטמאַן האָט געזען אַז ער איז אַריינגעפאַלן, ס׳וועט אים איצט גאָרנישט העלפן. ער האָט אַ פאַרלוירענער גענומען שטאַמלען אויף אַרויסצודרייען זיך פון גאַנצן עסק, וואָס ס׳איז אים געלעגן אין דער לינקער פּיאַטע:

— ווי איז עס מעגלעך, פראַדל? וואָס ווילסטו פון מיר? ווי קאָן איך איצט לויפן אין קלוב אַריין, אַז איך מוז ענדיקן די אַרבעט און זי גלייך אָוועקטראָגן... מע וואַרט שוין דאָרט אויף מיר און איך זיץ נאָך דאָ... דערצו האָב איך נישט קיין פּרוטה ביי דער נשמה. איך קאָן נישט אַרומגיין אָן אַ גראָשן. כ׳האָב דאָך דיר נישט צו געבן אפילו אויף צוצוקויפן עפּעס צו דער וועטשערע און מאָרגן אין דער פרי דאַרף מען קויפן ברויט און פּוטער, אַ פלעשל מילך, ווו וועל איך נעמען?

— דאָס זאָל דיך נישט אַרן און רעד נישט אַזוי פיל פונעם פּרעס! מע וועט נישט שטאַרבן פון הונגער... פון אַלעם מאַכט ער באַלד טראַגעדיעס...

— וואָס הייסט, מע דאַרף דאָך פאַרט עסן, מע קאָן דאָך נישט פאַסטן.

— פאַסטן־שמאַסטן, גיב אַ קוק, ס׳איז נאָר בילעטן צו נעמען, ווי דאָס האָט מורא פאַרן פרעס — האָט פראַדל אויסגעסיקעט, ווי אַ גיפטיקע שלאַנג — דאָס עסן, זע איך, איז ביי דיר בילכער ווי מיין

אויפטרעטן אין טעאַטער? נו, און אַז מע פּאַסט אַ טאָג — שטאַרבט מען? האָב נישט קיין מורא, כ׳וועל שוין זען צו באַרגן אין שפּייז־געוועלבל עפּעס אויף נאַכטמאָל און מאָרגן אין דער פרי וועל איך נעמען ברויט און מילך אויף באָרג, ביסטו שוין צופרידן?

— אָבער פּאַרשטיי, איך קאָן דאָך נישט אָוועקלייגן די אַרבעט אין מיטן, מע וואַרט דאָך אויף איר... היינט איז אַ זיצונג פון דער שיל־פאַרוואַלטונג... און כ׳האָב צוגעזאָגט היינט עס צו ברענגען, מוז איך האַלטן וואָרט, ס׳זאָל דונערן און בליצן... אַז כ׳זאָל איצט איבעררייסן די אַרבעט און זי לאָזן נישט פאַרענדיקט, ווייס איך נישט צי כ׳וועל זי קאָנען גוט פאַרענדיקן ווי ס׳דאַרף צו זיין... אַז מ׳איז אַריינגעטאָן אין אַרבעט, קומט עס גוט אַרויס, אָבער אַז מע רייסט איבער אין דערמיט, קאָן אַ מאָל קאַליע ווערן די גאַנצע אַרבעט... אַז מע לאָזט אָפּ דעם פאָדעם איז שפּעטער שווער אים אויף ס׳ניי איינצופעדעמען...

— גיב נאָר אַ קוק ווי ער האָט זיך עס גענומען פילאָסאָפירן, דער „פילאָסאָף" מיינער — האָט פראַדל גענומען שרייען אויף אירע הויכע טענער וואָס האָבן געקאָנט לעכערן דעם מוח. זי האָט אים געזידלט מיט די ערגסטע ווערטער און אים געמאַכט מיט דער בלאָטע צו גלייך, אים אַריינגעזאָגט וואָס ס׳איז איר געקומען אויף דער צונג און פאַרענדיקט איר „מאָנאָלאָג" מיט קאַלטע שניידיקע ווערטער, ווי שטיקער אייז:

— הער, שלעימעלע דזשעבדזשע, אַז דו וועסט נישט גלייך אויפשטיין און לויפן אין קלוב רעדן מיטן פאַרוואַלטער, כ׳זאָל קאָנען אויפטרעטן מיט דער טרופּע, וועסטו טייער באַצאָלן דערפאַר און דו וועסט עס באַדויערן דיין גאַנץ לעבן.

שלמה טרייסטמאַן האָט דערפילט ווי זי וואָלט אים געהאַקט מיט האַמערס איבערן קאָפּ. ער איז אָבער געבליבן זיצן ווי צוגעשמידט צום אָרט. די לײדיקע קעשענעס האָבן אים קיין רו נישט געגעבן. ווי קאָן מען זיין אָן אַ פּרוטה. איר, פראַדלען איז זיך לייכט אָפּצורעדן, זי וועט באַרגן אין שפּייזקרעמל. אָבער ס׳וועט אויסגיין שפּעטער צו זיין קאָפּ אַז ס׳וועט נישט זיין מיט וואָס צו באַצאָלן. זי וועט אים

מאַכן שוואַרץ שבת אַז ער וועט זיך נישט האָבן ווו אַהינצוטאָן. אַ פרוי קען נישט פאַרשטיין אַז אַ מאַן זאָל נישט האָבן קיין געלט צו יעדער מינוט ווען זי דאַרף און וויל. באַזונדער האָט דאָך דער גבאי באַשטעלט די אַרבעט אומבאַדינגט אויף היינט פאַר נאַכט, ווייל ער דאַרף אָוועקפאָרן קיין אויסלאַנד און ס׳וועט שפּעטער נישט זיין ווער ס׳זאָל אים באַצאָלן. ער וועט קאָנען רעדן צו דער וואַנט. אָנעם גבאיס אונטערשריפט וועט אים קיינער נישט געבן קיין צעבראָכענעם גראָשן. טאָ ווי קאָן מען איבערלאָזן די אַרבעט און נישט האַלטן קיין וואָרט? אויסער דעם, וועט דאָך אים די שיל מער נישט געבן קיין אַרבעט...

די לעצטע ווערטער האָט שלמה שוין אַרויסגערעדט הויך אויפן קול, אַז ס׳ווייב זאָל זיי אויך הערן. ער האָט געמיינט אַז דאָס וועט ענדלעך ווירקן אויף איר, אַז זי זאָל נישט אַזוי צושטיין צו אים. וואָס אַ יידענע ליגט אין זין. זי מיינט אַז זי איז נאָך אַ מיידעלע און גייט זיך שפּילן אין אַקטריסעס...

זעט אויס, אַז שלמה אַליין האָט נאָך נישט גוט געקענט זיין אייגן ווייב ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. פראַדל האָט אָבער ווייטער גענומען שרייען:

— האָב נישט קיין מורא, פּחדן איינער, וועסט קריגן אַנדערע אַרבעט, ס׳זאָל אַזוי נישט פעלן קיין צרות, ווי ס׳פעלט נישט קיין אַרבעט אין סאַן־פּאַולאָ... אַז נישט דער גבאי איז אַן אַנדערער גבאי. די וועלט גייט נישט אונטער. ס׳וועט זיך געפינען אַ צווייטער וואָס וועט מער צאָלן, ווי דער קאַרגער הונט...

— אַזוי לייכט איז ביי דיר צו קריגן אַרבעט? עס קאָן אַ מאָל נעמען יאָרן ביז עמעצער זאָל זיך אויף דיר מרחם זיין און געבן צו טאָן — האָט שלמה זיך געפּרוווט פאַרענטפערן מיט די סאַמע לאָגישסטע מאָטיוון.

אָבער ביי פראַדלען האָט קיין שום לאָגישער אַרגומענט נישט געהאָלפן. זי האָט בשום־אופן נישט געוואָלט פאַרשטיין שלמהן, און אים אַ האַרבן זאָג געטאָן:

— נו, גייסטו נישט, שלעימע דזשעבדזשע? גוט, וועסט שוין זען

ווי טײַער דו ווערסט באַצאָלן פֿאַר דעם, ווערסט עס באַדויערן דיין גאַנץ לעבן, שלעימע דזשעבדזשע, האָב איך דיר פֿריער געזאָגט און איך זאָג עס דיר איצט צום לעצטן מאָל...

און מיט אַ טראַסק פֿון דער טיר איז פֿראַדל אַרויסגעלאָפֿן פֿון צימער.

שלמה טרייסטמאַן האָט פֿאַרענדיקט די אַרבעט. ער האָט נאָך אַ מאָל באַקוקט דעם טאָוול און אַליין הנאה געהאַט פֿון די אָרנאַמענטן מיט די לייבנקעפּ מיט די מאַסיווע זיילן פֿון ביידע זייטן. אָט דאָס הייסט אַ גוט שטיקל אַרבעט. וויפֿל ער זאָל נישט נעמען דערפֿאַר איז ווייניק. ער וועט דאָך אָבער נישט גיין פֿאַרלאַנגען מער וויפֿל מ׳האָט אָפּגערעדט מיטן גבאי, ער איז קאַרג, אָבער באַצאָלט ערלעך, ווי זאָגט עס: קאַרג באַדונגען און ערלעך באַצאָלט. דאָס איז זיין ווערטל אין מסחר, אין די געשעפֿטן זיינע, צווישן די סוחרים און אויך אין דער שיל. ער ווייסט נישט קיין אונטערשייד. ער, שלמה, איז דאָך נישט קיין סוחר. ער פֿאַרדינט דאָך זיין ברויט אויפֿן סאַמע כשרסטן וועג. ער לייגט דאָך אין דער אַרבעט אַריין זיין נשמה, ס׳איז דאָך אַ קינסטלערישע אַרבעט, פֿאַר וואָס זשע קומט אים נישט צו באַצאָלן, אַז ער זאָל האָבן צו לעבן ווי אַ מענטש און נישט שטענדיק אַרומגיין, אַז ס׳זאָל אים צופֿעלן אַ טאָג צו דער וואָך. אַן אַנדערער, דו זעסט אַז די אַרבעט געפֿעלט דיר, זיי אַזוי גרויסמוטיק און זאָג: — דאָ האָט איר, סעניאָר שלמה, עקסטרע אַ חוץ דעם וואָס מ׳האָט אָפּגערעדט...

אַנשטאָט אַ פּריוויליקע העכערונג פֿאַר דער גוטער אַרבעט זיינער, האָט שלמה אָבער געהאַט אַן אַנדערע סאַטיספֿאַקציע. דער שיל־גבאי האָט אים צוגעשאַנצט אַ צווייטע באַשטעלונג אין אַ דערביייִק שטעטל, הינטער סאַן־פּאַולאָ, ווו ער דאַרף צו מאָרגנס אין דער פֿרי אַהין פֿאָרן, צו מאַכן די אַרבעט, וואָס דאַרף געדויערן דריי טעג אַן ערך, אויפֿן אָרט און טאַקע פֿאַר אַ גוטן פּרייז.

אַן אויפֿגעהייטערטער האָט שלמה געטראַכט אויפֿן וועג צו זיך אַהיים, אַז פֿראַדל וועט איצט זיין צופֿרידן, און איינזען אַז זי האָט

געוואָלט אָפּטאָן אַ נאַרישקייט וואָס גרענעצט זיך ממש מיט פאַרברעכן. ער וואָלט געקאָנט פאַרלירן דאָס פאַרדינטע געלט און די צוגעזאָגטע פרישע אַרבעט. זי וועט שוין איצט האָבן אויף איינצוקויפן אין שטוב אַריין און שפּעטער וועט זי זיך אויך קאָנען מאַכן אַ נײַ קלייד, וואָס זי האָט אַזוי ליב. זי איז אַוודאי אַליין אַוועק אַהין אין קלוב אַריין. אַז זי וויל אַזוי שטאַרק שפּילן טעאַטער — זאָל זי שפּילן... ווער לאָזט איר נישט? זאָל זי נאָר אים נישט שטערן און אים נישט אָפּרייסן פון דער אַרבעט, וועט שוין זײַן גוט.

ער איז אַהיימגעקומען אַ פריילעכער און צעשטראַלטער. ער האָט געגומען דערציילן פאַר זײַן ווייב מיט דער טאָכטער, אַז ער האָט שוין אָנגענומען אַ פרישע אַרבעט וואָס ער וועט דאַרפן אויספירן אויפן אָרט, אין אַ קליין שטעטל, נישט ווייט פון סאַן־פּאַולאָ. ביי אָט דער אַרבעט וועט ער שוין גוט פאַרדינען. די גאַנצע שיל־פאַרוואַלטונג איז געווען צופרידן, זיי האָבן ממש געלעקט די פינגער און אים געזאָגט דאָס וואָס ער ווייסט שוין פון לאַנג, אַז אין גאַנץ בראַזיל איז נישטאָ נאָך אַזאַ אותיות־צייכענער ווי ער... ער האָפט אַז ער וועט שוין איצט קאָנען אָפּשפּאָרן אַ ביסל געלט, נישט דאַרפן אַרומ־גיין מיט ליידיקע קעשענעס, וואַרטן ביז ער וועט אָפּטראָגן אַ שטיקל אַרבעט און אָפּנעמען אַ פּאָר גראָשן וואָס זאָל אים קוים סטייען אויף אַ טאָג צוויי, ווי שפּאָרעוודיק מע זאָל נישט זײַן.

פראַדל איז געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, ווי איינע וואָס האָט אין געהיים אָנגענומען ביי זיך אַ פעסטן באַשלוס און ווייסט אַז יענעמס גורל איז שוין געחתמעט. זי האָט גלייכגילטיק אויסגעהערט שלמהס פאַרענטפער־רייד און שפּאָטיש געשמייכלט:

— פאָר, קאָנסט שוין פאָרן, אפילו אַוועקפאָרן אין גאַנצן אַז דו ווילסט, קיינער וועט דיר נישט שטערן און קיינער וועט דאָ נישט בענקען נאָך דיר. פאַרגעס נישט מיטצונעמען דעם שליסל פון דער טיר, ווייל דו קאָנסט קומען און מיר זאָלן נישט זײַן, קאָנסטו נאָך טרעפן די טיר פאַרשלאָסן. דו האָסט דאָך אַ טבע צו פאַרגעסן מיט־

צונעמען מיט זיך דעם שליסל, דערמאָן איך דיר, זאָלסט דאָס מאָל נישט פאַרגעסן...

אין דריי טעג אַרום, ווען שלמה טרייסטמאַן איז צוריקגעקומען פון יענעם שטעטל, ווו ער האָט אויסגעפירט די באַשטעלטע אַרבעט פאַר דער אָרטיקער שיל, האָט ער טאַקע געטראָפן די טיר פאַרשלאָסן, פאַרמאַכט אויף ביידע שלעסער. דאָס בלוט אין אים האָט געגעבן אַ יאָג צו די שלייפן, ווי ס'וואָלט אים גענומען האַקן ווי מיט האַמערס. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער געעפנט די טיר, דורכגעלאָפן דעם לאַנגן קאָרידאָר און אַריין אין שטוב, ווו אַלץ איז געווען צעוואָרפן און צערודערט. אויפן טיש האָט ער געפינען אַ צעטעלע, געשריבן מיט צעפּאַרענע און צעדרייטע אותיות. ער האָט גלייך דערקענט זיין ווייבס האַנטשריפט. ער האָט עס גענומען לייענען מיט ציטערדיקע הענט:

„שלמה דזשעבדזשע, פון היינט און ווייטער קאָנסטו שוין זיצן און צייכענען וויפל דיין האַרץ גליסט, אפילו גאַנצע טעג און נעכט. קיינער וועט דיר מער נישט שטערן אין דיין „הייליקער" מלאכה, וואָס דו האָסט זי נישט געוואָלט איבעררייסן צוליב מיר, זאָלסט נישט דאַרפן עפּעס טאָן פאַר יענעם. איך ברענג דיר שוין אין אַרבעט צו גיין אין קלוב אַריין בעטן מע זאָל מיך לאָזן אויפטרעטן צוזאַמען מיט די געקומענע אויסלענדישע אַרטיסטן. איך לאָז דיר דאָ אַלצדינג איבער, שלמה דזשעבדזשע און איך וויל מער נישט וויסן פון דיר. דו דאַרפסט מיך נישט גיין זוכן, אַ שאָד אַרויסצוואַרפן אַן איבעריקן גראָשן. טאָמער מיינסטו אַז איך וועל אַ מאָל צוריקקומען צו דיר, האָסטו אַ גרויסן טעות, שלעימעלע, כ'וועל מער קיין מאָל צו דיר נישט צוריקקומען. אַזאַ מאַן, וואָס קאָן נישט מקריב זיין פאַר זיין ווייב אַ שעה צייט, טויג נישט פאַר מיר און איך וויל נישט מיט אים זיין אונטער איין דאַך קיין פיר און צוואַנציק שעה נישט. דו דאַרפסט מיך אין ערגעץ נישט זוכן, וועסט מיך סיי ווי נישט געפינען. און ווען אפילו דאָס זאָל יאָ געשען, וועט עס דיר זאָ ווי זאָ גאָרנישט

העלפן, ווייל אפילו דיין טאָכטער וויל נישט וויסן פון דיר... און פיר דיר און מאַך דיר דיין אייגן לעבן און פאַרגעס, אַז דו האָסט אַ מאָל געהאַט אַ ווייב מיט אַ קינד. מיר זענען נישט פאַר דיר און דו ביסט נישט פאַר אונדז״.

— מיין קינד, מיין שיין בראָניעלע — האָט זיך שלמהלע געבראָכן די פינגער, זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ און געגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער מיט נערוועזע האַסטיקע טריט — כ׳בין דאָך אויפ־געוואַקסן גאַנצע נעכט ביי דיר, אַזאַ וויינערקע ביסטו געווען, און איך האָב דיך געדולדיק געוויגט און אַרומגעטראָגן איבערן צימער הין און צוריק... פאַר וואָס קומט עס מיר, ליבטיק מיידעלע מיינס, כ׳האָב דאָך צו דיר קיין מאָל קיין שלעכט וואָרט נישט אַרויסגערעדט, קיין הויך וואָרט דיר נישט געזאָגט, נישט דיר און נישט דער מאַמען דיינער... פאַר וואָס קומט עס מיר, בראָניעלע, פאַר וואָס ? פאַר וואָסערע זינד ?

אַ גאַנצע נאַכט האָט שלמהלע אַזוי געיאָמערט און שוין אָנגעהויבן בענקען נאָך זיין איינציק קינד. ער האָט זיך דאָך קיין מאָל פריער מיט איר נישט געשיידט, שטענדיק געווען מיט איר צוזאַמען. אמת, זי האָט אים קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין איבעריקע צערט־לעכקייט, אָבער זי האָט דאָך אים נישט פיינט געהאַט, זי איז דאָך אים נישט געווען קיין שונא, ווי די מאַמע אירע, דאָס פאַלשע שטיק, וואָס האָט נאָר אין זינען געהאַט זיך און פאַרגעסן די גאַנצע וועלט אַרום איר. ער האָט דאָך אַלצדינג געמוזט טאָן אַליין. זי איז דאָך רעכט נישט צוגעגאַנגען צום קינדס וויגעלע, אַלץ ער, ער האָט געמוזט מאַכן פאַר דער קליינער צו עסן, ער האָט זי געמוזט איבער־לייגן, אַלץ ער. ער האָט זיך אַפילו אַליין געמוזט אויסוואַשן אַ העמד אויב ער האָט געוואָלט גיין ריין אָנגעטאָן ווי אַ מענטש, מע זאָל נישט לאַכן פון אים, אפילו אַ נאָזטיכל, אַ פּאָר שקאַרפּעטן האָט ער זיך געמוזט אַליין אויסוואַשן, שוין אָפּגערעדט פון אויסקערן די שטוב און אָפּוואַשן ס׳געפעס נאָכן מיטאָג, אַנישט זענען געווען סקאַנדאַלן און געשרייען, וואָס זענען געגאַנגען ביזן הימל אַריין. טאָ ווי האָט

ער געקאָנט אָפּהיטן די פּרנסה. צו האָבן פּרנסה דאַרף מען דאָך זיין אין גאַס, זיך זען מיט אַ מענטש, פרעגן אויף אַרבעט... אַז איידער מ׳האָט זיך געגעבן אַ קוק אַרום איז שוין געווען נאָכן טאָג און ס׳איז שוין נישט געווען נאָך וואָס צו גיין אין גאַס אַריין. אַזוי כאָוועון די אייגענע ווייבער אויס קרבנות פון די מענער און נאָך דעם האָבן זיי נאָך טענות הלמאי דער מאַן איז אַ שלימזל, וואָס קאָן נישט אַ קאָץ אַ ווײדל צובינדן. ווי קאָן מען ברענגען די פּרנסה אין שטוב אַריין אַז ס׳ווייב לאָזט אים נישט אָפּ פון זיך און האַלט אים, דעם מאַן, פאַר אירס אַ באַדינער, אַ נושא־כלים אויפן גאַנצן לעבן? איז אפשר שוין טאַקע בעסער אַזוי, פון דער ווייטנס, יעדער זאָל מאַכן שבת פאַר זיך און פאַרשפּאָרן גריזאַטע, זיך עסן איינער דעם צווייטן לעבעדי־קערהייט. נאָר דאָס קינד, ווי געשריגן, וואָס איז דאָס קינד שולדיק? זי וועט דאָך, די מאַמע אירע, איינפלאַנצן אין איר די גאַנצע שינאה צו אים... פאַר וואָס קומט עס אים אַזאַ גזר־דין? ער זאָל נישט קאָנען זען זיין אייגן קינד, זיין בלוט און פלייש? ווי זאָגט דער פּסוק: אשה רעה מר ממוות, אַ שלעכט ווייב, אַ ווייב אַ מרשעת איז ערגער ווי דער טויט. איז שוין בעסער אַזוי, בעסער אַזוי...

☆

די צייט איז זיך געגאַנגען איר גאַנג און בראָניע, שלמה טרייסט־מאַנס טאָכטער, די בת־יחידקע, איז געוואַקסן שלאַנק און הויך — אַ גאַנצע פריילין, אַ נחת צו קוקן אויף איר. זי האָט אָבער נישט געוואָלט מער זען דעם טאַטן. ווי די מאַמע אירע האָט אויך זי נישט געוואָלט מער וויסן פון אים, ווי ער וואָלט קיין מאָל נישט געווען עק־סיסטירט פאַר איר. שלמהלע אַליין האָט גאָר אויף אַזוי פיל נישט געוווסט וואָסער ווידערווילן זי האָט איינגעפּלאַנצט אין איר קינד פון די פריעסטע יאָרן אָן צום אייגענעם טאַטן, דעם דזשעבדזשע, ווי זי האָט אים גערופן פול מיט ביטערניש און גאַל. אסור־לדבר האָט זי, פראַדל, אויסגערעדט פאַר דער טאָכטער אויף אים, און ווען שלמהלעס

טאָכטער, בראָניע, איז אַ כלה געוואָרן האָט זי אפילו נישט פאַרבעטן דעם טאַטן אויף דער חתונה ווייל די מאַמע אירע האָט עס נישט דערלאָזט:

— פאַרבעט נישט דעם טאַטן דיינעם, ווייל דו קאָנסט אים נאָך נישט, ער וועט דיר פאַרשטערן דיין שמחה, ער וועט דיר צאַפּן דיין בלוט פאַר אַלעמען אין די אויגן, דו ווייסט גאָר נישט וואָס דאָס איז אַזוינס, דאָס טאַטעלע דיינס...

שלמה טרייסטמאַן איז פון זייטיקע מענטשן געוואָר געוואָרן אַז זיין טאָכטער בראָניע גייט אַרום מיט אַ יינגל און אַז זיי קלייבן זיך אין גיכן חתונה צו האָבן אויף אַ שיינעם אופן, ווייל דער בחור שטאַמט פון פאַרמעגלעכע עלטערן, וואָס ווילן פּראַווען אַ רייכע חתונה. דער חתן נעמט זי ווי זי שטייט און גייט. ער האָט זי ליב. די חתונה דאַרף פאַרקומען שוין גאָר אין גיכן.

שלמהלע איז אין די דאָזיקע טעג אַרומגעגאַנגען נערוועז מער ווי אַלע מאָל, ער האָט געדרייכערט איין פּאַפּיראָסל נאָכן צווייטן, זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט. ער האָט געהאָפט, אַז מע וועט אים פאַרבעטן אויף דער טאָכטערס חתונה און אויף אַזאַ אופן קען אפשר אַ מאָל אַריינקומען אַן ענדערונג אין זיין לעבן. וואָס און ווען האָט ער אפילו נישט געוואָלט קיין טראַכט געבן ווייטער, דערטראַכטן ביזן סוף, דעם געדאַנק וואָס איז נישט אָפּגעטרעטן פון אים אויף קיין מינוט, אים פאַרפאָלגט אויף טריט און שריט.

אין אַט אַזאַ פיינלעכן צושטאַנד, נישט צו וויסן אויף וואָסערער וועלט מ׳איז, זענען דורכגעלאָפן די פאַר וואָכן ביזן טאָג פון דער חתונה און קיינער האָט צו אים נישט אַריינגעשמעקט. ווי אַ הונט איז ער דעמאָלט געלעגן אין שטוב דעם גאַנצן טאָג און זיך נישט אַרויס־געריירט אין גאַס אַריין, טאָמער וועט מען אים קומען בעטן, ער זאָל קומען אויף דער חתונה און פירן זיין טאָכטער צו דער חופּה. ער איז דאָך אַ לעבעדיקער טאַטע, פאַר וואָס זאָל ער נישט זיין אויף זיין איינציקער טאָכטערס שמחה און זיך נישט מיטפרייען מיט איר גליק?

דער פאַרנאַכט האָט זיך אָנגערוקט מיט אַ פייערדיקן זונפאַרגאַנג,

ווי דעמאָלט ווען ער איז געזעסן איבערן שילטאָוול און געצייכנט די יידישע אותיות מיט ברען און התלהבות. ער האָט זיך איינגעהערט צי ס׳גייט נישט עמעצער, כסדר געלאָפן צו דער טיר איבערן לאַנגן קאָרידאָר און צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. די ווינדע, וואָס האָט זיך געהויבן אויף אַרויף איבער די שטאָקן, האָט געפירט די שכנים דעם דאָ און יענעם דאָרט — צו זיך איבער די וווינונגען. די חתונה פון דער טאָכטער זיינער איז פאָרגעקומען אָן אים. ער איז געבליבן אַ פאַרלייקנטער פון ביידע, פון דער מאַמען מיט דער טאָכטער. ער עקסיסטירט נישט מער פאַר זיי.

אַ פאַרביטערטער און איינזאַמער, אַ פאַרלאָזענער אפילו פון זיין איינציקער טאָכטער איז שלמה טרייסטמאַן אַרומגעגאַנגען אַ פאַרשעמ־טער און צעבראָכענער. ער איז יעדן טאָג אַהיימגעקומען צו די הוילע פוסטע פיר ווענט, וואָס האָבן אַראָפּגעווייינט מיט עלנט פּונקט ווי די קליידער זיינע, וואָס זענען געווען אויף אים אָפּגעלאָזן, נישט איבעריק ריין און נישט איבעריק גאַנץ, אַלט־קאָוואַלעריש, ווי איינעם וואָס ס׳איז אים שוין אַלץ איינס, וואָס מע וועט זאָגן אויף אים.

נאָך לאַנגע יאָרן עלנטקייט און אָפּגעלאָזנקייט האָט שלמה טריי־סטמאַן זיך אַרומגעקוקט אַז ס׳איז שוין ענדלעך צייט זיך צו נעמען אין די הענט אַריין און אַ טראַכט געבן וועגן אַ תכלית אין לעבן, מיט אַנדערע ווערטער, געגומען טראַכטן פון פאַרבינדן זיך מיט וועמען, מיט אַ פרוי אין זיינע יאָרן און חתונה האָבן. פאַרשטייט זיך, אַז ער וועט שוין איצט זיין פאָרזיכטיק און זען, אַז ער זאָל נישט אַריינ־פאַלן צום צווייטן מאָל. שטיין אויף דער וואַך און פריער גוט אויס־פּרווון דעם כאַראַקטער און נאָכפאָלגן דאָס אויפפירן זיך פון דער, וואָס וועט דאַרפן זיין זיין באַשערטע צום צווייטן מאָל. אין הימל, זאָגט מען, איז אָנגעצייכנט ווער ס׳זאָל האָבן איין זיווג און וועמען ס׳איז באַשערט צו האָבן צוויי זיווגים, צי גאָר דריי. איינעם איז באַשערט אויסצולעבן זיין לעבן מיט איין פרוי און אַנדערע זענען דאָ וואָס ס׳איז פאַר זיי אָנגעגרייט צוויי און דריי אויך. זעט אויס אַז זיין מזל איז צו טיילן זיין גליק, אויב דאָס הייסט גליק, מיט אַ צווייטער וואָס וואַרט

שוין גרייט אויף אים. ער דאַרף נאָר בלויז אויסגעפינען ווו זי געפינט זיך, ווו מען קאָן זיך מיט איר טרעפן.

דאָ אין בראַזיל אָבער האָט זיך דאָס מזל, זעט אויס, אָפּגעטאָן פון אים, פון שלמהלע טרייסטמאַן, וואָס האָט נאָך געטראַכט מיט די קאַטעגאָריעס פונעם אַמאָליקן יידישן שטעטל. כאָטש ער איז געווען אַ געגנוג שיינער צו געפעלן ווערן פרויען און די ליידן פון זיינע איבערלעבענישן האָבן נישט געלאָזן קיין אָנזעעוודיקע שפּורן אויף זיין ראַזעוון פּנים, דאָך האָט ער געזען, אַז ער שטייט דאָ פאַר אַ וואַנט, וואָס איז נישט פון די לייכטע זאַכן זי אומצעוואַרפן.

זיינע גוטמוטיקע בלאָע אויגן הינטער די ברילן־גלעזער האָבן פריילעך און האַרציק באַגעגנט יעדן איינעם און זיינע פייגעשניצטע ליפּן האָבן וואַרעם גערעדט צום פרעמדנס געמיט. ער איז בטבע געווען אַ הילפס־גרייטער מענטש און גערן געטאָן עמעצן אַ טובה. ער פלעגט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום שווערער אַרבעט און אַ סך מאָל פלעגט ער אפילו נישט נעמען קיין באַצאָלט, אַבי ער האָט יענעם געקאָנט אַנטקעגנקומען און פאַרגרינגערן יענעמס לאַגע.

ער איז טאַקע נישט געווען קיין גביר, שלמה טרייסטמאַן, אָבער אַ פאַמיליע האָט ער נאָך געקאָנט אויסהאַלטן. ער האָט נישט געוווסט, וואָס ס'הייסט אָזוינס זיצן ליידיק. שטענדיק האָט ער שוין געפונען עפּעס אַן אַרבעט, וואָס זאָל אים געבן דעם טאָג איבערצולעבן. ער האָט געגעבן לעקציעס, צוגעגרייט שילערס צום עקזאַמען און אפילו צו בר־מצווהס. געמאַכט רעקלאַמע־צייכענונגען, געקריצט איניציאַלן און געכתיבהס תורה־אותיות ווי אַן אמתער סופר. נישט געקוקט אויף דעם אַלעם האָט זיין פּראַדל זיך נישט געקענט אויף אים, זי האָט אפילו נישט געזען אַז ער איז אַ שיינער מאַנצפּאַרשוין, וואָס קאָן געפעלן פרויען און וואָס ווערט באַוואונדערט פון מענטשן פאַר זיין שאַרפזין און יידישער חכמה, און אַוודאי האָט זי נישט געוואָלט זען זיין

גוטסקייט, וואָס איז געליבט געוואָרן דורך פרעמדע, דורך די אַלע וואָס ער איז געקומען מיט זיי אין קאָנטאַקט.

דאָרט אין שטעטל, אין דער אַלטער היים, האָט שלמה געהאַט מזל צו פרויען. אַלע שיינע און רייכע מיידלעך האָבן זיך געליבט אין אים און אין זיך טיף אָפּגעזיפצט: — אוי, גאָטעניו, ווען דו שיקסט מיר צו אַזאַ געראָטענעם חתן, אַזאַ שיין און גוט יינגל ווי שלמהלע איז, ווי גליקלעך וואָלט איך געווען אים צו האָבן פאַר אַ מאַן. די גאַנצע וועלט קאָן מען מיט אים אויסגיין און נישט פאַרפאַלן ווערן.

שלמהלע אָבער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף קיין שום מיידל, אפילו נישט אויף דער שענסטער פון שטעטל. אַנדערע, אַ סך רייכערע יונגעלייט וואָלטן זיך געוווּנטשן צו זיין אויף שלמהלעס אָרט און געפּעלן ווערן אַזוי ווי ער די דאָזיקע שיינע מיידלעך. נאָר שלמהלע האָט זיך נישט געמאַכט דערפון גאָרנישט. זיי זענען אים נישט געלעגן אין זינען, אַליין נישט צו וויסן פאַר וואָס?

די שטעטלשע מיידלעך האָבן געזען שלמהלעס שיינקייט און גוטסקייט און זיך געליבט אין אים אָן זיין וויסן. זייערע מאַמעס האָבן אויך געוואָלט האָבן שלמהלען פאַר אַן איידעם. ער האָט געהאַט אַ קול נגינה וואָס מ׳האָט באַדאַרפט זיין אַ מבין אויף אים. אין אַנדערע אומשטאַנדן וואָלט אַזאַ בחור אויסגעוואַקסן אַ זינגער מיט אַ נאָמען. זיין שטימעלע האָט פאַרקלונגען דאָס שטעטל מיט זיין זיס געזאַנג. אַז ער האָט געזונגען אין שיל זענען די מיידלעך און אפילו זייערע מאַמעס געקומען אין שיל אַריין הערן שלמהלען זינגען. דער געדראַנג אין שיל פלעגט דעמאָלט זיין גרויס. ס׳גאַנצע שטעטל איז געקומען הערן שלמהלעס וואַרעמע שטימע, וואָס האָט געטרילערט ווי אַ נאַכטי־גאַל.

— ער איז דאָך אַזאַ האַרציקער, אַזאַ גוטינקער — פלעגן די ווייבער אים לויבן ווען זיי זענען געגאַנגען פון שיל אַהיים — אַזאַ שטילער און אַזאַ ערלעכער! אַ גוטע נשמה, אַ מענטש אָן אַ גאַל, טאַקע די גוטסקייט אַליין — פלעגן זיי זאָגן זייערע מענער. און יעדער איינער פון זיי וואָלט אים געוואָלט האָבן פאַר אַן איידעם.

שלמהלע האָט אָבער דעמאָלט נישט געוואָלט טראַכטן וועגן חתונה האָבן. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אָוועקצופאָרן פון שטעטל, פאַרלאָזן די היים און זיך לאָזן אין דער וועלט אַריין, אין אַ צווייט לאַנד, ערגעץ אין די מרחקים, צו קאָנען מאַכן אַ בעסער לעבן ווי אינעם קליינעם שטעטל, ווו מ׳איז פאַרמישפּט אָפּצולעבן אַ לעבן אין די באַגרענעצטע דלד־אַמות פונעם קאָזעגעסל ביזן מאַרק און צוריק, פון מאַרק ביזן קאָזעגעסל. אין דער צייט ווען ערגעץ ווייט וואַרט אַ גרויסע שיינע ליכטיקע וועלט מיט טויזנטערליי מעג־לעכקייטן צו וואַקסן און שטייגן און ווערן גרויס און אָנגעזען און באַקענען אַ נייע, אַן אַנדערע וועלט.

ער האָט דאָרט אין שטעטל אַפילו נישט געזען די פאַרליבטע בליקן פון די שיינע רייכע מיידלעך וואָס האָבן געקלעפּט צו אים. ער האָט אָבער דעמאָלט נישט געטראַכט זיך צו פאַרבינדן מיט אַ פרוי, וואָס באַלד בינדט זי אים, דעם מאַן, הענט און פיס, הייבט אָן צו קינדלען און מע קאָן זיך שוין נישט אַרויסרירן פון אָרט.

בלויז איינע, די פּראַדל שטיין, איז געווען אַ כיטרע מויד וואָס ס׳איז געווען צו זוכן נאָך איינע אַזאַ כיטראַטשקע ווי זי איז געווען. זי האָט געוווסט ווי אַזוי זיך צוצוקריגן צו אים. זי האָט זיך צו אים צוגעשטעלט אומגערן, נישט מיט קיין קאָקעטעריע, ווי אַנדערע מיידלעך־שוויצערקעס. נאָר אויף גאָר אַן אַנדער אופן. זי האָט זיך געצומען זאָרגן פאַר אים, פאַרבינדן שיין דעם קראַוואַט, ער זאָל נישט אַרומפּליען צופיל אויף רעכטס, אָדער לינקס. זי האָט אַכטונג געגעבן, אַז אַלץ זאָל אויף אים ליגן אַקוראַטנע און אים רעכט נישט אָפּגעלאָזט פון זיך, נישט אָפּגעטראָטן ביז שלמה טרייסטמאַן, דער גאַנצער חכם־עתיק איז געפאַלן אַ קרבן און ער האָט מיט איר חתונה געהאַט, מיט דער פּראַדעלע קאַזאַק, ווי מע פלעגט זי רופן אין שטעטל. דער נאַיִווער שלמהלע האָט עס אָבער נישט געוווסט. ער האָט געלאָזט די שענסטע און רייכסטע מיידלעך, וואָס האָבן זיך געליבט אין אים, אין אַ זייט און געשטעלט אַ חופּה מיט אָט דער קאָזאַצקער יידענע, וואָס איז געווען נישט קיין שיינע, נישט קיין

רייכע און נישט קיין גוטע און דערצו אַ רכילותניצע, אַ פּלאַטקע־מאַכערין און אויסגעטראַכט בילבולים אויפן גאַנצן שטעטל, נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. שלמהלע האָט איר געקוקט אין מויל אַריין און אַלץ וואָס זי האָט געזאָגט איז ביי אים געווען קודש־קדשים, הייליק און טייער.

דאָ אין בראַזיל אָבער האָט שלמהלע נישט געקאָנט געפעלן ווערן די היגע פרויען אינעם זעלבן מיטעלן עלטער וואָס ער. ער האָט, ערשטנס, נישט געהערט צום גבירישן שטאַנד און, צווייטנס, האָט ער נישט געקאָנט טשאַקען אַ וועלט וואָס די ווייבער האָבן עס ליב ס׳לעבן. דאָס וואָס ער איז אַ שיינער, אַ ליבער גוטמוטיקער מענטש — שפּילט נישט ביי זיי קיין ראָלע. אַ מענטש מיט פאַרשטאַנד און קולטור איז ביי זיי גאָרנישט. ער דאַרף נאָר זיין אַן אָלרייטניק, אַן אויסטויגער און קאָנען די ווייבער נאָכגעבן די שמד, אַנטקעגנ־קומען די ווייבערישע פאַרשווענדערישקייט, קויפן זיי אַלץ וואָס זייערע אויגן זעען אין די רייכע אויסשטעל־פענצטער פון די שענסטע מאַגאַזינען אין צענטער שטאָט, ווו די פרייזן זענען ספּעציעל פאַר די, וואָס ווילן אויסגעבן אַ סך געלט. און אַז אַ מאַן קאָן נישט אויסגעבן אויף אַ ווייב אַ סך געלט טויג ער נישט פאַר קיין מאַן.

אַ פאַראומערטער און צעבראָכענער איז שלמה טרייסטמאַן אומגעגאַנגען. און שוין אַ סך יאָרן אַזוי ווי ער קומט אַהיים צו די בלויזע פיר ווענט, צו אַ נישט אויפגערוימטער שטוב, צו אַ נישט פאַרבעט בעט מיט צעוואָרפענע זאַכן אַרום און ער האָט אַפילו נישט קיין מוט דאָס אַלץ צו ברענגען אין אָרדענונג. ער גייט צו צום עלעקטרישן קאָך־איזועלע מיטן אַנגעשטעלטן זייגער־מעכאַניזם, וואָס לעשט אַליין אויס דאָס קיכל גענוי צו דער שעה ווען ער שטעלט אָן דעם זייגער, ער זאָל קלינגען, דעמאָלט נעמט זיך דרייען דער שליסל און דאָס צוגעפעסטיקטע שטריקל דרייט זיך מיט און ציט ביסלעכווייז אַרויס דעם קאָנטאַקט פונעם עלעקטרישן קיכל און ס׳צוגעשטעלטע עסן ווערט קיין מאָל נישט פאַרברענט. דאָס איז זיין אייגענע דערפינדונג, ער זאָל נישט דאַרפן זיין משועבד צו

דער קיך און אַוועקגעבן אומזיסט צייט ביים אָפּקאָכן ס'ביסל עסן.

ער זעצט זיך צום עסן אָבער כמעט ווי אַן מינדעסטן אַפּעטיט, נאָר דערפֿאַר ווייל אַ מענטש מוז עסן ער זאָל קאָנען דערהאַלטן דאָס חיות אין זיך, נישט מער. זיינע באַגלייטערס ביים טיש, ווי אין גאַס, זענען נאָר אומעט און טרויער. און אַזוי לויפֿן די יאָרן און אַזוי קומט ער אָפּ די טעג מיט דער האָפֿענונג אַז אויב נישט היינט איז מאָרגן און דאָס גליק, אין געשטאַלט פֿון אַ פֿרוי, וואָס וועט אים געפֿעלן, וועט זיך סוף־כל־סוף יאַווען צו אים, ער זאָל האָבן מיט וועמען צו טיילן פֿרייד און לייד. ער האָט נאָר מורא, זי זאָל נישט קומען אַ ביסל צו שפּעט, ווען די פֿרוי ווערט פֿאַרן מאַן אַן איבעריקע לאַסט, אַן אָפּקומעניש און מע ווינטשט זיך שוין בעסער דעם עלנט פֿון אַן אַלטן קאַוואַליר וואָס טיילט זיך מיט זיינע איבערלעבענישן מיט די פּוסטע ווענט פֿון זיין אַלט־בחורישן אָפּגעלאָזענעם צימער, איידער מיט אַ פֿרוי וואָס קאָן שוין מער נישט זיין קיין קוואַל פֿון באַגייסטערונג און פֿאַרגעניגן.

שלמהלע טרייסטמאַן געהערט אָבער נישט צו די וואָס גיבן אַזוי געשווינד אויף זייער חלום צו באַגעגענען אַזאַ, וואָס זאָל אים זיין דער צווייטער באַשערטער זיווג, צו קאָנען מיט איר דורכמאַכן דאָס שטיקל וועג, וואָס איז אים נאָך געבליבן אין לעבן. און דערווייל לויפֿט די צייט און רוקט זיך אומגעזען אָפּער פֿון אונטער די פֿיס צוזאַמען מיטן פֿעסטן און זיכערן באָדן און ברענגט אים, שלמהלען, יעדן אָוונט אַן איינזאַמען און עלנטן צוריק צו אַ פּוסטער היים.

לאַנדסלייט

1

אַ גאַנצע גאַלעריע געסט האָט איצט פֿאַרבייגעשוועבט פֿאַר עמילס פֿאַרטראַכטן בליק. ער האָט געזען פֿאַר זיך מענטשן פֿון פֿאַרשידענעם שניט, כאַראַקטער און אויסזען. וווּקסיקע און דיקע, הויכע און מאָגערע, און נידעריקע, דיקע, שיינע און מיאוסע, בלאָנדע און ברונעטע, פּעכשוואַרצע און גראָע, רויטהאָריקע און שאַטינע. אַנדערע מיט פּליכן, האַלבע און גאַנצע, שטיקלעך ליסינעס און גאָלע, אָן איין האָר, טייל מיט עטלעכע פֿאַרבליבענע האָר, נעט אַריבער־געצויגן איבער ראָזלעכע נאַקעטע שאַרבנס, פֿון איין זייט שיטערן שרונט ביז דער צווייטער זייט אונטערן אויער.

די אַלע געסט, וואָס זענען איצט געשטאַנען פֿאַר עמילס בלאָע אויגן, זענען אויפֿגענומען געוואָרן אויפֿן בעסטן אופֿן צום ערשט פֿון טאַטן זיינעם און שפּעטער פֿון דער גאַנצער יידישער קאָלאָניע אין פֿאַרוואָרפֿענעם שטעטל טיף אין אינטעריאָר פֿון גרויסן בראַזיל.

עמיל געדענקט נאָך דעם ערשטן גאַסט אין שטעטל, אַ נידעריק דיק מענטשל מיט אַן אַרויסגערוקט שפּיציק בייכל ווי ביי אַ טראָ־געדיקער מיט אַ פּאָר קליינע פֿאַרזשמורעטע אייגעלעך, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פֿון רויטן אָפּגעברענטן פּנים גלייך ווי ער וואָלט זיי געהאַלטן אַנטקעגן דער זון, מיט אַ פֿולער אָנגעדראָלענער נאָז און רויט צעקנייטשטן קאָרק מיט טיפֿע צעאַקערטע שניטן און שניטעלעך.

ווען דער דאָזיקער מגושמדיקער פֿאַרשוין איז אַריינגעקומען צו עמילס טאַטן אין געשעפֿט, האָט ר׳ נח זיך אויפֿגעהויבן פֿון זיין

שטול, זיך אַפּערגעשאַרט פון הינטערן ביוראָטיש, צוגעגאַנגען צום פרעמדן ייד, אים דערלאַנגט די האַנט און אָפּגעגעבן אַ וואַרעמען און האַרציקן שלום־עליכם:

— פון וואַנען קומט אַ לאַנדסמאַן? — האָט ר' נח געפרעגט ביים גאַסט און געפּרוּווט אַליין טרעפן — אַוודאי פון מרחקים, דאָס איז קלאָר, אָבער פון וועלכע?..

— פון סאַן־פּאַולאָ, סעניאָר.

— הממ... פון סאַן־פּאַולאָ... וואָס זשע דערציילט איר אונדז פון יענער גרויסער אינדוסטריעלער שטאָט מיט יידן... וואָס טוען אונ־דזערע לאַנדסלייט דאָרט אין דעם סאַן־פּאַולאָ?..

— אונדזערע לאַנדסלייט מאַכן אַ גאַנץ שיין לעבן, זיי שפּילן גאַנצע נעכט אין קאָרטן. מע הייבט אָן שפּילן נאָך האַלבער נאַכט און מען ענדיקט ווען ס'נעמט טאָגן.

— אַזוי גאָר — האָט ר' נח נישט געגלייבט זיינע אייגענע אויערן — מע שפּילט, זאָגט איר, גאַנצע נעכט אין קאָרטן, אוי־וואַ! אוי־וואַ! נו, און ווען האָבן זיי צייט צו לייענען אַ בוך, אַ צייטונג און ווען קוקן זיי אַריין אין אַ ספר?

— וואָס מיר לייענען און ווען מיר לייענען? אַז אַ גאַנצער טאָג איז אַ וויסט געיעג, אַ הור־האַ, אַ געלויף, געשעפטן, סחורות, בענק, וועקסלען, טשעקן, צאָלונגען, קויפן, פאַרקויפן, מאַכן באַשטעלונגען, אָפּשיקן, אָפּנעמען, טוישן, עגמת־נפשן, צרות, שלעק; דאָ איז די פאַרטיע ספּודניצעס אָפּגעקלאָגט צום טויט, צו שמאָל אין דער טאַליע, דאָ זענען די זשאַקעטלעך אַרויסצוּוואַרפן, איין אַרבל איז קירצער פון צווייטן, קאַליקעס זיצן דאָרט ביי דער מאַשין, נישט קיין ניי־טאָרינס, מע דאַרף זיי אַלע שיקן אין חדר אַריין, אָבער צום געלט נעמען זענען זיי אַלע דאָ... און אַז מע קומט שוין אַהיים פון געשעפט, מ'עסט אָפּ וועטשערע, זעצט מען זיך צו צו דער טעלעוויזיע, זען דעם פּראָגראַם מיט די ליבע־געשיכטעס און רעוואָלווער־שאָסן, און אַז ס'איז שוין מער נישטאָ וואָס צו זען, זעצט מען זיך אויס אַרום די טישן און מע נעמט זיך צו די קאָרטן, און מע סראַקעט אויף וואָס

די וועלט שטייט. נאָכן אָפּשוויצן ביז האַלבער נאַכט סערווירט מען זיך פון די רייך געדעקטע טישן, וואָס זענען שוין צוגעגרייט פון פריִער מיט כל גוטס, און נאָכן איבערכאַפּן זיך דאָס האַרץ זעצט מען זיך ווייטער צום קאָרטנשפּיל...

— אַז אַך און וויי צו אַזאַ לעבן — האָט ר׳ נח עטינגער פאַר־צויגן דעם האַלדז אויף אַרויף און פאַרשגורעוועט די פליישיקע ליפּן, אַ דערשטוינטער פון די אַלע רייד וועגן אַן אויסטערליש פּירעכץ פון אַ קראַנק אומנאַרמאַל פאָלק, וואָס איז טויב און שטום פאַר אַלץ, וואָס קומט פאַר אַרום אים. אין אַ צייט ווען מע דאַרף זיין וואַך אויף יעדן טריט לאָזט מען זיך אַריין אין דברים־בטלים, אין קאָרטנ־שפּילעריי, וואָס מאַכט אַ תל פונעם מענטש. וואָס ווערט פון אַזעלכע מענטשן? אַן ערב־רב, שמאַטעס, נישט קיין מענטשן... ווי קאָן מען בכלל לעבן אָן גייסטיקע שייכקייטן וואָס דאָס בוך פאַרמאָגט אין זיך... ווי קאָן עס אַ יידישער מענטש, אַ מאָדערנער ייד זיין אויסגעטאָן פון אַלעם, וואָס קאָן דערהייבן דעם מענטש, ער זאָל שטיין העכער פון זיינע טאָג־טעגלעכע דאגות און געשעפטן. ביי אַ בוך ראַטעוועט זיך דאָך דער מענטש, ער לעבט דאָך אויף, ער דערפרישט זיך און ווערט אַ נייער מענטש.

ס׳איז געווען די ערשטע פרימאָרגן־שעה, ווען מע זעט נאָך נישט קיין קונים אין די געשעפטן און מע קאָן נאָך באַוויזן אַריינצוכאַפּן אַ שמועס אומגעשטערט. ר׳ נח עטינגער האָט גענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל און אָפּגערופן לאַנדסמאַן נאָך לאַנדסמאַן:

— מיכל! מיר האָבן אַ גאַסט אין שטעטל, קומט היינט צו אונדז עסן וועטשערע. כ׳האָב דעם גאַסט פאַרבעטן צו מיר אין שטוב אַריין. איר זאָלט נישט פאַרגעסן, איר הערט?..

— ראובן־זלמן! מיר האָבן אַ גאַסט פון סאַן־פּאולאַ... ער האָט צו דערציילן זייער אינטערעסאַנטע זאַכן. כ׳האָב אים איינגעלאַדן צו זיך אויף נאַכטמאָל, היינט אין אָוונט, קומט צו גיין... מ׳עט צוזאַמען

מקבל־פנים זיין דעם גאַסט. קומט זיכער, איר וועט נישט באַדויערן...

פון שטענדיק אָן אַזוי, ווען אַ גאַסט פלעגט פאַרבלאָנדזשען אין שטעטל אַריין, איז זיך די גאַנצע יידישע קאָלאָניע צונויפגעקומען ביי ר׳ נחן אין שטוב. און צו מאָרגנס פלעגט יעדע פאַמיליע באַזונדער פאַרבעטן צו זיך דעם גאַסט, ווער אויף אַ מיטאָג, ווער אויף וועטשערע, און אַזוי האָבן זיך אַלע יאָרן געפירט די לאַנדסלייט דאָ אין שטעטל זינט זיי האָבן זיך דאָ באַזעצט.

אין אָט אַזאַ גאַסטפריינדלעכער סביבה איז עמיל אויסגעוואַקסן. אין לויף פון לאַנגע יאָרן האָט ער געזען אויפנעמען געסט אויף אַזאַ פיינעם מענטשלעכן אופן. אין זיין געדאַנק האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, אַז אין דער גאַנצער וועלט, אומעטום, ווו יידן געפינען זיך, נעמט מען אַזוי אויף געסט ווי ביי זיין טאַטן אין הויז, און ווי אין זיין געבורטשטעטל — מיט גרויס דרך־ארץ און ברייטהאַרציקן כיבוד.

2

נישט איין מאָל איז עמילן אויסגעקומען צו לייענען אין די צייטונגען און זשורנאַלן באַשרייבונגען און שילדערונגען וועגן דעם בראַזיליאַנער מאַנטשעסטער — דעם גרויס־אינדוסטריעלן צענטער, סאַן־פּאַולאָ, וואָס באַזאָרגט דאָס גאַנצע לאַנד מיט אַלע זיינע אויס־אַרבעטונגען פון קליידער, שיך, וועש, מאַנטלען, שפּילצייג, מעבל און וואָס נישט? אין אַזאַ שטאָט פעלט נישט וואָס צו טאָן. אַ מענטש, וואָס וויל נאָר אַרבעטן, קאָן דאָרט ווערן אַ לייט אין אַ קורץ שטיקל צייט. סאַן־פּאַולאָ — האָט עמיל אויסגעפונען — וואָלט פאַר אים געווען די פאַסיקסטע שטאָט זיך איינצואָרדענען נאָך דער חתונה מיט זיין אַניטע. די גרויסע מעכטיקע שטאָט האָט אים געצויגן ווי מיט אַ מאַגנעט. אין די אָפטע פאַרטוליעטע שפּעטנאַכטיקע שמועסן מיט זיין כלה וועגן זייער צוקונפט האָט ער שטענדיק אויסגעדריקט דעם דאָזיקן ווונטש זיינעם:

— דו הערסט, אַניטע, די הויזן צו פאַרזעצן און אַ גביר זאָל מען זיין, אַזוי זאָגט שטענדיק מיין טאַטע. און איך זאָג: טון אַלץ וואָס מע קאָן און זיך באַזעצן אין סאַן־פּאַולאָ. דו קאָנסט זיך גאַרנישט פאָרשטעלן ווי מיך לאָקט די דאָזיקע שטאָט. וואָס זאָגסטו, אַניטע? דו וואָלסט געוואָלט מיר זאָלן זיך אַריבערקלייבן אַהין, צי בלייבן דאָ אין די אַמאַזאָנאַס, אינעם פאַרוואָרפענעם העק? אמת, דאָ איז שיין אַ פּראַכט! און נאָכן טייך אונדזערן, נאָכן אַמאַזאָנאַס, וועלן מירביידע בענקען. אין דעם בין איך מער ווי זיכער. אָבער דאָרט וועלן מיר קאָנען מאַכן אַ לעבן.

— נו, מילא — האָט אַניטע זיך צוגעטוליעט צו אים און אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל — אַז דו ווילסט דווקא סאַן־פּאַולאָ, זאָל זיין סאַן־פּאַולאָ. כ׳האָב נישט דערקעגן. אַזוי פיל מענטשן לעבן אין סאַן־פּאַולאָ, וועלן מיר זיך אויך קאָנען ווי ס׳איז איינאָרדענען. נאָר איך קען דאָך דיך. קום נישט אָפּ מיטן בלויזן רעדן. נעם, זוך אַ מיטל און פאָר אַריין אויף אַ קורצער צייט אין סאַן־פּאַולאָ, וועסטו אַלץ זען אויף אָן אָרט און נישט דאַרפן בלאָנדזשען אין דער פינצטער. נישט נאָר אין סאַן־פּאַולאָ, נאָר אַפילו אויפן נאָרדפּאָל וואָלט איך מיט דיר געפאָרן...

— יאָ, טייערע, דו ביסט הונדערט פּראָצענט גערעכט — האָט זיך עמיל געפּרוווט אַ ביסל צוריקציִען נישט־ריכטנדיק זיך אויף אַזאַ גיכער צושטימונג פון זיין אַניטען — פון אַ ווונטש ביז דער פאַרווירקלעכונג פונעם ווונטש איז נאָך אַ גרויסער מהלך, אַ שפּאָר שטיקל וועגס. אַריבערצוקלייבן זיך אין אַ גרויסער שטאָט דאַרף מען שוין האָבן גרייט גרויסע קאַפּיטאַלן. די גרויסע שטאָט פאַרשלינגט אַ וועלט. אין אַ גרויסער שטאָט, טייערע, איז אָבער שווער אָנצוהייבן פאַר אַזעלכע מענטשן ווי מיר מיטן צוגעציילטן אויסגערעכנטן גראָשן. מיין פּלאַן איז אַזאַ: צום ערשט וואָלט מען געדאַרפט פאַרפאָרן אין אַ קליין שטעטל, אויף די סוב־אורביאָס פון סאַן־פּאַולאָ און פון דאָרט איז שוין איין שפּאַן אין שטאָט אַריין. ווי נאָר מיר קומען צו צו עפּעס און מאַכן אַ ביסל געלט טראָגן מיר זיך אַריבער אין צענטער.

— טאָ זאָל זיין אַזוי ווי דו זאָגסט — איז אַניטע באַשטאַנען אויף אַלעם וואָס עמיל האָט פאָרגעשלאָגן — לייג נישט אָפּ אין דער לאַנגער באַנק, פאָר אַוועק און זוך אויס אַזאַ שטעטל הינטער סאַן־פּאַולאָ. דאָ איז טאַקע נישטאָ וואָס צו טאָן. ס׳איז דאָ בלויז געפּטרט די צייט.

אַניטע האָט אים צוגעגרייט אַ רענצל מיט אַלעם נייטיקן. זי האָט אָנגעבאַקן אַ באַלע, וואָס איז אַרויס גערעאָטן פונעם באַקאויוון, אים מיטגעגעבן דעם קוכן אין וועג אַריין, געווונטשן אַ גליקלעכע רייזע און געבעטן ער זאָל געבן פון זיך צו וויסן ווי צום גיכסטן.

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט עמיל אויסגעפונען אַ פאַרשטעטל הינטער סאַן־פּאַולאָ, געגעבן האַנטגעלט אויף אַ געשעפט, געשלאָסן דעם קאָנטראַקט אויף פינף יאָר און נאָך דעם צו פאַרלענגערן אויף נאָך פינף יאָר. אַ צופרידענער, וואָס ס׳האָט זיך אים איינגעגעבן אַלץ, וואָס ער האָט זיך פאַרגענומען, איז ער צוריקגעקומען אַהיים און האָט דערציילט אַז ער האָט שוין געדונגען אַ געשעפט. דער עיקר, אים געפעלט שטאַרק דאָס שטעטל, ווו זיי וועלן וווינען נאָך דער חתונה. ס׳זענען דאָרט דאָ אַ סך לאַנדסלייט פון זיין טאַטן, וואָס וועלן נישט לאָזן פאַלן, און יונגע מענטשן דערצו, וועלן זיי זיך שוין ווי ס׳איז אַן עצה געבן:

— ווייסט וואָס, אַניטע — האָט עמיל זי אָנגענומען פאַרביידע הענט — מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז דעם האָניק־חודש אונדזערן זאָלן מיר פאַרברענגען טאַקע אין יענעם שטעטל, ווו מיר וועלן זיך באַזעצן. די מענטשן דאָרט זענען דאָך זיכער אַזעלכע גאַסטפריינדלעכע ווי אונדזערע יידן דאָ אין שטעטל. זיי וועלן אונדז אויפנעמען — בין איך זיכער — מיט דער גרעסטער פּאַמפּע, ווען זיי וועלן געוויער ווערן, אַז מיר זענען געקומען פּראַוון אונדזער האָניק־חודש ביי זיי אין שטעטל, אין אונדזער נייער היים.

אין איר קליינשטעטלשער קינדישער נאַיוקייט האָט אַניטע גע־גלייבט, פונקט אַזוי ווי עמיל, אַז יעדער איינער לאַנדסמאַן וועט זיי אויפנעמען בכבוד־גדול, יעדן טאָג וועט אַ צווייטער לאַנדסמאַן מאַכן

פאַר זיי אַן אויפנאַמע. ס׳איז קיין שום ספק נישט — האָבן חתן־כלה פאַנטאַזירט — אַז מיר וועלן זיין דאָרט ביי זיי געהויבענע געסט, אַזעלכע געסט, ווי אַ חתן מיט אַ כלה, זענען דאָך אַ זעלטנקייט, נאָך דערצו אַז דער חתן איז נח עטינגערס זון, דער גרעסטער מכניס־אורח פון שטעטל, וואָס האָט שטענדיק אויפגענומען געסט און באַהאַנדלט זיינע לאַנדסלייט ווי די פּרינצן, געגרייט פאַר זיי טישן פון שענסטן און בעסטן. הייַנט קאָן מען זיך פאָרשטעלן ווי אַט די יידן וועלן עס אויפנעמען אַ יונג פּאָרל, וואָס איז געקומען אויפן האָניק־חודש אין זייער שטעטל אַריין. זיי וועלן דאָך אַלע וועלן אָפּדאַנקען פאַר די טובות וואָס מ׳האָט זיי געטאָן און וועלן אויפנעמען דאָס פּאָרל מיטן גרעסטן כבוד...

3

נאָך דער חתונה, וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן דורך דער גאַנצער יידישער קאָלאָניע מיט אַזוי פיל האַרציקייט, איז דאָס יונגע פּאָרפּאָלק פאַרפאָרן אין יענעם שטעטל, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט ביי די ברעגן פונעם טייך פּאַראַהיבאַ, און האָבן פאַרנומען אַ צימער אין שענסטן האָטעל. דער זייגער איז שוין געווען אַרום צען אין אָוונט. מ׳האָט שוין נישט געקאָנט גיין באַזוכן די לאַנדסלייט פון עמילס פאָטער, זיי איבערגעבן דעם צוועק פון זייער קומען אין שטעטל אַריין און זיך באַראָטן מיט זיי וועגן קריגן סחורה אויף קרעדיט, אַ לייטישע וווינונג און נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן אַריבער־קומען פון מענטשן אויף אַ ניי אָרט. אַגב, זענען זיי אַליין אויך געווען מיד פון דער רייזע. זענען זיי שוין אין ערגעץ נישט געגאַנגען און געבליבן נעכטיקן אין האָטעל.

צו מאָרגנס באַלד אין דער פרי האָט זיך עמיל אויפגעהויבן שטילערהייט, נישט אויפצוועקן אַניטען, אַרויסגענומען דעם אַנצוג פון דער וואַליזע, זיך אָנגעטאָן עלעגאַנט, אָנגעשריבן אַ צעטעלע, אַוועקגעלייגט עס אויפן נאַכטשענקעלע לעבן אַניטעס בעט און אַן אויסגעפּוצטער אַרויס אין גאַס באַזוכן דעם טאַטנס לאַנדסלייט.

עמיל איז אַוועק אויף דער פּרינציפּאַל־גאַס, ווו ס׳האָבן געווינט כמעט אַלע לאַנדסלייט פון זיין טאַטן, אַ חוץ אַ קליינער טייל, וואָס האָט געווינט אין אַ צווייטן האַנדל־קוואַרטאַל. אַ פריילעכער האָט ער געשפּאַנט מיט זיכערע טריט, פול מיט האָפענונג און פּלענער אויף דער צוקונפט. אין זיין מוח האָבן זיך געוועבט ליכטיקע בילדער פון יום־טובדיקע אויפנאַמעס וואָס זיין פאָטערס לאַנדסלייט וועלן אים מאַכן. ער האָט שוין געזען פאַר זיך די שיין געדעקטע טישן מיט פלעשער פינקלדיקן וויין צעשטעלט אויף די שניי־ווייסע טישטעכער. זיין פאַנטאַזיע איז געווען פול מיט עפעקטפולע סורפּריזן. מע וועט זיי אפשר צוטראָגן דרשה־געשאַנק, ווערטפולע זאַכן, אַ קאָמפּלעט זילבער־געשיר, אַן אייזקאַסטן, אַ טעלעוויזיע־אַפּאַראַט. זיי דאַרפן עס דאָך נישט גיין קויפן. זיי האַנדלען דאָך דערמיט. מינדעסטנס, וועלן זיי זיך צונויפלייגן און דאָס געלט צוטראָגן אַ מתנה. וועט עס אויך זיין שיין פון זייער זייט. אַ קליניקייט — האָט עמיל ווייטער זיך געלאָזט טראָגן אויף די פליגל פון זיין צעהיצטער פאַנטאַזיע — אַזאַ גאָלדענער העכט ווי איך בין, וועל זיין ביי מיין טאַטנס לאַנדסלייט דער אמתער אָנגעלייגטער גאַסט אין שטעטל. יעדן טאָג וועלן מיר זיין פאַרבעטן צו אַ צווייטער פאַמיליע. מע וועט פשוט נישט וויסן ווו אונדז צו זעצן און וואָס אַלץ צו טאָן מיט אונדז...

אַזוי גייענדיק אַן אַריינגעטאָענער אין די געדאַנקען איז דער צוואַנציקיאָריקער עמיל עטינגער צוגעקומען צום ערשטן געשעפט מיט אַ גרויסער שילד מיט אַ יידישן נאָמען. ער איז געבליבן שטיין מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ. נישט געווען דעצידירט גלייך אַריינצוגיין, ווי יעדער גאַסט, וואָס ווייסט, אַז מע ריכט זיך נישט אויף אים. ער האָט נישט באַוויזן לאַנג זיך צו פאַרהאַלטן. דער באַלעבאָס פון געשעפט האָט זיך אין דעם מאָמענט באַוויזן פאַר דער טיר. ער איז געווען אַ מיטלוווקסיקער, אַ דיקער, מיט אַ קאָפּ רויטע האָר און אַ האָרבאַטער נאָז און אַ פּאָר דינע פאַר־ביסענע ליפּן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף עמילן און מיט אַ כריפּעוואַטער שטים ווי פון שלאָף אַרויס אַ פרעג געטאָן:

— וואָס פֿאַרלאַנגט איר, יונגערמאַן? איר האָט עפּעס געוואָלט?

— האָט ער אים באַטראַכט מיט אַן אומצוטרוילעכן סקאָסנעם בליק, וואָס יענער איז עס מער נישט ווערט לויט זיין סוחרישער אָפּשאַצונג.

— איך — האָט עמיל זיך פֿאַרלוירן און גענומען שטאַמלען — איך, ס׳הייסט, מיר, איך און מיין פֿרוי, מיר ביידע זענען זיך געקומען דאָ באַזוצן אין שטעטל. מיר האָבן חתונה־געהאַט און דאָ ווילן מיר פֿאַרברענגען אונדזער האָניק־חודש... איר זענט דאָך הירשקע, יאָ? מיין פֿאָטערס לאַנדסמאַן. נח עטינגער איז מיין טאַטע. איר זענט דאָך ביידע פֿון איין שטעטל, נישט אמת? — האָט עמיל געפּלאָנטערט מיט די רייד און קוים אַרויסגעקריגן פֿון זיך דאָס וואָס ער האָט געוואָלט יענעם זאָגן, נאָר נישט אַזוי אומגעלומפּערט ווי ס׳האָט זיך באַקומען.

— אמת, ריכטיק — האָט דער באַלעבאָס צוגעגעבן מיט איראָניע — קיינער קאָן נישט אָפּלייקענען אַז מיר זענען נישט קיין לאַנדסלייט. זענט איר געקומען, הייסט עס דאָ אין שטעטל אַריין מאַכן אַ געשעפֿט? קאָן איך אייך זאָגן, אַז קיין גלענצנדיקע געשעפֿטן דאַרפֿט איר דאָ נישט פֿאַרזען, דאָס זאָג איך אייך פֿאָרויס. מעגלעך, אַז מ׳האָט אייך אַנדערש אינפֿאָרמירט. בין איך נישט שולדיק. מ׳האָט אייך אַוודאי געזאָגט, אַז אין דעם שטעטל קאָן מען מאַכן גוטע געשעפֿטן. מילא, וואָס מענטשן קאָנען אַלץ זאָגן. הלמאי זאָגט מען, אַז שלום־יעקב, דאָס צדיקל, גרייט זיך אַנזעצן און אַז זיינס אַ טשעקל איז נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי... זאָגט מען... זעט איר איך בין געווען דער איינציקער, וואָס האָב אַלע מאָל געשריגן אַז אַ צווייטער דאַרף אויך לעבן, נו, האָט מען מיך נישט געוואָלט עוקר מן השורש זיין דערפֿאַר?... און מע קאָן זיך עס נישט שענקען ביז היינט, וואָס איך עפֿן פֿאַר יענעם די טיר, נישט חלילה אַרויסצוגיין, ווי זיי אַלע טוען עס, נאָר אַריינצופֿאַרבעטן. איי, מיין יידענע לאָזט נישט, זי איז קאַרג און וויל נישט גאַסטירן קיין איין דישטאַן אויף כּיבוד, דאָס, זעט איר, בין איך שוין נישט שולדיק. דאָס איז שוין אַ נאַטור אַזאַ ביי איר, און קיין נאַטור קאָן מען נישט איבערמאַכן... כ׳האָב איין מאָל

געזאָגט אויף איינעם אַ גוט וואָרט און געזען, אַז ער זאָל בלייבן אויפן פּלאַץ, האָט מען אויף מיר אויסגערעדט אסור־לדבר, נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר אַז איך גיי זיי קאַליע מאַכן די פּרנסה, באשר־בכן, נאָך אַ ייד ווערט וועלן מאַכן אַ לעבן. אַז זיי קוקן דאָ אויף יעדן איינעם ווי אויף אַ קאָנקורענט וואָס גייט אויף זייער לעבן. וואָס זשע וועט איר מיט זיי מאַכן? איר האָט נאָך דאָ גאָר־נישט געטאָן, אמת, און לויט זיי נאָך, דאַרף מען אייך שוין געמען טרייבן פון דאַנען מיט שטעקנס און ברענען אייערע טריט. נו, זאָגט איר אַליין, קאָן מען מיט אַזעלכע ברואים גיין צום טיש? האָבן מיר טאַקע דאָ גאָרנישט, אַפילו נישט קיין שול צו קאָנען גיין דאַווענען, אַריינכאַפּן אַ מאָל אַ מנחה־ומעריב ווען איינער האָט יאָרצייט... איך זאָג אייך, דאָ איז נאָך ערגער ווי סדום... הלוואי וואָלט איך עס נישט געווען דערקענט, וואָלט מיר ווילער געווען מיין לעבן...

עמילן איז געוואָרן קאַלעמוטנע פון די אַלע טרויעריקע רייד. אַן אויפגעציטערטער האָט ער דערפילט ווי ער וואָלט מיט אַ מאָל פאַרלוירן דעם באָדן פון אונטער די פיס. ער האָט שוין געוואָלט זיין וואָס גיכער אויף יענער זייט טיר.

ווען ער איז אַרויס פון הירשקען, דעם קאַלטן לונג און לעבער, איז ער געווען באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שוויס. ער האָט גענומען גיין סתם אַזוי איבער דער גאַס, דאָס צעשטרייטע געמיט זאָל זיך אַ ביסל באַרויקן. אַניטע וועט היינט שלאָפן ביז אַרום צען־עלף. האָב איך נאָך אַ צוויי שעה צייט — האָט עמיל געטראַכט ביי זיך — איצט איז דער זייגער האַלב ניין, וועל איך פּרוּוון צוגיין צו אַנדערע לאַנדסלייט. ס׳איז דאָך נישט מעגלעך, אַז אַ צווייטער זאָל מיך אויך אַזוי אויפנעמען ווי דער גראָבער פליגל, דער הירשקע קאַלבאַסניק, ווי מ׳האָט אים גערופן אין דער אַלטער היים, ווייל ער האָט יום־כיפור געגעסן קאַלבאַס אין דער גוייִשקער קרעטשמע.

אַ פאַרביטערטער איז עמיל אַריין אין אַ צווייט געשעפט אויף דער זעלבער ברייטער גאַס. ער האָט דאָרט געטראָפן אַ דיקלעכע העפלעכע פרוי, וואָס האָט אים איידל געפרעגט אויף פאָרטוגעזיש

וואָס ער פאַרלאַנגט. עמיל האָט איר דערציילט, אַז ער קומט פון זייער ווייט, אַזש פון אַ ישוב לעבן ריזיקן טייך אַמאַזאָנאַס. ער האָט שוין דאָ געדונגען אַ געשעפט און ער איז געקומען מיט זיין נאָר וואָס חתונה־געהאַטער פרוי דאָ פאַרברענגען דעם האָניק־חודש, און ער האָפט אַז מע וועט אים דאָ אויפנעמען ווי אַן אייגענעם.

די דיקלעכע פרוי האָט אים מיט אַ צווידייטיקן שמייכל גע־ווינטשן מזל טוב:

— מויטאָ בעים! פּאַראַ בעימס! כ׳גראַטולירט אייך און זאָל אייך זיין ווי צום בעסטן...

זי האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן ווי ס׳איז אַריינגעקומען דער באַלעבאָס פון געשעפט, דער מאַן פון דער העפלעכער פרוי. ער איז געווען עטוואָס בגילופין מיט אַ פאַררויטלט פנים. ס׳איז אַריינגעפאַלן אַ פיזקאַל, אַ באַאַמטער פון שטייעראַמט. האָט ער געמוזט מיט אים אויסטרינקען אַ כוסה און נאָך איינע און טאַקע אַ דריטע פאַר אַ צולאָג און אים קוים פּטור געוואָרן:

— אַזאַ אָנשיקעניש אויפן ניכטערן מאָגן! מנע, צו אַלדע טייוול...

ער האָט דערזען דעם אומבאַקאַנטן יונגנמאַן האָט ער אים מיט דער זעלביקער העפלעכקייט פון זיין פרוי גענומען אויספרעגן פון וואַנען ער איז, ווער ער איז און וואָס אַזוינס ער פאַרלאַנגט. ביי עמילן אָבער איז ס׳לשון שוין געווען ווי אָפּגענומען. ס׳איז אים שווער געווען צו ענטפערן. די באַלעבאָסטע פון געשעפט האָט דער־וויל דערציילט איר מאַן, אַז עמיל איז זיין לאַנדסמאַנס זון און אַז ער איז זיך דאָ געקומען באַזעצן אין שטעטל.

דער אייגנטימער פון געשעפט איז גראָד געווען אַ גאַסטפריינד־לעכער מענטש. ער פלעגט אָפט פאַרבעטן צו זיך גוטע פריינד אין שטוב אַריין. צו מיינסט אָבער קריסטן, וואָס זענען געווען זיינע קליענטן. ער פלעגט זיך פירן ברייטהאַרציק, נישט זשאַלעווען קיין שום זאַך. ער פלעגט אַרויפשטעלן אויפן טיש די בעסטע געטראַנקען און אויסלענדישע ווינען און וויסקיס. נאָר צו עמילן האָט עס נישט געהאַט קיין שייכות און צו אַלע אַנדערע מענטשן אויך נישט. אַפילו

קיין קאָוועלע האָט ער נאָך קיינעם נישט געשטעלט. עמילן האָט ער אויף אַלעם געענטפערט דאָס זעלבע וואָס זיין פרוי גלייך ווי זיי וואָלטן זיך ביידע געווען געהאַט אָפּגערעדט וואָס צו ענטפערן;

— מויטאָ בעים! פּאַראָ בעימס!

ער האָט אים געווונטשן מזל־טוב און באַלד זיך גענומען פאַרען ביים שטויס פּאַפּירן, פאַקטורעס, נאָטעס און אַנדערע דאָקומענטן, וואָס זענען געלעגן אויפן טיש נאָך דעם ווי ער האָט זיי געגעבן דעם פיזקאַל צו קאָנטראָלירן און געמיינט אַז ס׳וועט אַדורכגיין גלאַטיק, אַז יענער וועט זיך נישט טשעפּען צו אים. און אַזוי איבערלייענדיק די פּאַפּירן האָט ער דערוויל פאַרגעסן אינעם יונגנמאַן, וואָס האָט מיט די אויגן געזוכט די טיר דורך וואַנען ער זאָל קאָנען אַרויס.

עמיל האָט אָבער נאָך אַלץ נישט פאַרלוירן דעם גלויבן אינעם מענטש:

— איך וועל נאָך איין מאָל פּרוּוון מזל. ס׳איז דאָך נישט מעגלעך אַז מיין טאַטנס לאַנדסלייט דאָ אין שטעטל זאָלן אַלע זיין אַזוי נישט־גאַסטפריינדלעך. דאָס לייגט זיך דאָך פשוט נישט אויפן שכל — האָט עמיל זיך נישט געקאָנט שענקען — איצט איז דער זייגער צען, אַגיטע שלאָפט נאָך מיסתמא. וועל איך נאָך פּרוּוון אַריינגיין צו וועמען.

ווידער איז עמיל צוגעקומען צו אַ געשעפט מיט אַ יידישן נאָמען וואָס האָט אַראָפּגעשיינט פון דער לאַנגער שילד איבערן געשעפט. ער האָט זיך אַנגענומען מיט כוח און אַריינגעגאַנגען אינעווייניק. דאָס געשעפט איז געווען אַ סך קלענער ווי די פריערדיקע, נאָר פול אָנגעלייגט מיט סחורה אַזש ס׳האָט זיך געבראָכן. אַ הויכער שטאַלט־נער מאַן אין די פערציקער האָט אים באַגעגנט מיט אַ „באָנדיאַ״, מיינענדיק אַוודאי אַז ער האָט פאַר זיך אַ קונה:

— וואָס ווינטשט איר, סעניאָר?

— מיין פאָטער איז אייערס אַ לאַנדסמאַן, איר דערמאָנט זיך אים אַוודאי, נח עטינגער.

— וואָס פאַר אַ פראַגע! אַ קלייניקייט, נח עטינגער. וואָס מאַכט

ער, דער אַלטער, ער מוז שוין אַוודאי זיין אַ זעכציקער, אויב נישט מער. און ער זיצט נאָך אַלץ אַזוי אין די אַמאַזאָנאַס?

— יאָ, איך קום טאַקע פון דאָרט — האָט עמיל אָנגעהויבן זיין פּיזמון — איך קום נישט אַליין, כ׳בין דאָ מיט מיין פרוי.

— ווו זשע האָט איר געלאָזט אייער פרוי?

— זי איז אין האָטעל. זי רוט זיך אָפּ. מיר זענען געקומען נעכטן שפּעט ביי נאַכט. נאָך אַזאַ לאַנגער רייזע, אַ פרוי, דאַרף זי זיך אויסרוען.

מיט ערנסט און אינטערעס האָט דער געשעפטמאַן אויסגעהערט אַלץ וואָס עמיל האָט אים דערציילט. ער האָט זיך אויסגעפרעגט וועגן דער רייזע, צי זי איז אַ באַקוועמע און וועגן אַנדערע אַנגע־לעגנהייטן פון אַרום דעם טייך אַמאַזאָנאַס, און צום סוף צוגעווונטשן עמילן, ער זאָל האָבן הצלחה און זיך אַריינכאַפּן צו אים אין אַ פרייען אָוונט, צי גאָר בייטאָג, ווען ס׳וועט אים אויסקומען פאַרבייצוגיין זיין געשעפט, בעסער אין אָוונט, צו אים אין שטוב, נאָר אומבאַדינגט מיטן יונגן ווייבל זיינעם. ער וויל זי באַקענען, ער איז שוין נייגעריק צו זען ווי זי זעט אויס. אפשר וועט ער קאָנען קריגן פאַר איר אַ גוטן פּאָסטן, זי זאָל אויך האָבן צייט זיך צו פאַרנעמען מיט דער ווירטשאַפט אין שטוב.

עמיל איז אַרויס פונעם געשעפט אַ פאַררויטלטער ביז איבער די אויערן פון דער חוצפּהדיקער אומפאַרשעמטקייט פון זיין טאַטנס לאַנדסמאַן. ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט און געהאַט אין זיך אַ ביסל מער קוראַזש, וואָלט ער אים אָנגעשפּיגן אַ פול פּנים. אַזאַ געמיינער הינערפרעסער. נישט אַנדערש נאָר ער זאָל קומען צו אים צו גאַסט מיט זיין אַניטע, אַנישט וועט ער נישט עסן. ער וועט עס אַניטען אַפילו נישט דערציילן. ס׳אַ חרפּה צו ברענגען אַזוינס פאַרן מויל. אַזאַ פאַרשעמונג! און וואָס וועט ער זאָגן אַניטען? ער האָט דאָך איר צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן פון זיין טאַטנס לאַנדסלייט, די שיינע יידן, און דאָ אַזאַ דורכפאַל! דער זייגער איז שוין האַלב עלף. נאָך גוט וואָס די גאַרסאָנעטע האָט אין דער פרי געהאַט אַריינגע־

בראַכט קאַפּע פֿאַרביידע. אַז אַניטע וועט זיך אויפֿכאַפּן און מאַכן די טואַלעט, וועט זי כאַטש טרעפֿן די קאַפּע אויפֿן טיש און נישט דאַרפֿן זיין ניכטער ביז ער וועט קומען. אַזוי אָבער קאָן ער זיין רויק וועגן איר. ביזן האַלבן טאָג איז נאָך דאָ גענוג צייט. סיי ווי איז שוין דער פֿרימאָרגן אַ געפּטרטער, איז כדאַי שוין פֿאַר איין וועגס צוצוגיין צו נאָך אַ לאַנדסמאַן, דער דורכפֿאַל זאָל נישט זיין אויף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט. מע דאַרף ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך, נישט אַרויסצוגיין נאַקעט פֿון דער שריפֿה...

מיט אַ שווער געמיט איז עמיל אַריין אין פֿערטן געשעפֿט. ס׳האָט אים באַגעגנט אַ פֿעסטגעבויטער מאַנצפּאַרשוין, אַ ביסל גראָלעך ביי די זייטן פּיאות, נאָר מיט נאָך אַ יונגן סימפּאַטישן אויסזען. אין אַ שלעכטן פּאָרטוגעזיש מיט אַ יידישן אַקצענט האָט יענער אים איילעך אַ פֿרעג געטאָן וואָס ער פֿאַרלאַנגט. עמיל האָט אויף ס׳ניי געמוזט איבערחזרן דעם צוועק פֿון זיין קומען אַהער, און אַז ער וויל חלילה גאָרנישט פֿון קיינעם. ער איז זיך נישט געקומען אָנלייגן אויף וועמענס פּלייצעס, חס־ושלום. ער וויל בלויז אַז די לאַנדסלייט זאָלן וויסן פֿון אים, ער זאָל דאָ האָבן געזעלשאַפֿט אַזוי ווי צווישן מענטשן. ער האָט אים דערציילט וועגן געשעפֿט און דעם האָניק־חודש מיט הכל־בכל.

דער באַלעבאָס האָט שוין איצט רויקער גענומען אויספֿרעגן וועגן טייך אַמאַזאָנאַס, וואָסערע פֿיש זענען דאָ אין דעם טייך? צי ס׳זענען דאָרט אויך דאָ לעבעדיקע קאַרפּן, אַזוי ווי אין סאַן־פּאַולאָ? עמיל האָט נישט באַוויזן צו ענטפֿערן אויף די אַלע פֿראַגעס ווי אין געשעפֿט איז אַריינגעפֿאַלן אַ קליינטשיק איינגעשרומפּן ווייבעלע, אָנגעטאָן אין אַן אָפּגעלאָזן פֿאַרשליאַכעט קליידל, צעריסן אַ ביסל אין דער זייט און זיך געגעבן אַ שטעל אַריין צווישן ביידע אין דער מיט ווי אַ וואַנט:

— וואָסידאָ ווידער? וועגן וואָס האַנדלט זיך עס? ווידער געלט? כסדר נאָר געלט? כסדר געב אַזוי ווי פֿון אַ מעלקעדיקער קו... שוין נישטאָ וואָס צו געבן... שוין אַלץ צעטיילט... דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן שוין צעטיילט פֿאַר אָרעמע לייט...

— לאהקע, זאָל שוין זיין געטוג מיט דיין מענה־לשון. קיינער וויל ביי דיר גאָרנישט צונעמען. אַלץ איז דיינס... דער מענטש קומט פון אַמאַזאָנאַס... דאָס איז זייער ווייט פון דאַנען, לאהקע, ווער רעדט פון געלט. ער איז אַ גאַסט, נישט קיין נעמיראָווער און נישט קיין געבּיראָווער. אַ גאַסט, געקומען אויפן האַניק־חודש מיט זיין יונג ווייבל...

— אַזוי גאָר! וואָס זשע האָסטו באַלד נישט געזאָגט? זייער גוט! פיין, פיין! — האָט זיך די יידענע צערעכט געמאַכט די האָר אויפן קאָפּ וואָס זענען איר געפאַלן אין די אויגן אַריין — און ווו איז אייער ווייב?

— זי איז געבליבן אין האָטעל.

— אין האָטעל גאָר? אַ יונגע פרוי אַליין אין האָטעל? ווער לאָזט עס איבער אַ פרוי אין האָטעל? — האָט דאָס ווייבל זיך אַ קניפּ געטאָן אין באַק, ווי ס׳וואָלט יעגער דאָרט אין האָטעל געווען געדראָט מי־יודע וואָסער סכנה.

— שרעקט זיך נישט — האָט עמיל פאַרשעמט אַ שמייכל געטאָן — ס׳מאַכט נישט אויס. מע וועט זי נישט אויפכאַפּן, זי איז נישט קיין מפּיל־קינד. ס׳איז אַ האָטעל פאַר פאַמיליעס, אַ פאַמיליאַרער האָטעל.

— אַזוי איז עפּעס אַנדערש.

גראָד דאָס פּרימיטיווע ווייבל האָט יאָ פאַרשטאַנען אַז מע דאַרף דאָס יונגע פּאָרפאָלק איינלאַדן. זי האָט טאַקע אָן צערעמאָניעס פאַרבעטן עמילן מיט זיין פרוי אויף אַ טיי אין אָוונט:

— איר וועט זיך פילן ווי ביי זיך אין דער היים. מיר זענען פּשוטע מענטשן, היימישע, אָן קונצן. מיר וויסן נישט פון קיין אָנשטעל פון די אַלע וואָס ווילן זיך מאַכן גרויס, ווי נאָר זיי דערפילן די פּאָר טאַלער אין דער קעשענע. מיר זענען אַזוי ווי מיר זענען. דאָס האָב איך און דאָס בין איך.

עמיל האָט באַטראַכט דאָס ווייבל. אין איר חושכדיקן הילוך האָט זי אויסגעזען ווי אַ שלעפּעריץ. ס׳האָט זיך אים שוין אָפּגע־

גלוסט צו ווערן איינגעלאַדן דורך ווענמען פון זיין טאַטנס לאַנדסלייט. ער האָט העפלעך אָפּגעדאַנקט פאַר דער גאַסטפריינדלעכקייט און מיט דעם איז ער אַוועק.

ווען עמיל איז אַריין אין האָטעל־צימער איז אים אַניטע אַנט־קעגנגעלאָפן, זי האָט פאַרוואָרפן אירע אויסגעוואַרעמטע הענט אַרום זיין האַלדז, גענומען אים קושן, אים אויסגעפרעגט וועגן זיין טאַטנס לאַנדסלייט:

— צו ווענמען זענען מיר היינט פאַרבעטן, טייערער?

עמיל האָט אַראָפּגעלאָזן זיין שיינעם העל בלאָנדן געלאָקטן קאָפּ. אַ פאַרביטערטער און אַנטוישטער האָט ער נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין און געשוויגן.

אַניטע האָט אָן איבערגעשראָקענע געמיינט, אַז מ׳האָט זיי אויס־געדונגען דאָס געשעפט, דערפאַר איז עמיל אַזוי דערשלאָגן.

— מילא — האָט זי אים אַ צעפלאָשע געטאָן דעם קאָפּ — וועט זיין אַן אַנדער געשעפט.

— ניין, אַניטע, נישט דאָס — האָט עמיל קוים אַרויסגעקריגן פון זיך אַ וואָרט — מיר זענען צו קיינעם נישט פאַרבעטן, טייערע. דו שטעלסט זיך פאַר אַזאַ זאַך? נישטאָ צו ווענמען צו רעדן. אַ מידבר. אַ פרעמדע וועלט און די מענטשן זענען ווי די שטיינער, אָן שום איינזען פאַרן צווייטן. לאָמיר בעסער נישט רעדן דערפון. לאָמיר שוין נעמען די פעקלעך און פאָרן...

דער ברודער מיט די געלאַטעטע הויזן

ווען עס האָט זיך געענדיקט די ערשטע וועלט־מלחמה, איז דאָלי אולעסקו געבליבן אַן מיטלען צום לעבן.

קיין גביר איז דאָלי פריִער אויך נישט געווען, אָבער אַז ער האָט געאַרבעט און פאַרדינט, כאָטש אַ באַשיידענעם לויך, איז אים געווען גוט. אָבער איצט, אַז מען האָט אים אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע, און די מערסטע פאַבריקן האָבן זיך פאַרמאַכט, האָט ער נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, צו וואָס זיך צו נעמען... פונקט איצט ווען זיין פרוי האָט פאַרשוואַנגערט... ווען זיין פאָטער איז פאַר־אָרעמט געוואָרן...

— הם! אַ מאָדנע איראָניע פון מיין שיקזאַל — האָט דאָלי אולעסקו אַ זאָג געטאָן ווי אין רוים אַריין, מיט אַ ביטערן שמייכל אויף זיינע ליפּן.

פיר יאָר צייט האָט ער זיך אַרומגעפּירט מיט קריינען, און מורא געהאַט מיט איר חתונה צו האָבן... טאָמער וועט ער זי נישט קענען אויסהאַלטן פון זיינע פאַרדינסטן. און אַז ער האָט שוין ענדלעך דעצידירט, איז פונקט פיר חדשים נאָך דער חתונה בלייבט ער אָן אַרבעט.

— נו טאַטע, בין איך נישט קיין שלימזל? — פרעגט ער ביים פאָטער.

— מען זאָגט אַז פּרנסה איז אין ווייבס מזל — רופט זיך אָן דאָליס מוטער, מיינענדיק אַז מיט דעם וועט זי אים טרייסטן.

— וואָס מיר ווייבס מזל, נאַרישקייטן, מאַמע!

— עס איז דאָ אײן אײזן־פאַבריק אין בוקאַרעסט, מוז זי בלײבן שטײן.

און דאַלי האָט זיך געזען שטײן פאַר אַ גרויסן פּראָבלעם. דער קריזיס אין לאַנד איז געווען גרויס, קײן אויסזיכטן צו קריגן אַרבעט זענען כמעט נישט געווען און ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. גאַנצע טעג איז ער אַרומגעלאָפן זוכן אַרבעט און ווער ער פלעגט פאַר נאַכט אַהײמקומען אַ פאַרמאַטערטער האָט ער אַפילו דעם ווײב זײנעם נישט דערצײלט ווי ער איז געווען. זײן ווײב האָט נישט געוווּסט אַז ער לויפט אַרום זוכן אַרבעט. ער האָט איר נישט דער־צײלט, אַז ער איז געבליבן אַרבעטסלאָז.

אין די אָוונטן פלעגט ער זיך אַרײנכאַפּן צו זײן טאַטן, זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ:

— וואָס טוט מען, טאַטע? איך בין שוין אויסגעווען ווי נאָר אַ פאַבריק, אומעטום דער זעלבער ענטפער, נישטאָ קײן אַרבעט.

עס איז געווען האַרבסט־צײט, די געלע בלעטער זענען טרוקענע אַראָפּגעפאַלן פון די הויכע טאָפּאָלן־בוימער, האָבן געטרעשטשעט אונטער דאַליס פיס. דאַלי האָט געשפּאַנט אויטאָמאַטיש און פאַר־טראַכט איבערן גרויסן שטאָטישן גאָרטן, ווי ער איז אַרײן זיך אָפּרוען און צוּוואַרטן ביז פאַר נאַכט. אַ מידער, אַ פאַרמאַטערטער, האָט ער זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ באַנק. נישט וועלנדיק אַהײמגײן פאַר דער צײט, כדי קרײנע זאָל נישט חושד זײן אַז ער אַרבעט נישט, האָט ער געוואַרט ביז דער שעה ווען עס פאַרמאַכן זיך די פאַבריקן.

זיצנדיק אויף דער באַנק האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן צו זיך אַלײן: „וואָס זאָל איך טאָן, מײן ווײב איז שוואַנגער, איך מוז דאָך עפּעס פאַרדינען, איך בין שוין אויסגעווען ווי אַ פאַבריק און קײן אַרבעט קריג איך נישט. איך וואָלט זיך גענומען צו וואָס פאַר אַן

אַרבעט עס זאָל נישט זיין, איך האָב שוין געזוכט צו זיין אַ געהילף אין אַ געשעפט, אָבער אומעטום ווו איך קום הער איך דעם זעלבן ענטפער: קיין אַרבעט איז נישטאָ, די אַרבעטער וואָס אַרבעטן נאָך האַלט מען אויך אין אָפּזאָגן, פון קיין נייע צונעמען איז נישטאָ קיין רייד. וואָס זשע זאָל איך פאַרט טאָן?"

אַזוי זיצנדיק איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק. ער האָט אַראָפּ־געלאָזט זיין קאָפּ אויף די האַנטפלאַכן, די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אויף די קניען און פעסט צוגעדריקט מיט די פינגער זיינע שלייפן; „עמיגרירן" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — „יאָ עמיגרירן, דאָס איז דער איינציקער אויסוועג"... „אָבער וווהין?... וווהין?" האָט ער געטראַכט.

און אַזוי זיצנדיק האָט ער זיך דערמאָנט אין בראַזיל. „יאָ! ער וועט פאָרן קיין בראַזיל!"...

דאַלי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק און איז אַרויס פונעם גאָרטן.

אַהיימקומענדיק האָט ער אַרומגענומען זיין פרוי, זי אַוועקגעזעצט אויף זיין שויס און צו איר גענומען רעדן:

— הער, קריינעלע, זאָלסט זיך נישט נעמען צום האַרצן, זאָלסט זיין רויק און זיך נישט אויפרעגן. איך בין אָן אַרבעט, די פאַבריק האָט זיך אָפּגעשטעלט, איך לויף שוין אַרום אַ שטיק צייט זוכן, אָבער קיין אַרבעט געפין איך נישט. איך האָב דיר נישט געוואָלט דערציילן כדי דיר נישט צו ערגערן, אָבער איצט מוז איך עס דיר זאָגן. קיין אויסזיכטן דאָ זענען נישטאָ. מיט יעדן טאָג ווערט שווערער און מיר מוזן עפּעס טאָן. האָב איך באַשלאָסן אַז איך מוז זיך מיט דיר דורכרעדן. איך האָב אַ פּלאַן. מיין פּלאַן איז עמיגרירן, מיר מוזן אַוועק־פאָרן אין אַ צווייט לאַנד זוכן ברויט, און טאַקע באַלד, וואָרטן איז נישטאָ אויף וואָס, שוין פיר וואָכן ווי מיר עסן פון דעם ביסל אָפּגע־שפּאָרטן געלט וואָס איך האָב אַוועקגעלייגט פאַר דער צייט, ווען אונדזער קינד דאַרף געבוירן ווערן. יאָ מיין טייערע, מיר וועלן מוזן

אַלץ פאַרקויפן, דאָס גאַנצע מעבל, און אפשר אויך דאָס ביסל זילבער וואָס מיר האָבן געקריגן צו דער חתונה.

קריינע האָט זיך צעוויינט, אַ פאַרצווייפלטע האָט זי גענומען כליפּען מיט אַ ביטער געוויין. קיין שום זאַך איז איר נישט געווען אַזאַ שאַד ווי דאָס ביסל זילבער וואָס זיי האָבן געקריגן צו דער חתונה. דאָס דאַרפן אויספאַרקויפן די שטובזאַכן האָט איר נאָך מער וויי געטאָן ווי דאָס דאַרפן אַוועקפאָרן. און וואָס זי האָט אַם מיינסטנס באַדויערט איז געווען די פּאָר זילבערנע לייכטער וואָס זי האָט באַקומען פון איר מאַמען.

— באַרויִק זיך, קריינע — האָט דאָלי ליבלעך געגלעט אירע האָר און נאָך פעסטער זי אַרומגענומען — אפשר וועט מען די לייכטער נישט דאַרפן פאַרקויפן, אפשר וועט אַן דעם סטייען, און טאָמער נישט, איז אויך פאַרפאַלן, וועסט זען, ס'וועט אונדז אין בראַזיל אַוועקגיין גוט, מיר וועלן פאַרדינען אַ סך געלט, וועל איך דיר קויפן אַנדערע לייכטער, שענערע נאָך ווי די.

ס'האָט זייער לאַנג געדויערט ביז קריינע האָט זיך באַרויִקט. דער נאָמען בראַזיל איז איר אויסגעקומען פרעמד. אַ לאַנד וואָס איז אַזוי וויַיט. עס האָט זיך איר אַזוי נישט געוואָלט פאַרלאָזן בוקאַרעסט, די פּרעכטיקע ראָמאַנטישע שטאָט, אירע גרינע גערטנער. עס האָט זיך איר אַזוי נישט געוואָלט דערווייטערן זיך פון אירע עלטערן, פון איר פאַמיליע. אַזעלכע מאָדנע געפילן האָט זי געהאַט ביים געדאַנק, אַז זי וועט דאַרפן אַוועקפאָרן קיין בראַזיל.

לאַנג האָט נאָך דאָלי מיט איר גערעדט, לאַנג אין איר נאָך אַריינ־געטענהט, איר דערציילט פון דעם וויַיטן לאַנד, אַלץ וואָס ער האָט געהערט רעדן וועגן בראַזיל.

— וועסט זען, קריינע, בראַזיל וועט דיר געפעלן, דו וועסט זיין צופרידן, מיין טייערע...

קריינע האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אויפ־צוגעבן אַלץ און אַוועקצופאָרן, ביז זי האָט זיך ענדלעך באַרויִקט,

איינגעשטימט צו פאָרן מיט איר מאַן קיין בראַזיל, זוכן ברויט אין אַ פרעמד לאַנד.

— וואָלט איך דיך נישט אַזוי ליב געהאַט, דאָלי — האָט קריינע שטיל כמעט שעפּטשענדיק געזאָגט — וואָלט איך נישט איבערגע־לאָזט מיין פאַמיליע, מיינע קרובים און אַוועקגעפאָרן.

ווען דאָלי אולעסקו איז געקומען קיין בראַזיל, האָט ער באַלד אַראָפּגייענדיק אין סענטאָסער פּאָרט, באַשלאָסן צו בלייבן דאָרט אַרבעטן.

שוין אויף דער שיף, האָט דאָלי אַ סך געטראַכט וועגן דעם. קיין געלט האָט ער מיט זיך נישט געפירט, פון וואָס צו לעבן, אפילו באַלד די ערשטע וואָכן, נישט געהאַט. און ווען ער זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט באַלד זיך אַנצושטעלן אַרבעטן אין פּאָרט, וואָלט דאָס געווען דער בעסטער אויסוועג.

ער האָט זיך אַריינגעצויגן אין אַ קליינעם פּענסיאָן, אויפגעפּאַקט דאָס ביסל זאַכן וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט און זיך אַוועקגעלאָזן מיט זיינס אַ לאַנדסמאַן זוכן אַרבעט אין פּאָרט.

✡

בוזי אולעסקו, דאָליס יינגערער ברודער, איז געווען אַ גרויסער עסטעט. אין קעגנזאַץ צו דאָלין איז ער געווען אַן אָפּגעהיטענער יונ־גערמאַן, אַ זעלטענער באַלעבאָס.

אין דער היים פלעגט מען בוזין רופן „פּעפּערנעזל". ער האָט ליב געהאַט צו גיין שיין פּאַרפּוצט, איז געווען אַ פּעדאַנט, און זיין פּינקט־לעכקייט איז דערגאַנגען ביז צו פּעדאַנטישקייט.

יעדע נאַכט, פאַרן שלאָפן גיין, פלעגט בוזי אויסטוענדיק זיינע הויזן זיי איינלייגן פּינקטלעך לויטן פאַרפּרעסטן קנייטש, זיי אַוועק־לייגן אונטערן מאַטראַץ אויפן שלאָפבאַנק און ווען ער פלעגט זיי אין דער פרי אָפּערנעמען, האָט ער גוט נאָכגעקוקט צי עס איז אויף זיי חלילה נישטאָ קיין קנייטשעלע.

זיין גאַנץ לעבן האָט בוזי געחלומט פון פאַרמאָגן אַ גאָלדענעם זייגער.

ווען ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן בראַזיל, וועגן זיין ברודער, האָט ער גלייך אָנגעהויבן צו פאַנטאַזירן. „מיין ברודער מוז אַוודאי זיין דאָרט רייך — האָט ער געטראַכט — ער ווייסט אַז איך חלום וועגן אַ גאָלדענעם זייגער, ער וועט מיר זיכער ביי מיין אָנקומען שענקען אַ מתנה, ער ווייסט דאָך, אַז דאָס איז מיין טרוים".

בוזי איז אויסגעוואַקסן אַ שיינער יונגערמאַן. ער איז געווען הויך און שלאַנק פון זיין בלאַסן פּנים האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר העלע, האַלב בלויע, האַלב גרויע אויגן.

בוזי פלעגט אַרומשפּאַצירן אין בוקאַרעסט, באַוווּנדערן די שיינע גרינע גערטנער, די פּרעכטיקע ראָמאַנטישע קופּאָלן. ער האָט ליב געהאַט בוקאַרעסט. די שטאָט האָט אים געבלענדט, באַפרידיקט זיין עסטעטישן געפיל. ער האָט ליב געהאַט די אַרכיטעקטור פון דער שטאָט. איבער אירע בריקן פלעגט ער ליב האָבן צו שפּאַנען און באַוווּנדערן די שיינקייט פונעם אָרום.

אָבער אַז אויך ער איז געבליבן אָן אַרבעט און אַז דער הונגער האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין טאַטנס טיר, האָט ער געמוזט נעמען טראַכטן וועגן עמיגרירן. צוויי און צוואַנציק יאָר איז ער שוין אַלט געווען און נאָך אַלץ געווען קינדיש, נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען פאַרחלומט.

— צופיל צעפּעשטשעט אים — פלעגט זיך די מוטער פאַרקלאָגן.

— מיין מיזיניק חלומט נאָך אַלץ פון אַ גאָלדענעם זייגער — האָט דער אַלטער אולעסקו געקרעכצט — גיי לאָז דאָס אַוועק אין אַזאַ וויטן וועג, אַזש קיין בראַזיל.

אָבער קיין עצה איז נישט געווען. דער קריזיס אין לאַנד איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שאַרפער. קריגן אַרבעט איז געוואָרן אוממעג־לעך. דעם אַלטן אולעסקו האָט געשניטן ביים האַרץ, אָבער ער האָט גאָרנישט געקענט טאָן, ער האָט געמוזט שלום מאַכן מיטן געדאַנק. גאַנצע נעכט האָט ער נישט געקענט שלאָפן, געטראַכט וועגן זיין מיזיניק מיט וועלכן ער וועט זיך מוזן שיידן. ער איז נישט געווען

דער איינציקער. די מלחמה האָט אַ סך פאַמיליע־לעבנס צעשטערט, אַ סך טאַטעס צעשיידט פון זייערע קינדער. דאָס איז געווען די איינציקע טרייסט זיינע.

אויסער דאָלין און בוזין האָט ער נאָך געהאַט צוויי טעכטער, צוויי מוידן חתונה צו מאַכן. וואָלט ער געהאַט די מינדסטע מעג־לעכקייטן צום לעבן, וואָלט ער זיינע זין נישט אַוועקגעלאָזט. אָבער ער האָט קיין אַנדערן אויסוועג נישט געהאַט. צום ערשט דאָלי, איצט מוז ער בוזין אויך לאָזן פאָרן זוכן ברויט.

— ווי און וויגד איז דער מאַמען — האָט די אַלטע פרומע פאַרבראָכן אירע הענט — צוויי זין אויסגעהאָדעוועט און איצט לאָז זיי אַליין אין דער וועלט אַריין.

פרומע, בוזיס מוטער, האָט טעג און נעכט נישט אויפגעהערט וויינען. זי האָט ס׳מיזיניקל אירס ליב געהאַט ס׳לעבן. נישט אויפ־געהערט רעדן פון אים.

— אַזאַ טייערער — האָט זי געטענהט — אַזאַ אָפּגעהיטענער, ער האָט דאָך מיר אין גאַנצן קיין אַרבעט נישט געגעבן! — די אַלטע פרומע האָט זיך נישט געקענט באַרויקן.

עס האָט איר געערגעט ביז גאָר, וואָס אויך איר צווייטער זון מוז נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין דער האַנט אַריין. זי האָט שוין נישט געקענט שלאָפן די נעכט. איבערגעטראַכט איבער דעם וואָס קאָן נאָך חלילה געשען. צי וועט ער זיך איינאָרדענען? צי וועט ער קריגן אַרבעט? צי וועט אים נישט אויסקומען אויך דאָרט זיך אַרומ־צודרייען און אונטערהונגערן ווי דאָ.

בוזי איז געשטאַנען און זיך איינגעהערט אין זיין מוטערס געוויין. ער האָט צאַרט זי אַרומגענומען און געגומען טרייסטן.

— וויין נישט מאַמע, וועסט זען ווי עס וועט גוט זיין. מיר וועלן שפּעטער אויך איך אַריבערנעמען קיין בראַזיל. דו זעסט דאָך אַז דאָ איז נישטאָ קיין צוקונפט. דאָלי איז אַהינגעפאָרן, זיך איינגעאָרדנט, איז שוין אַ טאַטע פון צוויי קינדער. איך פאָר שוין נישט אין גאַנצן אין דער פרעמד.

ר׳ הערש אולעסקו האָט פאַרקויפט אַביסל זילבער פון אַלטע צייטן און געקויפט אַ שיפסקאַרטע פאַר זיין מיזיניק. כאָטש ער האָט דאָס נישט געזאָגט האָט ער פון דעסט וועגן שוין געטראַכט פון דעם טאָג ווען אויך ער מיט זיין איבעריקן הויזגעזינד וועלן זיך אַריבערפעקלען קיין בראַזיל.

☆

פאַרנדיק אויף דער שיף האָט בוזי אין די שלאָפלאָזע נעכט גענומען זיך פאַרשטעלן דעם מאָמענט ווען ער וועט אַראָפּ פון שיף. ער האָט גענומען זיך אויסמאָלן ווי זיין ברודער דאָלי זעט איצט אויס. אַ גאַנצער לאָרד מסתמא, רייך געוואָרן אין דער דאָזיקער מדינה וווּ מען שאַרט גאָלד אין די גאַסן. נישט ווילנדיק איז אים נאָך אַ מאָל געקומען אויפן זכרון זיין טרוים פון האָבן אַ גאָלדענעם זייגער. זאָל זיין אַז דאָלי געדענקט דאָס נאָך. זאָל זיין אַז זיין ברודער וועט אים גלייך ביי דער שיף באַגעגענען מיט אָט דער מתנה, וואָס איז געווען זיין חלום דאָס גאַנצע לעבן.

ווען בוזי איז אַראָפּ פון שיף האָט זיך צו אים דערנענטערט אַ הויכער מאָגערער מאַן מיט אַ פון זון אָפּגעברענטן פנים. אָנגעטאָן אין אַן אָפּבלאַקירטער בלוזע און אַ פּאָר אויסגעוואַקסענע געלאַטעטע הויזן.

דאָס איז געווען זיין ברודער דאָלי.

ווען בוזי האָט אים דערזען איז אַ ציטער אַדורך זיין לייב. ער האָט זיינע אויגן נישט געגלויבט. ער איז רויט געוואָרן און זיך אַליין געפרעגט:

— גאָט מיינער! דאָס איז מיין ברודער... אָט דער מאַן מיט די געלאַטעטע הויזן... איז דאָס מעגלעך...

דאָלי האָט באַמערקט זיין ברודערס פאַרוווּנדערונג. ער האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן אויף די סיבות. ער האָט גוט געקענט בוזין, ער האָט געקענט זיין עמפינדלעכקייט, פלעגט מען אים דאָך רופן דער עסטעט.

זעענדיק ווי בוזי נעמט נישט אַראָפּ דעם בליק פון זיינע הויזן, האָט ער זיך גוטמוטיק צעשמייכלט:

— האָסט געמיינט, ברודערל, אַז אין בראַזיל שאַרט מען גאָלד אין די גאַסן...

אַ סך צייט האָט בוזי זיך נישט געקענט באַפרייען פון אָט דעם ערשטן איינדרוק. פאַר זיינע אויגן איז יאָרנלאַנג געשטאַנען אָט די וויזיע:

זיין ברודער מיט די געלאַטעטע הויזן...

מזל און שלימזל

(בילד פון אַמאָליקן יידישן פוילישן לעבן)

לייכט בויגזאַם ווי אַ יונגערמאַנטשיק, האָט פיניע שיין געגומען די שטיגן צו צוויי צו דריי, אונטערטאַנצנדיק, און אונטערזינגענדיק זיך אַ פריילעך ניגונדל. און די עלעגאַנטע ציכטיקע קאַפּאָטע זיינע, פון בעסטן שניט, האָט לייכט געקלאַפּט אין זיינע שטיוועלעך, גלאַנצנדיקע ווי אַ שפיגל.

אַ צעשטראַלטער, אַ גליקלעכער, האָט פיניע שיין זיך געטראָגן איבער זיינע הייזער אין וועלכע ס׳האָבן געוווינט דרייהונדערט פאַמיליעס.

און צווישן די דאָזיקע צאַלרייכע לאָקאַטאָרן האָט אויך געוווינט אַן אַלטע פרוי, וואָס האָט געהאַט צוויי און צוואַנציק קינדער. ווען די דאָזיקע פרוי פלעגט אַריינגיין צו אַ שכן, פלעגט זי מוזן אַ גנבע טאָן עפּעס עסן פאַר אירע קינדער, און אַז זי האָט נישט געפונען עפּעס גרעסערס, אָדער עפּעס מערער צוצונעמען, פלעגט זי כאַטש צוגנבנען עטלעכע שטיקלעך צעשניטענע הערינג, עס פאַרקוועטשן אין איר האַנט, אַז קיינער זאָל נישט זען, און אַרונטערבאַהאַלטן די צוזאַמענגעדריקטע פויסט הינטערן רוקן, דאַן איז זי שנעל פאַרשוווּנדן מיטן „גרויסן״ רויב...

איין הויף האָט פאַראייניקט צוויי הייזער. איינס אַ פירשטאָקיקס אין דער טיף פונעם הויף, ווו ס׳האָבן געוווינט אָרעמע מענטשן, וואָס האָבן געאָטעמט מיט אַ קאַרג ביסעלע לופט, וואָס ס׳האָט זיך צו זיי דערטראָגן פון איבער אַ הויכן מויער, וואָס האָט פאַרשטעלט זייערע

פענצטער, און זיי האָבן נישט געקאָנט זען די גאַס, און אויך נישט קיין מענטשן.

די ערשטע צייטן פון זייער וווינען אין דאָזיקן „הויז" פלעגן זיי זיך פאַרגעסן ביים אויפשטיין אין דער פרי, און צוגיין צום פענצטער אַ קוק טאָן אין דרויסן. פלעגט דער טויב שטומער מויער זיי דער־לאַנגען אין די אויגן, זענען זיי געבליבן ווי אָפּגענאַרט און פאַרשעמט און אַ ווייטיק־געפּיל פלעגט דריקן זייער ברוסט. פלעגן די דאָזיקע מענטשן זיך ראַפּטום אומקערן מיטן רוקן צו דער בלינדער וואַנט, און מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ נעמען שפּאַנען איבערן פּיראַיילעכן צימערל, וואָס איז איינצייטיק געווען אי דאָס שלאָפצימער, אי די קוך, ווי אויך דאָס עסצימער, און דער „וויזיטזאַל".

זיי האָבן זיך צוגעוווינט צו דער שטילקייט פונעם איינציקן צימער און צו דער בלינדער וואַנט, וואָס איז געווען די שולדיקע פון דער פינצטערניש וואָס האָט געהערשט אין אַלע צימערלעך. זיי איז ליכטיק געוואָרן אין מוח, און עס האָבן באַליכטן זייער נשמה די ביכער, וואָס זיי פלעגן לייענען אין די אָוונטן און אַפילו ביים עסן. אין די פרייע שעהן פון אַרבעט פלעגן זיי אָפּטאָן דעם בלינדן מויער און אַוועקגיין אין אַ גאָרטן, און דאָרטן איינאָטעמען פרישע לופט אין זייערע שוואַכע לונגען.

דאָס צווייטע הויז פיניעס איז באַשטאַנען פון דריי ריזיקע הויכע מויערן, צו פינף שטאָק יעדער מויער. זיי האָבן אויסגעזען ווי דריי באַזונדערע הייזער. און יעדע וווינונג איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן מיט אַ קיך, קאָרידאָר און אויך סאַניטאַרע איינריכטונגען, מיט פענצטער אַרויס אויפן הויף, דורך וועלכע פיניעס רייכע איינוווינער האָבן געקאָנט זען די הויף־„קאָנצערטן" וואָס פלעגן כמעט יעדן טאָג פאַרקומען פון די וואַרשעווער קלעזמער און קונצנמאַכער — וואָס די אָרעמע מענטשן פון קעגן בלינדן טויבשטומען מויער האָבן נישט געקאָנט זען. און דורך די פענצטער, וואָס זענען אַרויס אויף דער גאַס, האָבן אויך די רייכע איינוווינער פיניעס געקאָנט זען וואָס עס טוט זיך, וואָס ס'קומט פאָר אין דרויסן, און דורך די גרויסע

ברייטע פענצטער, איז געגנוג לופט געווען אין די גרויסע צימערן. איז דאָס נאָך ווינציק געווען פאַר די רייכע מענטשן — פלעגן זיי נאָך זומערצייט, יעדעס יאָר, אַרויספאָרן אין די וועלדער אויף דאַטשע, און דאָרטן איינאָפּן אין זייערע געזונטע לונגען די זשיוויצע.

אין פּיניעס הויף זענען געווען צוויי באַזונדערע וועלטן: אַ רייכער קלאַס, וואָס האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט און אַן אָרעמער, וואָס האָט זיך צוגעוווינט צום ענגן פינצטערן צימערל, און צו דעם קאַרגן גורל זיינעם...

יעדעס יאָר פּריילינגצייט פלעגן אויך קומען אין פּיניעס הויף צוויי יונגע קירזשנער, וואָס פלעגן מיטברענגען אַ גאַנצן קלאַפּער־געצייג פון דיקע פירקאַנטיקע ברעטער, און אַנדערע מכשירים. פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען קונצנמאַכער — פלעגן די דאָזיקע צוויי יונגע מענער פאַנאַנדערשטעלן פיר פּאָר סטאַלוגעס, אַרויפלייגן פון אויבן די דיקע פירקאַנטיקע ברעטער, און אַזוי אַרום פאָרמירן פּראָוויזאָרישע טישן.

שפּעטער האָבן זיי גענומען אַראָפּטראָגן פון די רייכע אַפּאַרטאַ־מענטן טייערע פוטערנע מאַנטלען, זיי אויסלייגן אויף די טישן, און נעמען אויסקלאַפּן פון זיי דעם שטויב.

אַ פריילעכער זשום פלעגט זיך גלייך פאַרשפּרייטן אין פּיניעס הויף פונעם ריטמישן געקלאַפּ פון די לאַנגע קיילעכדיקע הילצערנע שטעקעלעך, מיט וועלכע די צוויי יונגע מענער האָבן געקלאַפּט, אַז זיי האָבן אויסגעזען פּונקט ווי מאַגיקער און נישט ווי קירזשנער. צוליב זייער שנעלן באַוועגן עלאַסטיש מיט די בויגיקע שטעקעלעך.

ווען דאָס בייטשן די מאַנטלען האָט אויפגעהערט, האָבן די יונגע מענער אויסגעשיט אויף די פוטערס נאַפטאַלינע מיט פעפער, זיי איינגעוויקלט, ווי קינדער פאַרהילט פון קעלט, און זיי צוריקגעטראָגן אין די רייכע שטיבער. — אויך דעם דאָזיקן פריילעכן ספּעקטאַקל, האָבן די פון אונטערן בלינדן מויער נישט געזען. זיי האָבן אויך קיין פוטערנע מאַנטלען נישט געהאַט.

אין די פיר גרויסע און ברייטע מויערן, וואָס האָבן אויסגעזען

צו זיין פיר באַזונדערע הייזער, האָבן געוווינט דרייהונדערט פאַ־מיליעס. דאָס אַלץ האָט געהערט צו אים, צו פיניע שיין, ווייל די לאָקאַטאָרן זיינע האָט ער נישט געטאָרט אַרויסוואַרפן צוליב דעם לאָקאַטאָרן־שוץ, זענען זיי געווען זיין פּריוואַט־אייגנטום.

און דערצו נאָך דער גאַנצער לאַבירינט פון פענצטער, וואָס האָט זיך געצויגן אין סימעטרישע רייען פון אונטן ביז אַרויף אויפן פינפטן שטאָק, ווו ס׳זענען געווען די בוידעם־שטיבלעך. ביי נאַכט אין דער פינצטער האָט זיך געדאַכט, אַז פון די טונקל־בלאָע שויבן קוקן אַרויס עפּעס מאָדנע דעפאָרמירטע מאָנסטערס, און אָט אָט צעשפּאָרן זיי די פענצטער, גייען אַרויס פון זיי און באַפאַלן דיך...

אָט דאָס גאַנצע פאַרמעגן האָט געהערט צו אים, צום שיינעם פיניען. האָבן טאַקע זיינע סאַמעטענע אויגן געלויכטן ווי צוויי גרויסע ברילִיאַנטן, און זיין קאָפּ האָט געלאַכט אויף אים. דאָס גאַנצע פאַר־מעגן האָט פיניע געמאַכט פון קאָמאַשן־שטעפּעריי. צו אַלעם ערשטן אַ קליין פאַבריקל, מיט אַ גרויסן לאַבירינט פון טאָוול־פאַרמעס (מאָדעלן) מיט איין פאַסיקל, מיט צוויי, און מיט דריי פאַסיקלעך, און פאַרשידענע אויסשניטן זענען עס געווען אין די טאָוול־פאַרמעס. פיניע פלעגט זיך פאַרפּלאָנטערן אינעם דאָזיקן לאַבירינט פון די טאָוולען, וואָס פלעגן אָנשטאָט בילדער, באַצירן זיינע ווענט אַרום, נישט קענענדיק געפינען אַ טאָלק אין די פאַרשידענע נומערן און פאַרמעס. משונהדיקע איינפאַלן פון די מאָדעליסטן. ער פלעגט עס אַוועקגעבן זיין עלטערן זון דאָס אויסצוסאָרטירן.

אָבער פון דעם אָפּטן בייטן זיך פון די מאָדעלן, איז טאַקע פיניע רייך געוואָרן.

„נישט צוליב די נייע מאָדעלן איז פיניע רייך געוואָרן" — האָבן זיינע פאַך־קאָלעגן געזאָגט. „אַז מע האָט מזל ווערט מען רייך", האָבן זיי קאָמענטירט. „פאַר וואָס ווער איך נישט רייך?" האָט שמערקע געמיינט, און לייבטשע דאָס זעלבע, בערטשע און מיכל האָבן דאָס זעלבע צוגעגעבן: „ער שטייגט פון טאָג צו טאָג פיניע, און ביי אונדז וואַקסט דער דלות, מיר זענען אויך קאָמאַשנמאַכער,

שטעפער, נישט קיין ערגערע פון פיניען, און אויך נישט נארישער פון אים זענען מיר, טא פאר וואס ווערן מיר נישט רייך? מיר ווינען דאך נאך נעענטער צום צענטער שטאט ווי ער! טא פאר וואס גייט עס אונדז מיט דער פוטער אראפ?" האט געפרעגט ביי זיינע קאלעגן פונעם זעלבן פאך שמערקע דער ליטוואק. "נישט אנדערש, נאר דערפאר האט ער אנרייסעניש אויף באשטעלונגען, ווייל ער איז א שיינער", האבן פיניעס קאלעגן זיך גענומען וויצלען.

"אז מען האט מזל, גייט עס ווי אויף רעדלעך" האט שמערקע דער ליטוואק צוגעגעבן... איז טאקע פיניע ממש געפלויגן ווי א יונגערמאנטשיק איבער זיינע שטיגן, א צעשטראלטער, א גליקלעכער.

"ווער איז גלייך צו מיר, ביילע", פלעגט ער פרעגן ביי זיין פרוי, "וואס פעלט מיר?" — בין איך דען נישט פארזארגט אויף מיין גאנץ לעבן?" "אפילו אויף קינדס־קינדער ביסטו שוין פארזארגט, מיין מאן", האט זיין פרוי ביילע געענטפערט. "אויף אזא פארמעגן צו מאכן פון קאמאשעריי, דאס וואלט איך זיך קיין מאל אין מיין לעבן נישט פארגעשטעלט", האט פיניע א צופרידענער צוגעגעבן מיט א שמייכל אויף זיינע ליפן.

פון פיניעס זין און טעכטער, האט זיך דער עלטערער ארויס־געריסן פון טאטנס רשות. מען האט אים אין שטוב גערופן דער "פראנט", ווייל ער פלעגט זיך זייער עלעגאנט אנטאן, און שטארק זיך פוצן. אין שטוב האט מען א לאנגע צייט נישט געוווסט, אז העניק, וואס האט דער ערשטער אראפגעווארפן די לאנגע קאפאטע, האט א געליבטע — און אז ער גייט אין שלעכטע וועגן. ווען דער דאזיקער פראנט האט ארונטערגענומען זיין יידיש היטעלע און די לאנגע קאפאטע און אנגעהויבן עסן חזיר־פלייש, און ער איז אוועק פון זיינע פיינע עלטערנס הויז, פארלאזן און אויך פארראטן זיין פרומען טאטן — איז פיניע זייער ערנסט קראנק געווארן, ווייל ער האט זיך שטארק גענומען צום הארצן, זיך געשעמט פאר זיינע פריינד, פאר זיינע פאכקאלעגן, און די הויפטזאך פאר זיינע חסידים, צו וועמען עס איז אויך אנגעקומען די נייעס פון מויל צו מויל, און

יעדער איינער האָט זיך געשושקעט אונטער פּיניעס פּלייצעס, און ער, פּיניע, האָט עס באַמערקט, און מורא געקריגן אַז צום גערער רבין זאָל די נייעס נישט אָנקומען...

פּיניע האָט זיך אַזוי שטאַרק גענומען צום האַרצן, ביז ער האָט באַקומען אַ מוח־אָנצינדונג און געשטאָרבן. די קאַלטע ערד האָט פאַרשלונגען פּיניעס קערפּער.

מיט ר׳ פּיניעס טויט האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערע טרויעריקע צייט אין דער יוסטער באַלעבאַטישער וווינונג פון דער רייכער פאַמיליע שיין, וואָס איז לאַנגע יאָרן געווען איינגעפונדעוועט אין יידישן שטאָטטייל פון אַמאַליקן וואַרשע. מיט דער נגידישער שטוב האָט געטראָפן דאָס זעלבע וואָס מיט אַ גרויסער שיף אויף די אָפענע ים־וואַסערן ווען דער קאַפּיטאַן שטאַרבט פּלוצים אַוועק און די שיף בלייבט אַליין אויפן צעשטורעמטן ים.

די אלמנה, ביילע שיין, איז געווען אַ קלוגע און ענערגישע פרוי, וואָס האָט זיך אויסגעטויגט אין לעבן, און קיין שום זאַך אין שטוב איז נישט געטאָן געוואָרן אָן איר וויסן און הסכמה. זי האָט קאָמאַנ־דעוועט מיט אַלעם, איבערגעשטעלט דאָס מעבל פון צייט צו צייט, צוגענומען נייע דינסטן, געטוישט די פוירהאַנגען און גאַרדינען איבער די פענצטער פון עסצימער און סאַלאָן. דער אומגעריכטער טויט אָבער פון איר מאַן האָט זי אַראָפּגעזעצט, אַנטמוטיקט, צו־גענומען ביי איר דעם קוראַזש און זי פאַרעלטערט אויף נישט צום דערקענען, אַז דאָס זאָל האָבן געווען דער זעלבער מענטש...

ביילע שיין האָט גוט געקענט אירע קינדער. זי האָט זיי נישט איבערגעשאַצט ווי ס׳רוב מאַמעס טוען עס, וואָס שרייבן צו זייערע קינדער מעלות, וואָס זיי האָבן קיין מאָל נישט פאַרמאָגט. אירע זין האָט זי געהאַלטן פאַר אומפאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן, לייכטזיניקע, נערוועזע מיט שיטערע פינגער, וואָס קאָנען נישט איינהאַלטן דעם גראָשן. אַזעלכע קינדער קאָן מען קיין געשעפטן נישט געטרויען. דאָס בעסטע געשעפט קאָנען זיי צעטרענצלען איבער נאַכט. זי האָט דעריבער באַשלאָסן איבערצוגעבן דעם רודער אין די הענט פון איר

עלטסטער טאָכטער — שאָשקעלען, זי זאָל אָנפירן און פאַרוואַלטן מיט די הייזער, וואָס זענען געבליבן ירושה פונעם טאַטן. די אלמנה,ביילע שיין, האָט געוווסט אַז די עלטסטע טאָכטער וועט זיך בעסער קאָנען אַן עצה געבן מיט די לאָקאַטאָרן. אַזוי זענען זיי גאַנץ פיינע מענטשן, נאָר אַז ס׳קומט צום צאָלן ס׳דירה־געלט קומט עס אָן מיט דער גרינער גאַל ביז מע זעט פון זיי אַרויס די פּאָר גרייצערס. איר שאָשקע וועט זיך טאָקע בעסער אויסטויגן צו זיי ווי אירע צעבאַלעוועטע זינדלעך, וואָס האָבן שטענדיק ליב צו קומען צום גרייטן.

איר טאָכטער, שאָשקעלע, איז נישט געווען קיין שרייענדיקע שיינקייט, וואָס פאַררייסט דעם אַרום מיט די געפאַרבטע באַקן און ליאַלקעדיק־געשמינקטע ליפּן. זי איז געווען באַשיידן און סימפּאַטיש און אינטעליגענט. ווי איר טאַטע, ער זאָל זיין אָפּגעשיידט, איז זי געווען הויך און שלאַנק און אַרויסגערופן צו זיך דרך־ארץ, ווי יעדע פאַרנעמע דאַמע פון דער בעסערער געזעלשאַפט. זי איז געווען אַ רירעווודיקע און צאַרטע מיט איידעלע מאַניערן און אין דער זעלבער צייט אַן ענערגישע און שטרענגע. זי האָט באַזיצט געגוג טאַקט און איבערגערעכנטקייט אָנצופירן מיט דער אַדמיניסטראַציע פון די הייזער וואָס דער טאַטע אירער, ר׳ פיניע שיין, האָט געפירט ביי זיין לעבן.

מיט איר נישט־פּרעטענציעזקייט און אוממיטלבאַרקייט פלעגט שאָשקעלע ממש צווינגען יעדן איינעם, וואָס איז געקומען מיט איר אין געשעפטלעכן קאָנטאַקט, זיך צו באַנעמען מיט איר מיטן גרעסטן אָפּשיי, אַט אַזוי ווי מע באַנעמט זיך מיט אַ פּריצישער טאָכטער. זי פלעגט טראָגן דעם קאָפּ אין דער הייך, נאָר נישט פאַרריסן. דאָס שטענדיקע גרויסמוטיקע שמייכעלע אויף אירע פולע ליפּן האָט געוויזן אויף גוטסקייט, אָבער נישט אויף קיין צופיל צוגעלאָזנקייט. די דאָזיקע אַלע אייגנשאַפטן, וואָס זי האָט זיי צום מייִנסטן געירשנט פון טאַטן, האָבן איר פאַרלייכטערט די אַרבעט און נישט פאַרשאַפט

קיין איבעריקע קלאַפּאַטן ביים איינמאָנען דאָס געלט פון די לאָקאַ־טאָרן יעדן ערשטן און פופצנטן פון חודש.

יעדעס מאָל, ווען די ברונעטקע, שאַשקע שיין, האָט זיך באַוויזן צווישן מענטשן — אויף אַן אויפנאַמע צווישן חברטעס, אין יידישן טעאַטער אויף אַ בעסערער פאָרשטעלונג, צי סתם אַזוי אין גאַס — אומעטום האָט זי זיך אויסגעצייכנט מער פון אַנדערע מיט איר טונקל־אָוואַל פון פנים, מיט אירע שיין געפלעגטע שמאָלע הענט מיט די לאַנגע פינגער און ראָז לאַקירטע נעגל, וואָס די וואָרשעווער פּאַניענקעס האָבן אַזוי שטאַרק געהיט. מיט איר דיסטינגירטער האַלטונג האָט זי צוגעצויגן צו זיך מער די עלטערע מענער, וואָס האָבן זיך גוט געפילט אין איר געזעלשאַפט, ווי די יונגע קאַוואַלירן, וואָס האָבן גיכער געזוכט דעם זאָרגלאָזן בליק און אָפענעם שמייכל פון די יונגע מיידעלעך צו קאָנען מאַכן מיט זיי אַ פריילעכן לייכטן פלירט און גאָר נישט מער.

ברונעטע פרויען זענען ס׳רוב אויפריכטיקע און ערנסטע מענטשן. אויך שאַשקע שיין איז געווען פון דעם טיפּ פרויען וואָס מע קאָן זיי אַזוי גרינג נישט געווינען, מיט עפּעס דאָרט אַ שיינעם וויץ צי גלייכ־ווערטל. דערצו איז זי געווען געוואָגט און אַנטשלאָסן און געקאָנט יענעם לאָזן שטיין מיט אַן אָפן מויל אויב ער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּטשעפּן מיט גוטן, פאַרשטייט זיך, ווען יענער איז איר נישט איבעריק געפעלן. דאָס איז אויך געווען אַ שטער צו שליסן גיכע און אָפטערע באַקאַנטשאַפטן מיט מענער, אַז זי זאָל פון די אַלע קאָנען בלייבן מיט איינעם, מיט אַ באַשערטן. אין יעדן אַנדערן פאַל, ווען זי האָט עפּעס אונטערגענומען, האָט זי עס געמוזט דורכפירן. אויף איר דינאַמישן אופן האָט זי באַזייטיקט אַלע שוועריקייטן, וואָס זי האָט אָנגעטראָפן אין וועג, און אירס האָט זי פאַר יעדן פרייז געמוזט דערגרייכן, ווי שווער ס׳זאָל איר נישט האָבן אָנגעקומען. בלויז ביי מענער איז זי שטענדיק אַרויס די פאַרשפּילטע. עפּעס האָבן זיי זיך אַלע ווי אַרויסגעגליטשט פון אירע הענט אין דער סאַמע לעצטער מינוט, ווען מ׳האָט געמיינט אַז ס׳איז שוין אָט־אָט

נאָענט צום מיצווה־טענצל, צום ברעכן טעלער, און ווינטשן מזל־טוב...

מיט די פירעכצער אירע איז די שוואַרצחנעוודיקע שאָשקע געווען דער פולער קאָנטראַסט צו די שוועסטערן אירע און אויך צו אירע אַלע ברידער וואָס האָבן זיך געלאָזט ווילגיין מיט מיידלעך וויפל ס׳האַרץ האָט נאָר געגלוסט. זי איז טאַקע מיט איר צוריק־געהאַלטנקייט געווען אַן אויסנאַם פון דער גאַנצער שטוב.

נישט געקוקט אויף די אַלע מעלות, וואָס שאָשקעלע האָט פאַר־מאָגט, האָט זי פון דעסטוועגן נישט געהאַט קיין שטיקל מזל צו אַ לייטיש יינגל. פון איר לאַנגן קלייבן און איבערקלייבן איז זי געבליבן זיצן ביז די דרייסיקער. איר ייִנגערע שוועסטער, בראָנקע, „די גראָבע זאַך", ווי מ׳האָט זי גערופן אין שטוב, האָט אַ סך פריִער פאַר שאָשקען חתונה־געהאַט מיט אַ ברייטפּלייציקן שטאַלטנעם בחור, אַ גרויסן פאַרדינער, כאָטש זי אַליין, בראָנקע, איז געווען וויט פון צו זיין אַ שיינע. ס׳האָט איר אויך נישט געשאַדט וואָס זי איז געווען אַן אָפּגעלאָזענע, נישט אַזאַ פּינקטלעכע און אָפּגעהיטע, ווי איר שוועסטער שאָשקע, וואָס אַלץ האָט פון איר אַראָפּגעבלאַנקט און אַראָפּגעשיינט.

בראָנקע האָט וויניקער געזאָרגט וועגן זיך, וועגן איר אויסזען און אָנטאָן. דאָך האָט זי גיכער אָפּגעזוכט איר זיווג. ווען איר מאַן זעליק פלעגט אַהיימקומען נאָך דער אַרבעט אין שטוב, פלעגט ער זי טרעפן אין אַ קליידל, וואָס אַ לייטישע פרוי וואָלט עס אַפילו נישט גענומען אין דער האַנט אַריין, אַן אָפּגעטראָגנס, פאַרטשאַמפּעט ביי די זייטן. זי האָט אויסגעזען דעריין ווי אַן אָרעם דינסטמיידל אין דער קיך ביים קאָכן און רוימען. זעליקן אָבער האָט עס נישט געאַרט. ער האָט עס אַפילו נישט באַמערקט. זי איז אים אַזוי אויך געפעלן. אַלץ איינס, וואָס זי זאָל נישט טראָגן אויף זיך, האָט ער זי ליב געהאַט. איבעריקנס איז ער שטענדיק געווען פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן און ס׳איז אים נישט אָנגעגאַנגען אין וואָסערע שטעטער זיין ווייב קליידט זיך... אַבי זי גרייט אים צו דאָס מיטאָג צו דער צייט און ער דאַרף נישט באַלאַמוטשען קיין איבעריקע מינוט אין שטוב.

אין מינוטן, ווען שאַשקעלע איז געווען אַליין אין שטוב און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס אַרויס — מערסטנטייל אין אַ רעגנדיקן טאָג ווען ס׳איז אַן עבירה אַרויסצולאָזן אַפילו אַ הונט אין דרויסן אַרויס — האָט זי זיך דערמאַנט וואָס דער טאַטע אירער פלעגט דערציילן וועגן מענטש און זיין מזל, אַז נאָך איידער דער מענטש ווערט געבוירן איז שוין אויבן אין הימל אָנגעצייכנט און באַשטימט זיין מזל, זיין גורל. האָט דער מענטש אַ גוט מזל פאַלט ער אַראָפּ פון הימל אויף אַ גאָלדן בעטל. ווערט ער געבוירן, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, אַן מזל — פאַלט ער אַראָפּ אויף אַן אייזערן בעטל. איז טאַקע איר שוועסטער, די גראָבע בראַנקע, געפאַלן אויף אַ גאָלדן בעטל, כאָטש זי איז געווען אַ שווערע און דאָס גאָלדענע בעטל האָט זיך געקאָנט איינ־ברעכן... און זי, שאַשקע, די שיינע און געראָטענע, וואָס איז געווען ביים טאַטן דאָס אויג אין קאָפּ, איז באַשערט געווען צו פאַלן אויפן אייזערן בעטל. איז איר טאַקע אַלע יאָרן האַרט געווען צו ליגן אויף איר אַלטמיידלשן געלעגער אירס, אויפן אייזערן בעטל.

ווען ס׳האָט זיך שוין ענדלעך אָפּגעפונען אַ קלוגער ליטוואַק, וואָס האָט זיך שוין יאָ דערקענט אויף שאַשקען און געזען מיט זיינע קלוגע ליטווישע אויגן אירע מעלות פון אַ גוטער פרנסה־געבערין און נאָך בעסערער באַלעבאָסטע, וואָס וועט קאָנען פירן אַ שטוב כיד־המלך, נעמט ער, דער ליטוואַק, אין אַ קורצער צייט נאָך זייער חתונה, און שטאַרבט אַוועק צווישן אַ יאָ און אַ ניין. אַזאַ צו להכעיס האָט נאָר געקאָנט טאָן אַ ליטוואַק, וואָס האָט נישט געהאַט קיין רחמנות אויף אירע יונגע יאָרן און זי געלאָזט אַ וויסטע אלמנה, און ווידער איז זי געבליבן ביי דער מאַמען אין שטוב, אָן אַ מאַן.

ווען די שיינע שאַשקע האָט נאָכן טאַטנס טויט איבערגענומען דעם רודער אין אירע הענט, האָט שוין אין שטאָט געהערשט אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט און דער קריזיס האָט שוין געהאַט אַרומ־געכאַפּט די גאַנצע באַפעלקערונג ווי אַ פייער, אַ שריפה, וואָס ס׳איז נישטאָ מיט וואָס זי צו לעשן. אויך די לאָקאַטאָרן פון ר׳ פיניעס

הייזער זענען מיט דער צייט פאַראַרעמט געוואָרן. דער קריזיס האָט קיינעם נישט געמיטן. זיי זענען אין גרעסטן טייל געווען אַרבעט־מענטשן און אומפאַרמעגלעכע הענדלער. נאָכן פאַרלירן די אַרבעט־פּלעצער, די פאַרשידענע פּאָסטנס, האָבן זיי מער נישט געהאַט פון וואַנען צו צאָלן דירה־געלט, און לויטן נייעם געזעץ פון לאָקאַטאָרן־שוץ האָט מען זיי נישט געקאָנט רירן פון אָרט. מ׳האָט זיי מער נישט געקאָנט אַרויסוואַרפן פון דער דירה. און וויפל שאַשקעלע האָט נישט איינגעטענהט מיט זיי און געגעבן צו פאַרשטיין אַז ביי איר אין שטוב זענען אויך דאָ לעבעדיקע מענטשן, וואָס ווילן עסן און האָבן נישט עפּעס אַנדערש פון וואָס צו האָבן צו לעבן, ווי נאָר פונעם דירה־געלט, וואָס דאַרף באַשפּייזן די גאַנצע פאַמיליע, — האָט עס געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. זי האָט גאָרנישט פון זיי געקאָנט אַרויסקריגן. זיי האָבן זיך אַלע געדעקט מיטן לאָקאַטאָרן־שוץ־געזעץ און נישט געוואָלט צאָלן קיין גראָשן. דערצו זענען אונ־טערגעקומען די פאַרגרעסערטע שטייערן, וואָס די רעגירונג האָט אַרויפגעלייגט אויף אומבאַוועגלעכע גיטער און הייזער, וואָס האָט די רעשט דערדריקט און געווען אַ צולאָג צו די צרות — און די פאַמיליע שיין האָט אָנגעהויבן דערפילן אויף דער אייגענער הויט וואָס אַ מאָל שאַרפער דעם שווערן דרוק פונעם קריזיס, וואָס האָט זיי אַרומגענומען ווי אַן אייזערנע רייף פון וואַנען מע קאָן נישט מער אַרויס.

די מוטיקע שאַשקע, די גרויסע בריה, וואָס האָט זיך אויס־געטויגט אין אַלע צייטן, האָט געקעמפט מיט די לעצטע כוחות אויף צו דערהאַלטן דעם רודער אין אירע הענט, אַז די מאַמע אירע זאָל אויף די עלטערע יאָרן נישט ליידן קיין נויט, אַז אירע שוועסטער און ברידער זאָלן האָבן דאָס ביסל מיטאָג און זיך נישט דאַרפן לייגן מיט קיין ליידיקן מאָגן. אָבער ביסלעכווייז האָט זי גענומען נאָכלאָזן. דער כוח אירער אין די הענט — האָט זי געפילט — ווערט איר מיט יעדן טאָג שוואַכער. וויפל מ׳האָט נישט איינגעצויגן דעם פּאַסיק האָט עס נישט געהאָלפן. אין שטוב איז שוין דאָס שטיקל ברויט

נישט געווען אַזאַ אָפּטער גאַסט. די באַלעבאַטישע שטוב פון דער איינגעפונדעוועטער פאַמיליע שיין האָט געגומען זינקען, ווי אַ שיף אויף צעשטורעמטע וואַסערן, וואָס איז געבליבן אין קריטישן מאָמענט אָן דעם קאַפּיטאַן — אָט־אָט און זי וועט גיין צו גרונט מיט איר גאַנצן איינגעאָרדנטן קאָמפאָרט, מיט אַלע אירע פּאַסאַזשירן און מאַטראָסן.

ווען פיניע שיין האָט אין אַזאַ מעמד איבערגעלאָזן זיין משפחה — האָט די סיטואַציע געראַטעוועט שאָשקע. איצט איז נישט געווען ווער עס זאָל ראַטעווען. עס איז אויך שוין נישט געווען וואָס צו ראַטעווען.

אַזאַ מזל.

מיין פעטער דוד

(דערמאָנונג)

מיט שטילע דריבנע טריטעלעך האָט מיין פעטער דוד געשפּאַנט איבערן ריזיקן און ציכטיקן צימער — ווו עס איז אין לאַנגן שוואַרצן קאַסטן געלעגן זיין אַכצן־יאָריקער זון — וואָס ער איז ווי זיינע אַנדערע קינדער פּריצייטיק פאַרשניטן געוואָרן פון דער וועלט איידער זיי האָבן באַוויזן צו געניסן עטוואָס פונעם לעבן.

די ליכט האָבן געציטערט, געצאַפּלט שטילענקערהייט, ווי מיין פעטערס טאַטע־האַרץ. אינערלעך שטיל האָט ער געוויינט.

די הויכע שמאָלע סילועט פון מיין פעטער דוד האָט זיך בולט אָפּגעצייכנט אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט, און איז אים נאָכגעגאַנגען מיט טריט און ווי אַ שאָטן רייצנדיק זיך מיט אים:

— גאָט גיט דיר שיינע זין, לאָזט זיי אויסוואַקסן געראָטענע, אַז די גאַנצע וועלט באַוווּנדערט זייער שיינקייט — און אַלע וואָס זעען זיי פאַרגינען נישט אַזעלכע געראָטענע געזונטע קינדער; אָבער שפּעטער, ווען זיי וואַקסן אויס גרויס און הויך ווי טאָפּאָלן, נעמט ער זיי ביי דיר צו.

שטיל און באַשיידן ביז גאָר איז געווען מיין פעטער דוד, וואָס פלעגט שטענדיק זיך גריבלען אין מעדיצינישע ביכער. דעריבער פלעגט מען אים רופן אין שטעטל „קאַרסקעלע דאָקטער”. ער איז געווען שיין, אימפּאָזאַנט, איידל און גוט — גרענעצלאָז געדולדיק פלעגט מיין פעטער דוד אַ סך גוטס טאָן. פאַר קראַנקע אין שטעטל פלעגט ער געבן רפואות — און מיט וואָס נאָר ער פלעגט קענען מיט זיינע באַשיידענע מיטלען העלפן — נויטבאַדערפטיקע, אָן

אונטערשייד פון גלויבן. און זיך פלעגט ער שטענדיק לאָזן אויף צום לעצט. ער פלעגט ווי אַ הייליקער אָפּפאַסטן די טעג, און שטיל ווי אַ טייבעלע זיך באַוועגן. אַלץ וואָס אַ צווייטער פלעגט טאָן, פלעגט מיין פעטער באַרעכטיקן.

ווי אַ הייליקער פלעגט מיין פעטער דוד קוים טועם זיין אַ ביסל געקאָכטע פאַררייסטע קאַרטאָפל, וואָס זיין ווייב פלעגט אים יעדן טאָג געבן צום „עסן" דאָס זעלבע... מיין פעטער דוד פלעגט עס אָננעמען פאַר ליב. ער פלעגט זיך קיין מאָל נישט קלאָגן, נישט פּראָטעסטירן, נישט בעטן בעסער עסן, אַלץ איז רעכט געווען פאַר אים, און זיין פרוי פלעגט ער ווי יעדן איינעם באַהאַנדלען מיט דער גרעסטער איידלקייט. אַ מיסטעריעז שמייכעלע האָט ער תמיד גע־טראָגן אויף זיינע געשניצטע ליפּן, און עס פלעגט זיך אויסדאַכטן, אַז דאָס שמייכלט ער ספּעציעל, ווייל ער וויל קיינעם נישט אָנשטעקן מיט זיין פּיין, מיט זיין טרויער און צער. ער פלעגט זאָגן:

אפשר דאַרף עס אַזוי זיין, אפשר בין איך דאָס ווערט ביי גאָט?

אָבער איצט אַז ס'איז געפאַלן ביים פעטער דוד זיין זעקסטער זון — וואָס ער איז געווען שיין ווי די וועלט, געראָטן און געזונט ביז זיין לעצטער מינוט — איז מיין פעטער דוד אַרומגעגאַנגען לייכט ווי אַ פעדער, קוים באַרירנדיק דעם פאָל. און כדי קיינעם נישט באַאומרויִקן און נישט מאַכן אַ צווייטן ליידן האָט מיין פעטער דוד אונטערגעהוסט און אויסגעצערט געוואָרן און ס'איז אים נישט געווען צום דערקענען. ער האָט אויך געהאַט עגמת־נפש, וואָס גראָד דער זון, וואָס איז אים געבליבן לעבן, האָט אים קיין נחת פאַרשאַפט. ער, וואָס איז, ווי זיין טאַטע דוד, געווען אַ גוטער, איידל און פיין, ער איז געוואָרן אַ קאָמוניסט, פאַרפעסטעט געוואָרן פון זיין שלעכטער עגאָיִסטישער פרוי, וואָס איז געווען אַ פאַרברענטע קאָמוניסטקע. האָט מיין פעטער דוד דערפון שטאַרק געליטן. אָבער קיינער האָט פון זיינע ליידן נישט געוווּסט, ער האָט עס געהאַלטן אויפן „דנאָ" פון זיין האַרצן.

ווען מיין פעטער דוד האָט געהאַט געלט, פלעגט ער עס אַוועק־

געבן זיינע פריינד און באַקאַנטע. עס פלעגט זיך אים דאַכטן — אַז זיי דאַרפן עס נויטיקער ווי ער אַליין, און אַלץ וואָס ער האָט געהאַט און געקאָנט פלעגט ער צעטיילן. און די דאָזיקע פרוי זיין „שניר" איז געווען ווי אַ לעכערדיקער זאַק, וואָס ער האָט איר געגעבן איז אַלץ ווייניק געווען. זי איז געווען אַן אומדאַנקבאַרע, פויל ווי אַ קאַץ.

און ווען מיין פעטער דוד איז קראַנק און אַלט געוואָרן, איז ער געבליבן אָן מיטלען צום לעבן. אַלץ וואָס ער האָט געהאַט פאַרהאָרעוועט ווען ער איז יונגער געווען, האָט ער אַוועקגעגעבן זיין „גוטער שניר", און איצט ווען ער האָט זיך געניייטיקט אין הילף — איז ער אַ פאַרשמאַכטער געלעגן אין אוממאַכט. און די דאָזיקע פרוי האָט אים צוגעוואָרפן אַ נישטיק ביינדל, פונקט ווי קיין מענטשלעך האַרץ וואָלט אין איר נישט געקלאַפּט.

ווען מיין פעטער איז ייִנגער געווען, איז ער געווען זייער אַקטיוו אויפן קולטורעלן געביט. ער איז געווען איינער פון די ערשטע גרינדער פון די סאַמע וויכטיקסטע אינסטיטוציעס אין סאַן־פּאַולאָ. געגעני ווי ביי אים אין זיין פּויליש שטעטל, אַזוי אויך אין בראַזיל האָט ער געהאַט אַ סך פריינד, וואָס האָבן געוווסט אים אָפּצושאַצן און רעספּעקטירן. ער איז געווען זייער באַליבט ביי אַלע, וואָס האָבן אים געקאָנט פאַר זיין איידלקייט און זייער אַ סך טאַקט וואָס ער האָט פאַרמאָגט, באַדענקנדיק זיך גוט צום ערשט, איידער ער האָט שטילינקערהייט אַרויסגעזאָגט עפּעס.

אָבער ווען מיין פעטער איז אָרעם געוואָרן, האָבן אַלע זיינע פריינד אים אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן. מיין פעטער דוד האָט געשוויגן, אָבער נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי מע קען דאָס פאַרלאָזן אַ פריינד וואָס מע האָט אים ליב און מע רעספּעקטירט אים, און מע ווייסט אַז דער דאָזיקער מענטש האָט אַזוי פיל גוטס געטאָן. האָט מיין פעטער דוד צוליב זיין גוטסקייט און נאַיִוויטעט געגלויבט, אַז זיינע פריינד זענען פאַרנומען און שטאַרק באַשעפטיקט, און אַז זיי האָבן קיין צייט נישט צו אים צו קומען. אַלע זיינע פריינד האָבן פאַרגעסן אין זיין אָפּפערוויליקייט.

און ווען מיין פעטער דוד איז קראַנק געוואָרן און האָט זיך זייער געגויטיקט אין אַ גוטן פריינד, וואָס זאָל אים אויסשטרעקן אַ האַנט אין זיינע לעצטע קריטישע מינוטן, איז ער געבליבן ליגן איינער אַליין אויף זיין געלעגער און געפרעגט:

— ווו זענען מיינע אַלע פריינד אַהינגעקומען? — האָט ער אַ פאַרצווייפלטער ביטער געטרויערט. — איך בין געווען דער גרינדער פון „לינת הצדק״, איינער פון די ערשטע גרינדער. ווו זענען מיינע פריינד, וואָס האָבן מיך אַזוי ליב געהאַט און פאַרערט, ווו זענען זיי?

מען האָט מיין פעטער דודן אַוועקגעפירט אין אַ שפיטאָל און דאָרט האָט ער איינער אַליין אויסגעהויכט זיין נשמה, זיין טייערע און גוטע נשמה.

דוד מיליאַן איז זיין נאָמען געווען.

א י י נ ז אַ ם

דער איינציקער דיסאָנאַנס צו משהלעס אַלע מעלות, צו זיין שטילקייט און באַשיידנקייט, זענען געווען זיינע דיקלעכע זינלעכע ליפּן, וואָס זענען געווען אַ שטאַרקער קאָנטראַסט צו זיין שעמעוודיקייט, צו זיין רויִקייט, צו זיין גאַנצן צאַרטן וועזן, ווי ער וואָלט עס געוועבט געווען פון די סאַמע דינסטע פעדים, ווי זיין טאַטע דוד איז געווען. און אויך שיין איז משהלע געווען ווי די וועלט, שיינע האָר, און דינע איידעלע הענט.

האָבן טאָקע די רייכע שטעטלשע טעכטער זיך געליבט אין משהלען, און יעדע איינע פון די דאָזיקע קראָסאַוויצעס האָט געוואָלט משהלען פאַר אַ מאַן. זיי פלעגן קומען צו זיינע עלטערן אין שטוב, זיך וועלן ממש וואַרפן אין זיינע אָרעמס.

משהלע האָט עס אָבער נישט געוווּסט, נישט געזען, און נישט פאַרשטאַנען...

משהלע האָט געהאָלפן זיין טאַטן און נישט באַקומען דערפאַר באַצאָלט, נאָר געהאַט זיין אָנטאָן, אַ פיינעם אַנצוג, אַ פאָר געמזענע ווייכע שיך, ווי זיין טאַטע דוד האָט געטראָגן, וואָס האָבן געבלישטשעט ווי אַ שפּיגל, און שטענדיק אַ ווייס ציכטיק העמד, אויף וועלכן מע האָט קיין מאָל קיין שום פליאַמקעלע נישט געזען, פּונקט ווי ס׳וואָלט קיין מאָל נישט שמוציק געווען. ביי זיין מאַמען פלעגט קיין מאָל קיין קלייד נישט שמוציק ווערן, און זי פלעגט קיין פאַרטעך נישט טראָגן. וואַשן פלעגט זי אַליין די וועש, און ביים קאָכן גיין אָנגעטאָן אין אַ זיידן קלייד אַפילו, מיטן זעלבן וואָס זי פלעגט

גיין אין גאַס, און אַפילו ביים וואַשן די וועש, פלעגט זי נישט דער־לאָזן, אַז עס זאָל אויף איר קלייד אַ שפּריצעלע טאָן. פלעגן זיך אירע פּלימעניצעס חידושן: ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך נישט איינצושמוצן דאָס קלייד, אַפילו ביים קאָכן און וואַשן דעם פאַל?

— אַז ווען איך ריר זיך נאָר צו צו דער קוך — האָט איר פּלימעניצע געשטויגט — פאַרפלעק איך גלייך מיין קלייד, און איך מוז שטענדיק טראָגן אַ פאַרטעך, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מיין מאַמע איז, ווי די טאַנטע, געווען אַ ציכטיקייט, און זי פלעגט זאָגן, אַז איך בין געראָטן אין דיר, טאַנטע, אָדער אין איר אַליין, אין מיין מאַמען, און דאָך שמוץ איך זיך איין ביים אויוון, ביים קאָכן.

— אַזאַ נאַטורזאַך — האָט משהלעס מאַמע געענטפערט — אַז דו וועסט זיין פאַרזיכטיק, וועסטו זיך נישט איינשמוצן, וועלן קיין פלעקן אויף דיין קלייד נישט פאַלן.

פון וואָס זשע זענען משהלעס ליפּן רויט געווען, אַז ער האָט זיך דערנערט נאָר מיט קאַרטאָפל צוגערייכטע מיט אַ ציבעלקעלע, דאָס איז געווען דאָס טאָג־טעגלעכע עסן פון דער פאַמיליע פיין, און בלויז פון צייט צו צייט, איז געווען אין שטוב אַ שטיקל שעפּסנפלייש...

די רייכע שיינע טעכטער פונעם שטעטל האָבן אָבער דאָס נישט געוווּסט. זיי האָבן געמיינט, אַז די פאַמיליע פיין איז נישט אַזוי אָרעם, ווייל זיי טוען זיך דאָך אַזוי שיין אָן, ווייל זיי טראָגן געמזענע בלישטשענדיקע פאַנטאָפלעס, און שניי־ווייסע העמדער, און אַזעלכע שיינע און גאָר גוט אויפגענייטע אַנציגער. מוזן זיי דאָך קיין אָרעמע לייט נישט זיין.

איבערהויפּט איז משהלע מיט זיין טאַטן זייער רעספּעקטירט געווען אין שטעטל. מע האָט די פאַמיליע פיין געהאַלטן פאַר אַ מוסטער־פאַמיליע, פאַר שטילע באַשיידענע מענטשן, וואָס האָבן קיין מאָל זיך נישט געקריגט. אַן אידיליש לעבן האָט געהערשט אין דער דאָזיקער פאַמיליע, ווו עס האָט זיך קיין מאָל קיין הויך וואָרט נישט געהערט.

בײם טײַך, װאָס האָט זיך גערופן „קאַפּנקע", האָט משהלע גע־שפּונען זײַנע חלומות. דער דאָזיקער טײַך איז געװען די אײנציקע אַטראַקציע אין זײַן לעבן. אױף צו באָדן זיך האָט ער קײן געלט נישט געדאַרפט, — און פאָרן אײַנאָטעמען די פרישע פײַכטע שמעקענדיקע לופט האָט ער אױך נישט באַדאַרפט באַצאָלן. פלעגט משהלע נישט פאַרפעלן קײן אײן טאָג זיך צו באָדן אין דער קאַפּנקע אין װעלכער ער איז ממש געװען פאַרליבט. עס האָט אים אַהין געצױגן װי אַ מאַגנעט.

משה איז געװען דער זיבעטער זון בײַ זײַן טאַטן. פינף פון זײַנע ברידער זענען שױן געװען אױף יענער װעלט. עס איז נאָך געװען אַן אײן און אײנציק שװעסטערל — איז זי אױך צו פופצן יאָר געשטאָרבן. איז נאָר געבליבן משהלע, און דער עלטסטער ברודער זײַנער, װאָס איז געװען װײַט אין בראַזיל, און האָט ערשט איצט געשיקט שיפסקאַרטן פאַר זײַן טאַטע־מאַמע, און אױך פאַר זײַן ברודער משהלען.

זײער שװער איז משהלען אָנגעקומען זיך צו שײדן מיטן שטעטל, און דער עיקר: מיט זײַן אומשײדבאַרן פרײַנד, מיטן טײַערן טײַך, מיט דער „קאַפּנקע".

משהלע האָט זיך דערפילט אײנזאַם אין אַ פרעמד לאַנד, און דערצו נאָך צװײ פאַמיליעס אין אײן צימער. ער, װאָס איז צוגעװױנט געװען צו גראַמקײט און צו דער פרײער לופט, האָט שטאַרק געגומען בענקען נאָך דעם שטעטל, נאָך זײַנע פרײַנד, נאָך דער שמעקענדיקער לאָנקע, נאָך דער „קאַפּנקע" מיט דער װאַסערמיל, און ער האָט זיך מער קײן אָרט נישט געקענט געפינען.

זײַן עלטסטער ברודער איז געגאַנגען װױנען מיט אַן עגאָיסטי־שער פרוי, װאָס האָט נאָר געטראַכט װעגן איר טואַלעט.

משה האָט זיך צוגעקוקט צום שפּיל פון דער דאָזיקער פרוי, װאָס האָט אױף אַ לײכטזיניקן אופן פאַרלאָזן איר ערשטן מאַן, װײַל ער האָט נישט געקאָנט גוט פאַרדינען, און זי האָט אָנגעצױגן זײַן ברודער װײַל ער איז געװען רײַכער פאַר איר ערשטן מאַן.

די דאָזיקע פאַלשע שפּיל פאַר מאַטעריעלע אינטערעסן פון אַ פּרוי, האָט משהן ווי געטאָן און איינצייטיק געעקלט. ער, וואָס איז געווען אַזאַ גרויסער מאָראַליסט, האָט עס נישט געקאָנט איבערטראָגן, נישט געקאָנט עס צוקוקן וווינענדיק צוזאַמען מיט זיי. האָט דעריבער משה געבעטן זיין ברודער, ער זאָל אים אויסבאָרגן געלט, ווייל ער וויל אַוועקפאָרן קיין אַרגענטינע, און ער וועט אַרבעטן און פאַר־דינען, וועט ער אים אומקערן דעם באַטרעף. האָט משהלע געטענהט צו זיין ברודער.

ווען משהלע איז געקומען קיין אַרגענטינע, איז אים דאָס לאַנד גראָד געפעלן געוואָרן און ער האָט שוין אויף שטענדיק דאָרט געוואָלט בלייבן.

ווען ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע, האָט די מאַמע זייער געבנומען בענקען נאָך אים, אויך דער טאַטע ר׳ דוד האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען אָן זיין זון, אָן זיין משהלען, וואָס ער איז געווען ביי זיי פּונקט ווי אַ צירונג אין שטוב. אַזאַ טייער קינד, ווי משהלע איז צו זוכן, אַ שטילע טויב, איידל און שיין ווי די וועלט.

האָט די מאַמע פאַרטראַכט אַז זי וועט אים שרייבן אַז דער טאַטע איז זייער שטאַרק קראַנק, און ער וויל, אַז משהלע זאָל קומען אים זען פאַר זיין טויט, מע מוז דאָך אים אָפּנאַרן. ווען משהלע האָט באַקומען דעם בריוו, האָט זיך אים נישט געוואָלט צוריק פאָרן, אין קיין שום פאַל נישט קיין בראַזיל. האָט ער דורך אַ בריוו צו זיינס אַ קוזינע געפרעגט אויב ס׳איז אמת, אָבער ער האָט קיין ענטפער נישט באַקומען. זיין קוזינע האָט קיין כוח געהאַט צו ענטפערן, איז משהלע געוואָרן אומרויִק, און געהאַט שטאַרק אויפן געוויסן „וואָס הייסט, מיין טאַטע האַלט ביים שטאַרבן, און ער וויל מיך זען פאַרן טויט, זאָל איך נישט טאָן זיין לעצטן פאַרלאַנג? וועל איך דאָך קענען שפּעטער צוריקפאָרן... עס איז נישט אַזוי ווייט, און איצט ווייס איך שוין צו געפינען אַרבעט, און קען שוין פאַרדינען״.

ווען משהלע איז צוריקגעקומען קיין בראַזיל, צו זיין עלטסטן

ברודער, צו הערשן, ביי וועמען עס האָבן געוווינט זיין טאַטע־מאַמע, האָט משהלע גלייך דערפילט דעם סם פון זיין שוועגערין, איר אומבאַגרענעצטן עגאָיזם, אירע טיפע דעקאָלטן, זי זאָל רייצן זיין טייערן איינציקן ברודער הערשן. דאָס האָט דעם צוריקגעקומענעם ווי געטאָן ביז גאָר, ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. ער איז אַ ביסעלע בייז געווען אויף זיין מאַמע, וואָס האָט אים אָפּגע־נאַרט, אַז זיין טאַטע איז שווער קראַנק און וויל אים זען, אַז ער משהלע זאָל צוריק קומען פון אַרגענטינע. ער האָט געזען ווי זיין מאַמע רחל האָט געקאָכט, געראַמט, געוואַשן די וועש און געפּרעסט. און זיין שוועגערין האָט זיין מאַמען גאָרנישט געוואָלט העלפן...

האָט משהלע אָנגעהויבן באַזונדער עסן אַליין אין דער קיך, ער זאָל זיין שוועגערין נישט זען. משה האָט געליטן הונגער, נישט געקאָנט אַרבעטן. צוליב דער פאַרביטערונג, וואָס האָט גענאָגט זיין ברוסט, פלעגט ער פאַרשווינדן פון שטוב, אויסגיין קילאָמעטער אַ טאָג, און אַהיימקומען שפּעט ביי נאַכט, ווען זיין שוועגערין פלעגט שוין שלאָפן, אַבי ער זאָל זי נישט זען. ס'איז אים געווען ביטער זיין לעבן, ער האָט נישט געקאָנט מער אַרבעטן, ער האָט פאַרלוירן דעם גאַנצן מוט צום לעבן, מער נישט געקאָנט צוריקפאָרן קיין אַרגענטינע, געשפּאַנט איבער די סאַן־פּאַולער גאַסן, העט ווייט, ביז די פאַרשטעט.

אַ פאַרביטערטער, פלעגט זיין טאַטע שטיל קרעכצן, און זיין מאַמע פלעגט ביטער וויינען גאַנצע נעכט, און שטיל ווי די טויבן פלעגן זיי זאָגן: „וואָס פאַר אַן אומגליק האָט אונדז געטראָפן? וואָס טוט מען?" זיי האָבן געפרעגט ביי הערשן, וואָס האָט געענטפערט אַז מען מוז אים אָוועקפירן אין אַ סאַנאַטאָריע.

אַזוי איז עס געווען. משהלע האָט נישט געשטעלט קיין ווידער־שטאַנד, זיך געלאָזט אינטערנירן, אַריין מיט אַ ווייס העמד און קראַ־וואַט און בלאָען אַנצוג און מיט גלאַנציקע שיך און זאָקן. ער איז דאָרט אָפּגעוועזן יאָרן, אַ שטילע טויב. ביי אים פלעגן די שכנים

צוגנבנען זיינע שיך, זיין אַנטועכץ, זיינע שטעקשיך. פלעגט דער איידעלער משהלע אַרומגיין אַ באַרוועסער, ווייל וואָס זיין ברודער פלעגט אים אַוועקטראָגן, האָבן די אַנדערע צוגענומען. אים אַריינ־געבן אין אַ פּריוואַטער סאַנאַטאָריע האָט מען באַדאַרפט אַ פאַרמעגן.
זיינע עלטערן זענען טויט געוועזן שוין יאָרן, שפּעטער איז יונג געשטאָרבן זיין ברודער הערש פון אַ האַרצשלאַג. עס איז געבליבן די „שוועגערין", זי פלעגט אים, הגם זייער זעלטן, אַוועקטראָגן אַ פּאָר שטעקשיך, אַ פּיזשאַמע, האָבן די אָרעמע שלעכטע קראַנקע צוגעגנבעט אַלץ ביי משהלען. אויך זי איז געשטאָרבן.
שפּעטער איז אויך משהלע דאָרט אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט, געשטאָרבן צווישן פרעמדע, קיין שום פאַמיליע איז נישט געווען ביי זיין באַגראָבן אים. די שטילע איידעלע טויב, איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט איינער אַליין.

דער פֿאַרשער

עלעגיע אויפֿן טויט פֿון פּראָפֿ׳ א. אַ. ראָבאַק

אַט פֿאַלט ער אַ מידער אַוועק שוין, דער פֿאַרשער,
פֿאַרמאַטערט דער דענקער. זיין זינען דאָך וואַך.
געבענטשט, געפֿאָרשט צו דערקענען די וואָר שוין
פֿון חלום, באַוווסטזיין... ס׳איז אַלץ נאָך פֿאַרמאַכט.

געפֿאָרשט די פֿאָנעטיק, פֿאָלקלאָר, אידיאָמאַטיק
און פּסיכאָ־דינאַמיק פֿון יידישער שפּראַך.
דער גאון פֿון יידיש, דער ייד חכם־עתיק
פֿאַרליבט אינעם לשון וואָס ווערט נאָך פֿאַראַכט.

סעמאַנטיק, לינגוויסטיק און עטימאָלאָגיע,
אַ ווערטל, אַן אויסדרוק, אַ זאָג — אַלץ ווייסט ער.
פֿון אַנדערע שפּראַכן ער ברענגט אַנאַלאָגיעס,
דערגראָבט זיך צו קוואַלן, ער זוכט אַלץ און נישטערט.

געפֿינט־אויס די ערטער, דעם אָפּשטאַם פֿון ווערטער,
אַ תּיקון דעם יידישן לשון ער גיט.
דער מאַמין אין יידיש — פֿון אומעטום הערט ער
וואָס תּיקון... דערשטיקן! אַ פֿליק טאָן! אַ שניט!...

געמיינט האָט דער ריז, אַז ער וועט אַזוי קענען
פֿון אייביק ביז אייביק דערהאַלטן די פֿאָן.
ער שרייבט מיר: „געגרירט כ׳בין פֿון אייער פּאָעמע,
נאָר גלייבט מיר, איך האַלט אַז איך הייב ערשט איצט אָן...

איך קלער נאָך אַרויסגעבן ביכער אַ טוץ און
אין ליד זעט איר אַלצדינג צו־טונקל, צו־שוואַרץ...
איך האָף, די עלעגיע וועט איר נאָך נישט נוצן,
כאָטש, אמת, איך פיל אָפט דעם ווייטיק אין האַרץ.

דאָס בוך גיט אַרויס... איך וועל קויפן צוויי ביכער..."
אַזוי שרייבט מיר ראַבאַק נישט לאַנג פאַר זיין טויט.
געווען פאַרביטחונט, געווען אַזוי זיכער
באַזיגן וועט ער אויך דעם טויט, ווי די נויט.

די קלאַגרייד, עלעגיע בלחש איך לייען
איצט איבער זיין אָפענעם קבר, דאָרט ווייט.
איך זע די מלווים פאַראָבלטע גייען
און ער, אין זיין שטומקייט, מיר דאַכט זיך, ער שרייט...

מיסטעריעזע הענט

מיסטעריעזע הענט
האָבן היינט פאַר נאַכט
דעם הימל אויסגעקערט
מיט צונטער־רויטן פייער...

מיסטעריעזע הענט
האָבן היינט פאַר נאַכט
סנאָפּעס שטרוי מיט זאַנגען
אויסגעבונדן, אָנגעצונדן...

מיסטעריעזע הענט
האָבן היינט פאַר נאַכט
אין הימל אויסגעשטעלט
ברענענדיקע סנאָפּעס שטרוי...

מיסטעריעזע הענט
האָבן היינט פאַר נאַכט
דעם הימל אויסגעקערט
מיט פּורפּור־רויטן פייער.

באַריר נישט

באַריר נישט, איך בעט דיך,
די ווונד אין מיין ברוסט.
זעסט נישט, ווי טיף
טראַומאַטיש זי איז?

זעסט נישט ווי רויט שוין
עס איז איר אַרום?
זע, ווי ס'זענעןֹ,
די יסורים אַזוי שטום.

זעסט נישט, ווי ס'זילבערט
אַ טרער אין מיין אויג?
זע, ווי ס'גליווערט,
אויף אייביק שוין דאָרט.

באַריר זשע נישט, כ'בעט דיך,
די ווונד אין מיין ברוסט!
זעסט דאָך, ווי טיף טראַומאַטיש,
און אומהיילבאַר זי איז...

תפילה

ריר זיך נישט צו
צו דער ווונד אין מיין ברוסט!
ס׳גייט מיר נישט איין
מער דאָס לעבן, די לוסט.

כ׳זע נישט צו מאָל
דאָך קיין אויסוועג צום שטאַנד.
מיט איטלעכן טאָג
ווערט אַלץ דיקער די וואַנט.

האָט טאַקע די פּיין
נישט קיין גרענעץ, קיין סוף?
דער אויסלייז מוז זיין
נאָר דער אייביקער שלאָף?

אין אויג בריט אַ טרער,
הער, ווי ס׳ציטערט מיין קול!
איך האָב דאָ נישט ווער
וואָס זאָל

מיך קאָנען פאַרשטיין,
אַז אַרום מיר איז פּוסט...
אָ, ריר זיך נישט צו
צו דער ווונד אין מיין ברוסט!...

מיר האָט זיך געחלומט...

מיר האָט זיך געחלומט
דאָס טונקעלע וואַסער אין טאָל.
די כוואַליעס — דערצאָרנט און בייז —
יאָגן ווי ערגעץ אַוועק.

איך זע מיט אַ מאָל
מיין לאַנגע פיגור אויפן ברעג,
ביים ראַנד פון פאַרלאָפענע טעג.

די נאַכט פאַלט צו מיט געבעט צו מיינע פיס
און דער הימל אין שוואַרצן
פאַרוואָלקנט זיך איבער מיין קאָפּ.

די שטילקייט טרעט אָפּ
פון מיר מיסטעריעז
מיט שאָרכלאָזע באָרוועסע טריט.

און ס׳טוען די ביימער אַ פאַל
אַרונטער ווי אונטערגעזעגט
אין וואַסערפאַל מיט אַ געפּליעסק.

באַלד וואַקלט זיך מויער נאָך מויער,
ווענט נעמען קרעכצן און קראַכן,
און ס׳גיבן אַ פאַל,
ווי די ביימער,
די הייזער
אין טאָל.

אייל זיך, מיין חלום

אייל זיך, מיין חלום, ס׳איז שפּעט.
לייג שוין נישט אָפּ מער אויף שפּעטער.
ס׳פאַלן פון בוים שוין די בלעטער,
און כ׳וואַרט נאָך אַלץ — גאָט! — אויף דיין גלעט.

אייל זיך, ס׳ווערט שפּעטלעך, מיין טרוים!
די זון אויף מיין וועג גייט באַלד אונטער.
איך זע אירע פלאַמען, ווי צונטער,
לעקן דעם שטאַם שוין פון בוים.

אייל זיך, מיין חלום! דער ווינט
וואַרפט מיר אין פּנים די בלעטער...
ס׳לעבן אָן דיר איז ווי בלינד.

אייל זיך, מיין חלום, אַצינד
קאָן איך נאָך טאָן הויך אַ קלעטער
איידער דער זונפלאַם פאַרשווינדט.

אויפן באַרג

דער הויכער שפּיציקער באַרג
שטאַרט איינזאַם פאַרגרויט אויפן אינדזל
דאָרט אויבן האָב איך זיך דערזען
און געוואָרן אין גאַנצן געריונצלט.

איך שטיי אויפן באַרג דאָרט אַליין,
די נאַכט אַרום מיר אין טומאַנען.
דער הימל הענגט איבער מיין קאָפּ
און כ׳קאָן זיך אין זיך נישט דערמאָנען

ווי בין איך געקומען אַרויף?
ווי וועל איך פון באַרגהייך אַרונטער?
אונטן אין טאָל שפּאַנט דער טויט
פייערדיק, פריילעך און מונטער.

איך זע ווי ס׳ברויזט זיך דער טייך
מיט פלייצכוואַליעס פאַרביקע בונטע.
דער טויט גייט אום מיט אַ שטורקאַץ,
אַ הויז נאָך אַ הויז צינדט ער אונטער.

איך הער דעם געפּליעסק און געבראַזג
פון פייער מיט וואַסער צעהוליעט.
איך פאַל צו צום גרויזאַמען באַרג
און בלייב אין זיין גרויקייט פאַרטוליעט.

מעפּיסטאָ

אויף אַלע שליאַכן כ׳האָב געהערט,
מעפּיסטאָ, דיין דעמאָניש לאַכן.
און געפילט ווי ס׳וואָלט די ערד
אונטער מיר גענומען קראַכן

דו האָסט זיך געשטעלט — אַ לץ —
קעגן גאָט און מענטש, מעפּיסטאָ.
און געהאַפּט, דו ווערסט צום לעצט
מאַכן אונדזער וועלטל פינצטער.

האָסט מיין לעבן אויסגעקרומט
אויסגעלאַכט און אויסגעשפּאָטיקט.
מיינע שוועסטער — ריין און פרום
האָסט מיט מיסט און בלוט פאַרבלאָטיקט,

אויסגעטאָן זיי נאַקעט, הויל
בליי אונטער די פיס געגאָסן.
ווי, כ׳האָב צוגעזען דעם גרויל
וויט, אין איינזאַמקייט פאַרשלאָסן.

ס ע נ ט ע נ ץ

ווי אַ בוימבלאַט אין מאַרגנווינט
האָט אין מיר געפלאַטערט די אַנגסט...
כ׳בין געשטאַנעןביים בעט פון מיין קינד
מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם
נישט צו שטערן אים זיין שלאָף.

זיין קייכנדיקער הוסט,
וואָס האָט געזעגט אין זיין ברוסט,
האָט איבערגעריסן די שטילקייט
פון יענער פיינפולער נאַכט.
דער אומגעזעענער פויגל „סעים פים"
אָן אַ פון וואַנען און אָן אַ וווהין
וואָס נעסטיקט געהיים,
ווו ס׳הויערן קראַנקע
אויף טובערקולאָז,
האָט אונטערן פענצטער
געסיקעט אָן אויפהער
זיין ניגון אין ענדלאָזן טרויער!
— סעים — פים!.. סעים — פים!..*)

די פעכשוואַרצע קראָ
איז אויך דאָ
געקומען צו גאַסט,
ווער ווייס איר אינטענץ,

---

*) אָן אַ סוף

נאָך וואָס ?
צי אויסקראַקען איר מיטגעפיל,
צי גאָר איר אייגענעם ווייטיק ?
אויף די בלינדע סאַווע
מיט אירע גרויסע קײַלעכיקע אויגן
וואָס זענען זעעוודיק נאָר ביי נאַכט
האָט זיך באַוויזן,
ווי אַ שלעכטע בשורה
אין דער נאַכטיקער שויב.

און איך בין אַלץ געשטאַנען
ביים בעטל פון מיין קינד —
בלינד און טויב
צו אַלצדינג אַרום —
און ווי אַ בוימבלאַט אין פרימאָרגן־ווינט
געפלאַטערט האָט אין מיר די אַנגסט,
געהאַמערט האָט אין מוח
דעם געהיימנישפולן פויגלס סענטענץ ;
— סעים — פים ! סעים — פים !..

איך זע דיך, מאַמע

איך זע דיך, מאַמע טייערע, נאָך אַלץ
אַ לעבעדיקע, ליכטיק קלאָר און דייטלעך.
גייסט אָנגעטאָן אַזוי ווי צו אַ וואַלס
מיט דיינע בלאָנדע אָנדולירטע שייטלעך.

דו שטייסטביים שבת־טיש באַלויכטן העל,
דער שבת שפילט ביי דיר אַ גרויסע ראָלע.
אַט וואַרט די גראַע וואָך שוין אויף דער שוועל
דער טאַטע זאָל שוין מאַכן גיך הבדלה.

כ׳געדענק נאָך היינט ווי דו האָסט פול מיט פרייד
געפּראַוועט גרויסאַרטיק מלווה־מלכה׳ס.
אין ווינטערצייט, ווען ס׳האָט אין הויף געשנייט,
אַרומגערינגלט כ׳בין געוועזן מיט רוסאַלקעס.

ביים הויכן לאַנגן טיש — כ׳געדענק ווי היינט
כאָטש נישט געבליבן איז שוין מער קיין צייכן —
געזעסן זענען ברידער, שוועסטער, פריינד.
כ׳פלעג מיטן נעזל קוים צום ראַנדטיש גרייכן.

צום נאָז, אוי מאַמע, טוט נאָך היינט אַ שלאָג
דער ריח פון די ווינטער־האָבערגריצן
מיט פּיעטרושקע און מייערן פאַרבראָקט...
ביז שפּעט ביי נאַכט מע פלעגט ביים טיש פאַרזיצן.

איך זע ווי איצט, דו ברענגסט אַריין די גאַנדז
אַן אויסגעברוינטע, אין אויוון אָנגעבראָטן.
מיט דיינע לייכטע טריט דו גייסט ווי אין אַ טאַנץ
און הינטער דיר טאַנצט נאָך דיין דינער שאָטן.

און כאַנקע, מאַניעס חברטע, מיט איר סאָפּראַן
זינגט אויס פאַרבענקט אַ יידיש ליבעלידל,
און יאַנקל האָט געטאָן אַ כאַפּ אַראָפּ פון וואַנט
זיין פידעלע, זיין סטראַדיוואַריוס־פידל.

און ס׳יונגוואַרג האָט זיך שפּעט ביי נאַכט געלאָזט
פון פערטן שטאָק — אויף אַ שפּאַציר געלאָסן,
אַרומגעכאַפּט געוואָרן מ׳איז פון פראָסט
וואָס האָט געטאַנצט אין וואַרשע אויף די גאַסן.

כ׳וועל קיין מאָל מער נישט פילן אָט דאָס גליק,
אָט די סימפּאַניע פון די יונגע יאָרן.
אויך דו וועסט, מאַמע, זיך נישט אומקערן צוריק,
וועסט בלייבן לעבן בלויז אין מיין זיכרון.

אַרויסגעלויכט

מיין פריינד אברהם ברענער,
דעם שרייבער־קאָלעגע

אַרויסגעלויכט האָט ער,
און ליכטיק זיך צעשיינט,
ווי די זון אין מזרח —
מיין שפּאָגל נייער פריינד.

אַ געלייטערטער, אַ ריינער,
אַ נשמה ציכטיקער, אַזאַ פיינער,
און אַן אמת־זאָגער, איינער
ווי היינט צו טאָג איז קיינער.

ער גלייבט אין מענטשן,
ער טוט זיי נאָר בענטשן,
אַז זיי זענען אויך ווי ער —
אַזעלכע ערלעכע מענטשן...

איז עס גאָר געמאָלט?
אין היינטיקע צייטן,
אַזאַ געטרייער פריינד —
ווי אַמאָל פאַרצייטן?

איז עס קיין מיראַזש?
חלום איך באַשיידן?
וועט ער מיך אַנטוישן?
וועט ער פריינד פאַרבלייבן?

איצט זענען שוין פאַרשוווּנדן
אַלע ווונדן מיין,
אַוועק די נאָסטאַלגיעס,
פון אומעט, בענקשאַפט, פיין.

אַוועק אַלע קאָשמאַרן,
וואָס פלעגן מיין ברוסט,
אַזוי אימהדיק צעשפּאַרן —
איצט טוט קיין זאַך מיך אַרן...

זאָג מיר נאַר

זאָג מיר נאַר, דו חלום מײַנער,
ציניקער לץ, דו אײנער!
וואָס האָסטו געדאַרפט אַ
פּרעלודיע מיר פאַרשפּילן?

פון פייער און וואַסער,
פון אַנגסט און פּײַן,
אַז די ווירקלעכקייט איז געווען
גרויליקער ווי דו אַליין.

עס האָט זיך מיר געחלומט אַ גרויל,
און יאָרן לאַנג דויערט ער שוין,
אין אַ שטאָק פינצטערער נאַכט איז
דאָס געווען, אַ גרויל אַ שמאַכט;

אין אַן אומענדלעכער וויסטעניש
האָב איך זיך פּלוצים דערזען,
אַרום אַ פאַרטייעטע שטילקייט
מיסטעריעז האָט געגליווערט.

אַ שווערער בלייענער הימל
טונקל בלוי, גרוי שוואַרצלעך,
ווי אויף אַן אַקוואַרעל אַ געמעל,
הענגט איבער מײַן קאָפּ.

פלוצים דערזע איך פון ווייטן,
אַ הויז, ווי איך אַזוי איינזאַם,
דאָרט שטייט עס פאַרלאָזן
געהילט ווי איך אין טומאַנען.

אָט נעמט גאָר אַ וואַנט זיך בייגן,
זיך בוקן, פונקט ווי זי וואָלט עס
אַ ווייטיק געפילט אין איר רוקן,
אָט פאַלט באַלד די וואַנט אַרונטער.

זאָג זשע מיר, דו חלום מיינער!
מישטעניק, להכעיסניק דו איינער!
וואָס האָסטו געדאַרפט, אין אַ פּרעלודיע
זיך פאַרשטעלן?

אַז די ווירקלעכקייט, איז געווען
גרויליקער, ווי דו אַליין.

אַז עס וועט אויספעלן רייז אין שטוב?

„אָט איז מיין פּאַספּאָרט, נאָ זע!״
האָט אַ דאַר קנאַכיק הענטעלע
אויסגעשטרעקט צו מיר
אַ מיניאַטור שולביכעלע.

„היינט יער איך זיך, היינט!
קוק, קוק, זע! אָט דאָ אָ זע״
האָט דאָס תמיד ברודיקע יינגל
מיר געשפּאַרט דאָס שולביכעלע,

פּונקט ווי ער וואָלט עס געוואָלט
מיר אויפווייזן זיין איידלקייט,
אַז ער זאָגט שוין מער קיין ליגנס.
אַז איצט איז ער אַ מאַנעלע...

ווייל אַמאָל, פּלעגט זעקאָ קומען
מיט פאַרשידענע ליגנס און שטיק.
אָבער היינט איז דאָס שוכפוצערל
ערנסט פאַרזאָרגט ווי אַ טאַטע.

דאָס שוואַרצע אָרעמע לעבן
מיט זיינע עלף ברידערלעך,
די ביטערע נויט אין שטוב
האָט זעקאָן ממש פאַרעלטערט.

יענעם אָוונט, איז אים געוואָרן
צוועלף ביטערע אָרעמע יאָרן
אָן רייז, אָן זייף,
אָן ברויט, נאָר הוילע גויט.

„וואַרט צו — זאָג איך צום שוכפוצערל —
איך וועל הייסן ברענגען שאָקאָלאַד,
זיסוואַרג, זאָלסט האָבן פאַר דיינע
ברידערלעך און שוועסטערלעך.״

„און אַז עס וועט אויספעלן רייז?״ —
רופט זיך אָפּ זעקאָ פאַרזאָרגט —
„אָבער היינט דאַרפסטו עסן זיסוואַרג.״
„און אַז עס וועט אויספעלן רייז...״

ס י ר ע י ע מ אַ

ווער איז זי די פויגל,
די גרויליקע גרויע
ווי קומט זי אַהערצו
הינטער מיין מויער... ?

ווי קומט זי אַהערצו
מיט איר אומעט, איר טרויער,
אונטער מיין פענצטער,
הינטער מיין מויער,

נישט גענוג שוין מיין אומעט,
מיין אייגענער טרויער ?
קומט זי נאָך אויסזינגען
איר אייגענעם טרויער.

אונטער מיין פענצטער,
הינטער מיין מויער ?
איר אייגענעם אומעט,
איר אייגענעם טרויער.

ווי קומט זי אַהערצו, סירעיעמאַ,
די פויגל די גרויע מיטן מענטשלעכן נאָמען,
אונטער מיין פענצטער,
הינטער מיין מויער.

דאָס האָט דער פּאַרמער
געבראַכט זי אַהערצו
פון פעלדער אומענדלעכע גרויע
פון פעלדער פאַרפעסטעט מיט שלאַנגען.

די פּאַרמער זיי האָבן זיי ליב גאָר
די דאָזיקע פייגל די גרויליקע גרויע
וואָס רוימען די פעלדער די גרויע
אָפּ פון די גיפטיקע שלאַנגען די גרויע.

אַלט שוין די פויגל געוועזן
נישט געקאָנט מער באַקעמפן די שלאַנגען.
האָט זי דער פּאַרמער געפאַנגען,
געבראַכט זי אַהערצו הינטער די שטאַנגען.

איצט שרייט זי די פויגל, די גרויליקע גרויע.
זי בענקט נאָך די פעלדער אומענדלעכע גרויע.
זי קען מער נישט עסן די שלאַנגען (איר עסן)
זי קען זיי די שלאַנגען קיין מאָל ניט פאַרגעסן.